STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01322

# YID UN VELT

Chaim Zhitlowsky

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by The F. Weiler Charity Fund*
*in memory of*
*Jack D. Weiler*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ש. דובנאָוו

# „גייסטיקער" נאַציאָנאַליזם *

[ס. מ. דובנאָוו. פּיסמאַ אָ סטאַראָם אי נאָוואָם יעווריייסטוויע. (1897—1907) (בריוו וועגן דעם אַלטן און דעם נייעם יידנטום) דערגענצטע אויסגאַבע. ס. פּעטערבורג. 1907. 8 און 370]

לויט ש. דובנאָוו, זיינען דאָ אויף דער וועלט דריי פאַרשיידענע טיפּן פון נאַציעס: „1) דער ראַסן־טיפּ, 2) דער טעריטאָריעל־פּאָליטישער אָדער דער סאָציאַל־אויטאָנאָמער, 3) דער קולטור־היסטאָרישער אָדער גייס־טיקער" (ז' 1). דער גייסטיקער טיפּ פון אַ נאַציע, רעכנט ער, איז „אַ העכערע שטופע אין דער עוואָלוציע פון די פעלקער איידער דער טערי־טאָריעלער" (ז' 367).

אַ שאָד נאָר, וואָס דער אויטאָר גיט אין ערגעץ ניט קיין שאַרפע דעפיניציע פון יענעם חילוק, וואָס דאַרף עקזיסטירן צווישן אָט די פאַר־שיידענע טיפּן. אויך שטעלט ער זיך אין ערגעץ ניט אָפּ, כדי צו געבן אונדז אַלע טעאָרעטישע פּרטים, פאַר וואָס מיר זאָלן דעם גייסטיקן טיפּ העכער שאַצן פאַר דעם טעריטאָריעל־פּאָליטישן אָדער דעם סאָציאַל־אויטאָנאָמען.

פון אייניקע געדאַנקען אָבער, וואָס זיינען צעזייט איבער דעם גאַנצן בוך, דערוויסן מיר זיך, וואָס אַזוינס אַ גייסטיקער טיפּ פון אַ נאַציע איז. דאָס איז אַזאַ, וואָס שטעלט זיך איין פאַר זיין עקזיסטענץ און אַנטוויקלט זיין געשיכטלעכן לעבן אָן דער הילף פון וועלכע עס איז דרויסנדיקע מיטלען, וואָס קאָנען באַוואָרענען די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט און די נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג.

אַזאַ נאַציע ווערט פאַרטיק מיט איר אויפגאַבע אָן אַ לאַנד, אָן אַ גע־מיינשאַפטלעכער נאַציאָנאַלער שפּראַך און אָן פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט.

---

* פון זאַמלבוך „סערפּ" (רוסיש, 1908), פאַרעפנטלעכט אין יידיש אין 1917.

נאָר אַדאַנק דער קראַפט פון זיין נאַציאָנאַלן ווילן, דער קראַפט פון זיין גייסט; אַדאַנק דער צוגעפּאַסטער דערציאונג פון זיין יונגן דור און דער באַשטימטער אָרגאַניזאַציע פון זיין אינעווייניקסטן קהילה־לעבן, ברעכט דורך אַזאַ נאַציע איר וועג אין דער געשיכטע און בלייבט טריי צו אַט דעם וועג.

אַ צווייטער סימן פון דעם גייסטיקן טיפּ — אַ סימן, וואָס קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערן פון דעם ערשטן — באַשטייט אין דעם, וואָס ער, דער גייסטיקער טיפּ, טרעט אַרויס ווי אַ באַוואוסטזיניקער טרעגער פון באַשטימטע אידעען־טראַדיציעס, פון באַשטימטע קולטור־אידעאַלן, וואָס צוליב זייער דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג טוט ער אָן אויף זיך דעם יאָך פון אַ מחוץ־טעריטאָריעלער, ריין גייסטיקער עקזיסטענץ.

לויט דעם אויטאָרס מיינונג, באַשטייט דער אמתער נאַציאָנאַליזם גראָד אין אַזאַ מין נאַציאָנאַל־גייסטיקער באַשאַפערישקייט, וואָס איז באַפרייט פון אַלע מיני סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

אין דער מאָדערנער מענטשלעכער געשיכטע געפינט זיך דערוויייל נאָר איין איינציק פאָלק, וואָס איז אַרויפגעקלעטערט אויף דעם העכסטן שפּיץ באַרג פון דער נאַציאָנאַלער עוואָלוציע: דאָס יידישע פאָלק! אין זיינע „בריוו״ וויל דאָ דער מחבר דערקלערן דעם תוך פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע, באַשטימען סיי די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס פליסט פון איר אַרויס, סיי די פאָרמען פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאָס יידישע פאָלק דאַרף אָננעמען. דורך דער קריטיק פון די פאַרשיידענע שטרעמונגען אין דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק וויל ער אויספּעכטן דעם טריאומף פאַר דער אידעע פון יענעם „אמתן נאַציאָנאַליזם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָריגינעלן שטריך פונעם יידנטום״ (ז׳ 176), פון יענער „העכערער וועלט־אַנשויאונג״, יענעם „גייסטיקן נאַציאָנאַליזם״, וועלכן די יידנשאַפט האָט אויסגעאַרבעט אין איר פיל־הונדערט־יאָריקער עוואָלוציע (ז׳ 176).

דאָס אַלטע יידנטום האָט געקוקט אויף דאָס יידישע פאָלק, ווי אויף אַ רעליגיעזער נאַציע. דאָס אַסימילאַטאָרישע יידנטום האָט געזען אין אים נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע מענטשן. דער אמתער יידישער נאַציאָנאַליזם דערנענטערט זיך אין דער פראַגע, לויט זיין אינעווייניקסטן מהות, צו דעם קוק פון דעם אַלטן יידנטום.

„דער שטאַנדפּונקט פון דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַסע קאָן מען — זאָגט דער מחבר — פאָרמולירן אַזוי: די יידנשאַפט איז אַ רעליגיעזע נאַציע. אירע מיטגלידער זיינען צונויפגעבונדן צווישן זיך דורך דער

קראַפט פון דעם רעליגיעזן אימפּעראַטיוו אָדער פון דעם „שלחן־ערוך״־דיסציפּלין, און יעדער איינער, וואָס טרעט ערנסט אַריבער די דיסציפּלין גייט אַרויס פון דעם פאָלקס־פאַרבאַנד. אַזאַ שטאַנדפּונקט גייט ניט להיפך, לויט זיין תּוך, צו דעם באַגריף פון אַ „גייסטיקער (אָדער קולטורעלער) נאַציע״: ער מאַכט נאָר אַ פעלער, ווען ער אידענטיפיצירט די טערמינען „גייסטיק״ און „קולטורעל״ מיט „רעליגיעז״ (ז׳ 15).

דער גייסטיק־קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון דעם יידישן פאָלק דאַרף זיין אַ פאָרטזעצונג און אַ ווייטערע אַנטוויקלונג (אין דעם גייסט פון אַל־געמיין־מענטשלעכע שטרעבונגען) פון דעם זעלביקן נאַציאָנאַליזם — דעם רעליגיעזן.

„די הויפּט־קרעפטן אונדזערע — זאָגט דער מחבר — דאַרפן אָנגע־ווענדט ווערן אויף די פאַרשטאַרקונג פון יענע לעבנסהאַפטע גרונט־זיילן פון דעם יידנטום, פאַר וועלכע מיר האָבן געקעמפט און געליטן אין אַ משך פון יאָרטויזנטער (ז׳ 290).

געוויס פאָדערן די אינטערעסן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָ־גרעס און פון דער ווייטערדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, מען זאָל סע־קולאַריזירן די נאַציאָנאַלע אידעע, מען זאָל אָפּטיילן די נאַציאָנאַליטעט פון דער רעליגיע. אָבער אָט די סעקולאַריזאַציע דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן אַזוי, אַז מען זאָל פאָרמעל אָפּלייקענען דעם יודאַאיזם און זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פון אים: „מיר ווילן נאָר, אַז די רעליגיע זאָל ניט הערשן און ניט, אַז זי זאָל אין גאַנצן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער נאַציעס גייס־טיקן קאַפּיטאַל״ (ז׳ 17).

דער יודאַאיזם איז ניט נאָר אַ רעליגיע; ער איז אַן אַלץ אַרומנעמענדע וועלט־אַנשויאונג, „וואוהין עס גייען אַריין עלעמענטן רעליגיעזע, עטישע, געזעלשאַפטלעכע, מעסיאַנישע, פּאָליטישע און פילאָסאָפישע. די גרונט־אידעען פון דעם יודאַאיזם דאַרפן אָנגעלייגט ווערן אויך אין דעם פונ־דאַמענט פון דער גייסטיק־קולטורעלער נאַציאָנאַל־יידישער אידעע. דאָס דערנענטערט אונדז צו דעם אַלטן יידנטום, אָבער אין דער זעלבער צייט דערווייטערט עס אויך אונדז פון אים״.

„דער חילוק צווישן אונדז און די אָרטאָדאָקסן — זאָגט דער מחבר — באַשטייט אין דעם, וואָס זיי אַנערקענען אַ טראַדיציאָנעלן יודאַאיזם, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסט געוואָרן אין זיינע פאָרמען, בעת מיר אַנדערקענען אַן עוואָלוציאָנערן יודאַאיזם, וואָס האָט געביטן און בייט זיינע פאָרמען, אָן אויפהער, זיך צופּאַסנדיק צו די באַ־דינגונגען פון אַ נייער קולטור״ (ד. ג.).

און אויך דאָס איז ממילא מובן, אַז דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום איז ניט קיין חוב פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַליזם. „מען קאָן זיין אַ ייד — זאָגט ער — לויט די נביאים אָדער לויטן תלמוד, לויט מיימאָניד אָדער לויטן שולחן־ערוך", לויט מענדעלסאָן אָדער לויט דעם בעל־שם, אַפילו לויט ספינאָזע אָדער גייגער, אויב נאָר דיביידע לעצטערע וואָלטן דער־גאַנגען ביז צו דעם אָנדערקענען די יידישע נאַציאָנאַלע אידעע אין איר מאָדערנעם זין" (ז׳ 18).

ש. דובנאָווס געדאַנק קאָן מען דעריבער פאָרמולירן אויף אַזאַ אופן: דאָס יידישע פאָלק, דאָס איז אַ נאַציע, וואָס אַרבעט אויס יודאַאיזם. אין דערינען ליגט דער זין און די באַרעכטיקונג פון איר אויטאָנאָמען לעבן, פון איר קאַמף פאַר אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

די אויסאַרבעטונג פון יודאַאיזם גיט אַרויס אין פאַרשיידענע צייטן פאַרשיידענע פּראָדוקטן, אָבער אַלע זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט איין און דער זעלביקער אייגנשאַפט: זיי געהערן צום יודאַאיזם אָדער, לפּחות, געהערן זיי ניט צו אַ וועלכער עס איז אַנדערער רעליגיעזער ספערע.

ש. דובנאָוו גייט ניט אַזוי ווייט, ער זאָל פאָדערן, אַז יעדער ייד זאָל פאָרמעל געהערן צו דער יידישער אמונה. ער פאַרשטייט, אַז אין דער איצטיקער צייט דאַרף מען זיך רעכענען מיט די תּביעות פון דעם פרייען געדאַנק, און דעריבער מאַכט ער גאַנץ באַדייטנדע הנחות צו דער מאָדער־נער „וועלטלעכער" ציוויליזאַציע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט זיין נאַציאָנאַליזם אַ נאָמען געגעבן „גייסטיק"־קולטורעלער.

נאָר איין זאַך פאָדערט ער: יידן זאָלן ניט אַריבערגיין צו אַן אַנדער גלויבן. „אַ ייד — זאָגט ער, קאָן זיין רעליגיעז אַן „איזראַעליט" אַקטיוו אָדער פּאַסיוו, רעיעל אָדער נאָמינעל. ער קאָן אַפילו זיין אַ „בלאַ" אָדער „קאָנפעסיאָנסלאָז" — אָבער זיך אָפּזאָגן פון יידנטום און פאָרמעל אַרי־בערגיין אין קריסטנטום איז שוין גלייך ווי ער וואָלט אין גאַנצן אַרויס־געגאַנגען פון דער יידישער נאַציע".

„מחמת דער אָפיציעלער איבערגאַנג אין אַן אַנדער אמונה באַדייט פאַקטיש פאַר אונדזער לאַגע אין גלות, אַרויסגיין פון דער יידישער נאַציע, אויב ניט פאַר דעם משומד אַליין, איז פאַר זיין נאָכקום, וואָס וועט מוזן זיך צונויפגיסן מיט דער אַרומיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג אויך לויט דער נאַציאָנאַליטעט" (ז׳ 19).

„דער יודאַאיזם — זאָגט ער נאָך אַמאָל אין אַן אַנדער אָרט, „ווי אַ טייל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, שטעלט מיט זיך פאַר דעם אַטריבוט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע, ווי אַן עוואָלוציאָנערער

פּרינציפּ און ניט קיין טראַדיציאָנעלער. אָפּזאָגן זיך פון אים אין זיין באַ־וועגלעכער פאָרעם איז פּאַקטיש גלייך צו דעם אַרויסגאַנג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע" (ז' 27, אונטערגעשטראָכן פון אונדז).

דערפאַר אָבער, ווען דאָס יידישע פאָלק בלייבט אין דעם גבול פון דעם ברייט־פאַרשטאַנענעם און זיך אַנטוויקלנדן יודאַאיזם, וועט עס קאָנען גיין אין איין טריט מיט זיין יאָרהונדערט, איבעראַרבעטן און אַריינגעמען אין זיך די אייראָפּעאישע קולטור אָן אַ ברעקל געפאַר פאַר די גרונט־פּרינציפּן פון דעם יודאַאיזם.

„מיר שטרעבן איצטער — זאָגט ער — צונויפצופאָרן אין איינעם די בעסערע זייטן פון דער אַלגעמיינער און דער יידישער אויפקלערונג; מיר נעמען אַריין אין זיך די אייראָפּעאישע קולטור און אין דער זעלביקער צייט ווילן מיר אָפּהיטן אַלדאָס בעסטע אין אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור; מיר דערוועגן זיך צו קריטיקירן דעם יודאַאיזם, אָן מורא, טאָמער צע־שטערן מיר אים, ווייל מיר גלייבן אין דער ניט בייצוקומענער מאַכט פון זיינע העכערע רעליגיעזע און עטישע אידעאַלן" (ז' 225).

די פאָרענדערטע שטעלונג צו דעם „אַלטן" יידנטום אין דער פראַגע וועגן דער יידישער טראַדיציע, איז ביי ש. דובנאָוו צונויפגעבונדן מיט אַ נאָך מער ראַדיקאַלערע שטעלונג צו די אייביקע האָפענונגען פון דעם פאָלק — ווען עס איז אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות, ווען עס איז אָנ־הייבן צו לעבן אין דעם אייגענעם לאַנד.

ש. דובנאָוו איז טיף איבערצייגט — און ער זאָגט דאָס אָפּט אַרויס אין זיינע בריוו —אַז „דער גלות וועט קיין מאָל ניט פאַרשווינדן, סיידן מען זאָל אַריינרעכענען אין חשבון דעם „אחרית־הימים" פון דער משיח־צייט" (ז' 320).

דערפון ווערט אַרויסגעדרונגען דער לאָגיש דורכאויס קאַרעקטער און אויך אין דער אמתן זייער ריכטיקער שלוס, אַז דער ציל פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַרבעט פאַר דער איצטיקער צייט דאַרף זיין „די אינעווייניקסטע ווידערבאַלעבונג פון די יידן אין אַלע ערטער, וואוהין די געשיכטע האָט זיי פאַרוואָרפן" (ז' 11). מחמת „אַלע צעזייטע טיילן פון דער יידישער דיאַספּאָרע שטעלן מיט זיך פאַר אַן איינהייטלעכן אומטיילבאַרן פאָלק, צונויפגעבונדן דורך אַלגעמיינע אינטערעסן (ז' 98).

אין דער פראַגע, ווי אָפּצושאַצן דעם גלות גייט זיך ש. דובנאָוו אויף דעם ראַדיקאַלסטן אופן פונאַנדער מיט כמעט אַלע נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען אין דער אַלטער און אין דער נייער יידנשאַפט. פיל אויפ־מערקזאַמקייט שענקט ער דער רעהאַביליטירונג פון דעם גלות. און איי־

גנטלעך קאָן דאָס אַנדערש ניט זיין פאַר איינעם, וואָס רעכנט דעם „גייס־טיקן טיפּ פון נאַציאָנאַליטעט" העכער פאַרן „טעריטאָריעלן".

דאָס הייסט ניט, אַז ש. דובנאָוו שטעלט זיך דורכאויס פיינטלעך צו דעם שטרעבן פון דעם ציוניזם אַריבערצוטראָגן דעם צענטער פון קול־טורעלע שאַפונגען פון דעם יידישן פאָלק קיין פּאַלעסטינע. אָבער אַפילו אַט דעם אַמווייניקסטן „טעריטאָריאַלן" און אַממערסטן „גייסטיקן" ציוניזם פון אחד העמס אַרט לאָזט ער צו נאָר, ווי אַ נוצלעכע נעבן־הילף פאַר דער פונדאַמענטאַלער אויפגאַבע — דער דערהאַלטונג און דער אַנטוויק־לונג פון דער יידישער נאַציע אין גלות גופא.

„די קראַפט פון אַ היסטאָרישן פאַקטאָר — באַהויפּטעט ער — וועט בלייבן ניט ביי יענעם ציוניזם, וואָס לייקנט אָפּ דעם גלות און לעבט מיט דעם פאַנטאַסטישן טרוים וועגן אָפּשאַפן אים, נאָר יענער, וואָס שטעלט זיך, אין איינעם מיט די אַנדערע אויפגאַבן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג אין דער גאַנצער וועלט, אויך דעם ציל: באַשאַפן נאָך אַן אַקומולאַטאָר פון אָריגינעלער גייסטיקער ענערגיע אויף שפּייזן דעם גלות, וואָס קעמפט מיט אַלע קרעפטן פאַר זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ (ז' 320).

אַט דער עקזיסטענץ־קאַמף פון דעם יידישן פאָלק אין גלות האָט גראָד אין אונדזער צייט אַלע שאַנסן אויף אַן ערפאָלג. „דערהאַלטן און פאַרפולקאָמען אונדזער נאַציאָנאַלן טיפּ אין דעם גייסט פון אונדזער היס־טאָרישער עוואָלוציע איז מעגלעך מיט דער הילף פון יענע מיטלען, וועלכע די מאָדערנע קולטור גיט אַלע נאַציעס, וואָס קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ" (ז' 110).

פיל שטאַטן, וואָס באַשטייען פון פאַרשיידענע פעלקער, זיינען שוין לאַנג פאַראינטערעסירט אין אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע רעכט פון די נאַציאָ־נאַלע מינאָריטעטן. די יידן, ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, דאַרפן אויך קעמפן פאַר זייערע, ניט אָוועקצורויבנדע נאַציאָנאַלע רעכט און זיך דער־שלאָגן צו אַ פולער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

אָבער — צו וואָס פאַר אַן אַרט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דאַרף זיך דערשלאָגן דאָס יידישע פאָלק? — ש. דובנאָוו ענטפערט אויף דער פראַגע אין די פאָלגנדע ווערטער, וואָס זיינען כולל אין זיך די קווינט־עסענץ פון יענע פּראַקטישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וועלכע ער שטעלט אַרויס צו דעם מאָדערנעם שטאַט.

„מיר מוזן פונאַנדערשיידן — **זאָגט ער** — **צוויי מינים** נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין אַ פאַרשיידנפאָלקלעכן שטאַט אָדער אַ נאַציאָנאַליטעטן־

שטאַט": 1) אַ טעריטאָריאַלע פֿאָלקשאַפֿט, װאָס איז אַ מינאָריטעט אין דעם אַלגעמײַנעם צונױפֿשטעל פֿון דער מדינה און איז אַ מאַיאָריטעט אין איר היסטאָרישן ראַיאָן אָדער פּראָװינץ (די פּױלן אין דרײַ אימפּעריעס, די טשעכן אין עסטרײַך וכדומה) 2) אַ ניט־טעריטאָריאַלע פֿאָלקשאַפֿט אָדער אַ פֿאָלק־תּשבורת, װאָס שטעלט ניט פֿאָר מיט זיך קײן מאַיאָריטעט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין דער געגעבענער פּראָװינץ (ייִדן אין אַלע לענ־דער, פּױלן און ליטע אױז"ו). פֿאַר די נאַציעס פֿון דעם ערשטן טיפּ דאַרף מען האָבן די אױטאָנאָמיע אין דער פֿאָרעם פֿון אַ ראַיאָן־סײם, פֿאַר די נאַציעס פֿון דעם צװײטן טיפּ — די אױטאָנאָמיע פֿון קולטורעלע קהילות" (ז' 83).

לײדער דערקלערט אונדז ש. דובנאָװ אין ערגעץ ניט, פֿאַר װאָס די טעריטאָריעלע פֿעלקער נײטיקן זיך אין אַ סײם און פֿאַרװאָס די עקס־טעריטאָריעלע זאָלן קאָנען אױסקומען מיט דער אױטאָנאָמיע פֿון קול־טורעלע קהילות. אין פֿלוג, דאַרף אױסקומען פּונקט פֿאַרקערט. אַ טערי־טאָריעלע פֿאָלקשאַפֿט, װאָס קאָן, אין איר קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, זיך שטיצן אױף אַזעלכע מעכטיקע דערהאַלטונגס־פֿאַקטאָרן, װי אַן אײגענע טעריטאָריע און אַן אײגענע שפּראַך, װאָלטן אױף דעם עקסטן פֿאַל גע־קאָנט אױסקומען לגמרי אָן אַ צענטראַלן סײם, װי באַלד זײ האָבן נאָר אין זײער ראַיאָן אױטאָנאָמע קהילות.

צוריק, די נאַציעס פֿון דעם צװײטן טיפּ, גראַד דערפֿאַר, װאָס זײ האָבן ניט קײן אײגן לאַנד און קײן אײגענע שפּראַך (ש. דובנאָװ װײזט מער מאָל אָן, אַז ייִדן פֿעלט די שפּראַכלעכע אײנהײט) — אַזױנע פֿעלקער נײטיקן זיך אױף דעם העכסטן גראַד אין אַ צענטראַלן, פֿאַראײניקנדן אָר־גאַן פֿון נאַציאָנאַלער אױטאָנאָמיע און קאָנען זיך בשום אופֿן ניט באַנוגע־נען בלױז מיט די אָרגאַנען פֿון אַ קהילה זעלבסט־פֿאַרװאַלטונג. דעריבער װאָלט ש. דובנאָװ, אַפֿילו בלײַבנדיק אין דעם גבול פֿון זײַן „גײַסטיקן" נאַציאָנאַליזם, געדאַרפֿט פֿאָסטולירן פֿאַר זײ אַ קולטורעלע אױטאָנאָמיע אין דער פֿאָרעם פֿון אַ סײם.

פֿאַקטיש טוט ער עס טאַקע. אין זײַן פּלאַן, װי אַזױ צו אָרגאַניזירן דאָס ייִדישע פֿאָלק אין גלות, נעמט ער אָן, אַחוץ דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קהילה, אױך דעם „ועד", ד"ה, אין תּוך אַרײַן אַ „סײם" מיט גאַנץ ברײטע פֿולמאַכטן און פֿונקציעס. אין זײער צאָל גײט אַרײַן ניט נאָר זאָרגן װעגן אינסטיטוציעס װאָס האַלטן אױף די נאַציאָנאַלע קולטור, נאָר אױך אײַנ־װירקן אױף דאָס עקאָנאָמישע לעבן, כּדי אױפֿצוהײבן די מדרגה פֿון דעם

פאָלקס וואָוילשטאַנד, אויפמונטערן קאָאָפּעראַציעס, פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען, רעגולירן די עמיגראַציע און דער גלייכן (ז׳ 315).

דער שווער־פּונקט פון ש. דובנאָווס באַטראַכטונגען ליגט אָבער ניט דערין, אין וועלכער פאָרעם דאָס יידישע פאָלק דאַרף האָבן זיין אויטאָנאָמיע, און די קליינע אונקאָנסעקוועגץ אין דער פאַרענטפערונג פון אָט דער פראַגע — ווי אויך אין נאָך אַנדערע פראַגן — שטערט לחלוטין ניט דער אויסגעהאַלטנקייט און צונויפגעשטימטקייט פון זיינע גרונט־פּרינציפּן.

די אָביעקטיוו־רעכטלעכע באַדינגונגען פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע זיינען וויכטיק אויף צו דערהאַלטן אַ „גייסטיק־קולטורעלע" נאַציאָנאַליטעט, אַ נאַציע פון אַ „העכערן טיפּ". דאָס פעלן פון נאַטירלעכע דערהאַלטונגס־פאַקטאָרן שאַפט ניט אָפּ די געפאַר אויך פאַר דער נאַציע פון אַזאַ טיפּ, זי זאָל אונטערפאַלן אונטער דער אַסימילירנדער ווירקונג פון דער אַרומיקער סביבה. עס איז פאַר איר נייטיק שטענדיק צו שטיין אויף דער וואַך. זי מוז פאַרשטאַרקערן די „אינעווייניקסטע שומרים", כּדי דורך דעם אויסצוגלייכן דעם שאָדן פון די פעלנדע „דרויסנדיקע אָפּהיטערס פון דעם נאַציאָנאַלן טיפּ". זי מוז אָנשטרענגען איר נאַציאָנאַלן ווילן צו אַן אויטאָנאָם־קולטורעלער אַנטוויקלונג, ענערגיש אָפּשטויסן די אַסימילירנדע ווירקונג פון דער אַרומיקער סביבה — אַ פּראָצעס, וואָס איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אין גלות" (ז׳ 11).

„דער נאַציאָנאַלער ווילן — זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט — דער ווילן צום לעבן פון אַ קאָלעקטיווער פּערזענלעכקייט, אַ רעזולטאַט סיי פון דער בירושה אַנגעזאַמלטער ענערגיע, סיי פון די אימפּולסן, וועלכע מיר באַקומען אין דער דערציאונג — אָט אין וואָס עס ליגט אונדזער לעבנס־קראַפט. די אָנשטרענגונג פון אָט דעם נאַציאָנאַלן ווילן דאַרף זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו דער סכּנה פון דער „אינעווייניקסטער דעראָבערונג" (ד״ה דער אַסימילאַציע — ח. זש.). כּדי אָבער צו שפּייזן אָט דעם סוביעקטיוון ווילנס־פאַקטאָר, מוז מען אין אַלע לעבנס־צווייגן אויפהאַלטן אונדזער היסטאָרישע עוואָלוציע, כּדי ניט אָפּצערייסן די יונגע צווייגן פון דעם אַלטן שטאַם; מען מוז פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער דערציאונג, פאַרטיידיקן אונדזער אויטאָנאָמיע פון דער קהילה און אין אַ נאָרמאַלן שטאַט פירן אַן אַקטיווע פּאָליטיק" (ז׳ 1327).

די נאַציאָנאַליסטן, וואָס ווייסן, אַז אין גלות האַלטן מיר זיך נאָר אַ דאַנק דעם אָנגעשטרענגטן נאַציאָנאַלן ווילן, „ווילן שטרעבן שטענדיק שטאַרקער מאַכן יענעם ווילן, דערנערן אים מיט דער געזונטער שפּייז

פון אונדזער מעכטיקער, יאָרהונדערטן אַלטער קולטור, וואָס שאַפט אין זיך איבער אַלע עלעמענטן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, און לאָזן אים — [דעם נאַציאָנאַלן ווילן] — אַרויסווייזן זיך אין אַ סואווערענער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס פאַר איר באַפעל דאַרפן זיך בייגן אַלע קלאַסן־אינטערעסן, אַלע פּאַרטיי־ און גרופּן־אינטערעסן... אַט די סואווערעניטעט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז דער דירעקטער אויסדרוק פון דעם פאָלקס סואווערעניטעט, פון זיין נאַציאָנאַלן ווילן, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם גאַנצן גאַנג פון אונדזער געשיכטע. די סואווערעניטעט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז אַ סוראָגאַט אַנשטאָט דער טעריטאָריאַלער איינהייט אין גלות, וועלכער שטעלט זיך אַנטקעגן דער דורענדער געפאַר פון דער „אינעווייניקסטער דעראָבערונג“. די אַנדערע פעלקער, אַפילו די אונטערדריקטע, נאָר וואָס זיינען פאַראייניקט דורך אַ טעריטאָריע און אַ געמיינשאַפטלעכער שפּראַך, נייטיקן זיך ניט אַזוי אין יענעם סוראָגאַט, אָדער נייטיקן זיך נאָר אין די מאָמענטן פון געפערלעכע קריזיסן. פאַר די הערשנדע פעלקער איז „די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק“ אַ שמאַכטפולער כּלי־זיין צו אונטערדריקן די אָפּהענגיקע נאַציעס; פאַר דער יידנשאַפט אָבער האָט דער לאָזונג אַ גאַנץ אַנדער זין, אַן אַנדער אינהאַלט: דאָס איז דער איינהייטס־סימבאָל פון דעם צעשטרייטן פאָלק, דער סימבאָל פון קולטורעלן און גייסטיקן זעלבסטשוץ; דאָס איז — דער ערלעכער וועג פון קאַמף פאַר דער אייגענער פאָלקס־אינדיווידואַליטעט, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט אַרומגעצוימט, אַחוץ די גייסטיקע פאַקטאָרן און דעם אינעווייניק־אויטאָנאָמען סדר פון לעבן“ (ז׳ 336).

דעם מחברס גרונט־שטאַנדפּונקט, וואָס זאָגט, אַז דער תּוך פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט באַשטייט אין דעם באַשאַפן אַן אייגענע „גייסטיקע“ קולטור, פירט צו דעם רעזולטאַט, אַז דער באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַלער ווילן צום לעבן אין גלות מוז אַנגעווענדט ווערן הויפּטזעכלעך אָדער גאָר אין גאַנצן אויף די באַפרידיקונג פון דעם פאָלקס גייסטיק־קולטורעלע באַדערפענישן און ניט אויף די באַפרידיקונג פון זיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע נויטן.

דער פּאַלעסטינישער באַוועגונג מאַכט דער מחבר פאָרוואורפן דערפאַר, וואָס זי האָט געשטרעבט צו פאַרענטפערן „ניט אַזוי די נאַציאָנאַל־קולטורעלע, ווי די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָגע“ (ז׳ 175). און אויף די ציוניסטן, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט דערהייבן צו די הויכן פון דעם גייסטיק־קולטורעלן נאַציאָנאַליזם, קוקט ער ווי אויף די „בני־נח“ („יאָזיטשניקי“) פון דער נאַציאָנאַלער אידעע“ (ז׳ 158). ש. דובנאָווס גייסטיק־

קולטורעלער נאַציאָנאַליזם, זאָגט זיך אָפּ אריינצוטראָגן וועלכע עס איז נייע ענטפערס אויף דעם פעלד פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן פון דעם ידישן פאָלק.

די פראַגע, פון וואָס לעבט דאָס ידישע פאָלק, ווי לעבט עס, צי איז נאָרמאַל די גאַנצע אַטמאָספערע פון זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, ווי שפיגלט זי זיך אָפּ אין אַלע זייטן פון זיין לעבנס־פיר, אין אַלע שייכותן צו די אַרומיקע פעלקער אין גלות, אין די באַציאונגען פון די אַרומיקע פעלקער צו אים — אַלע די און נאָך פילע אַנדערע ברענענדע פראַגן פון דער ידישער מאַטעריעלער ווירקלעכקייט פאַרשווינדן לגמרי — און מוזן לאָגיש לגמרי פאַרוושאונדן פון דעם גייסטיקן אויג פון דעם גייסטיקן קולטורעלן נאַציאָנאַליזם.

צעווייט איבער פאַרשידענע לענדער אין גלות, אָן אַן אייגענעם באָדן אונטער די פיס, דאַרף דאָס ידישע פאָלק זיך נאַטירלעך אָפּזאָגן פון אַ וועלכער עס איז זעלבסטשטענדיקייט אין די וויכטיקסטע לעבנס־פראַגן: אין דעם ענין פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראָבלעמען. ער מוז זיך אויסאיינען מיט דעם געדאַנק, אַז „די סאָציאַל־עקאָנאָמישע צרות זיינען אויסגעפאַלן אויף דעם גורל אויך פון אַ סך טעריטאָריאַלע פעלקער און אין דעם גע־געבענעם פאַל בלייבט פאַר אונדז נאָר צו וואַרטן אויף אַ דערלייכטערונג פון יענעם קאַמף פאַר אַ נייעם פאָליטישן און סאָציאַלן סדר, אין וועלכן אויך די יידן מוזן נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל צוגלייך מיט אַלע פעלקער, די יידן נאָך דערצו — ווי דער העכסט געקריוודעטער מיטגליד פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער משפחה״ (ז׳ 175).

אָבער — אויף דעם באָדן פון וועלכער פּלאַטפאָרם, פון וועלכן סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן פּראָגראַם, דאַרפן די יידן, זיין אייניק מיט די אַנדערע, קעמפן פאַר אַ נייעם פאָליטישן און סאָציאַלן פיר?

פון דעם מחברס גאַנצער טעאָרעטישער קאָנצעפּציע, וואָס שטרעבט צו פאַראייניקן דעם ווילן פון דער גאַנצער נאַציע אויף דעם קאַמף פאַר אַ ריין גייסטיקע עקזיסטענץ, פליסט קודם־כל אַרויס יענער רעזולטאַט, אַז אַ סאָציאַל־פּאָליטישער פּראָגראַם, וואָס נעמט אָן דעם קלאַסן־קאַמף פון אַרבעט אַנטקעגן קאַפּיטאַל פאַר דעם גרונט־פּרינציפּ פון זיין טאַקטיק, איז אַן אומגליק פאַר די געשיכטלעכע שיקזאַלן פון גייסטיק־קולטורעלן יידנטום.

„אַנשטאָט דער פּאָליטיק פון אַלגעמיינע פאָלקס־אינטערעסן, וואָס שטייען אין דער העכסטער געפאַר — בייזערט זיך ש. דובנאָוו — שלעפּט מען אונדז אויף דעם וועג פון קלאַסן־פּאָליטיק, וואָס שפּאַלט פונאַנדער

יענע אַלגעמיינע אינטערעסן און שטעלט אַוועק אויף זייער אָרט פּריוואַטע אינטערעסן, עקאָנאָמישע! דער קריגס־געשריי: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!" הערט מען פון יידישע לעפצן אין יענעם מאָמענט, ווען די רעטונג פון פאָלק פאָדערט, מען זאָל אָן אָן אויפהער שרייען: יידן פון אַלע קלאַסן און פּאַרטייען, פאַראייניקט אייך!" (ז' 307).

„ווען די פּאָליטיק פון קלאַסן־צעשיידונג — זאָגט ער ווייטער — פירט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַראייניקט נאָר אין זיינע קולטור־נאַציאָנאַלע אינטערעסן און וואָס שטייט אויף יעדן שריט אין דער סכנה איינגעשלונגען צו ווערן פון די אַרומיקע פעלקער, איז דאָס שוין ניט קיין פעלער, ניט קיין איינזייטיקייט, נאָר אַ פאַרברעך, ווייל דאָס פירט צו דעם פונאַנדערפאַל פון דער נאַציע" (ז' 308).

אַ נאַציע פון דעם העכערן, ד"ה, דעם גייסטיק־קולטורעלן טיפּ, דאַרף פירן ניט קיין קלאַסן־פּאָליטיק, נאָר אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

„אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, ד"ה, אַזאַ וואָס האָט צו איר ציל אַרומצוימען דעם פאָלקס גאַנצקייט און די זעלבסטשטענדיקייט פון זיין קולטורעלער אַנטוויקלונג — זאָגט ער — איז דער העכסטער קריטעריום אומעטום, וואו יענע גאַנצקייט און אינעווייניקסטע פרייהייט שטייט אין געפאַר. די יידישע נאַציע אין גלות, אָן לאַנד און צעבראָקלט, אומעטום מיט אַ סך מער פיינט (באַוואוסטזיניקע אָדער סטיכישע) איידער פריינד און, מחמת זיין לאַגע, אונטערגעוואָרפן דעם אַסימילירנדן איינפלוס פון פרעמדע קולטורן — געפינט זיך אין דעם אויבן אָנגעצייגטן פּרט אין דעם צושטאַנד פון אַ פּערמאַנענטער געפאַר. ממילא מוז פאַר דער יידנשאַפט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק שטענדיק זיין דער העכסטער קריטעריום פאַר אַלע פּאַרטייען און קלאַסן, וואָס נעמען ניט אָן דעם פּרינציפּ פון „צונויפמישונג" אָדער פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרלייקענונג. אין דעם פאָלק קאָנען און זאָלן עקזיסטירן פאַרשיידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע, גייסטיקע און קלאַסן־גרופּן, אָבער זיי אַלע מוזן זיך אונטערוואַרפן דער העכסטער פירערשאַפט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. די פאָרמול „סאַליוס פּאָפּולי סופּרעמאַ ליעקס" קאָן אויף דער יידנשאַפט אָנגעווענדט ווערן אות באות: דאָס העכסטע געזעץ אָדער קריטעריום איז גראָד די „רעטונג" (די אומבאַשעדלעכקייט) פון דעם פאָלק, וועמעס וועג אין גלות איז באַזייט מיט געפאַרן".

„די גאַנצע יידישע געשיכטע אין גלות איז די געשיכטע פון אַן ניט־איבערגעריסענעם פאַרטיידיקונגס־קריג, וועלכן די נאַציע האָט געפירט פאַר איר עקזיסטענץ, ווי אַ נאַציע, פאַר איר אינעווייניקסטער איינהייט און

אויטאָנאָמיע, ביי דער דרויסנדיקער פּאָליטישער און טעריטאָריאַלער צע־ברעקלטקייט. אין דערינען באַשטייט דער טראַגיזם און דער הויכער העראָאיזם פון אונדזער געשיכטע: דער טראַגיזם פון אַ שטענדיקן קריגס־צושטאַנד, וואָס פאָדערט פון דער נאַציע די אָנשטרענגונג פון אַלע אירע כּוחות פאַרן זעלבסטשוץ און דער העראָאיזם פון בייקומען די גרעסטע שטערונגען אין אַ משך פון צוויי טויזנט יאָר״.

„שאַפט אָפּ אָדער מאַכט באַדייטנד שוואַכער אָט די אָנשטרענגונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונגס־ענערגיע — און די יידנשאַפט וועט זיך פּלוצלונג געפינען אין דעם פּאָנטעאָן פון די געשטאָרבענע פעלקער־שאַפטן אָדער היסטאָרישע מומיעס. אָבער צו אַזאַ רעזולטאַט וועט מען קומען, ווען מען זאָל די נאַציאָנאַלע אָדער אַלגעמיין־פאָלקלעכע (איבער־קלאַסן־) פּאָליטיק פאַרבייטן אויף אַן אַנדער העכערן אָדער גלייכווער־טיקן קריטעריום, ווי צום ־שפּיל, די קלאַסן־פּאָליטיק״ (ז׳ 322—323).

אָבער אויב די פּראָגראַמען, וואָס רוען אויף דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף דאַרפן פאַרזאָגט ווערן פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, איז דעמאָלט — „וואָס זאָל אין דעם איצטיקן מאָמענט זיין יענע פּאָליטישע פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער די מערהייט פון די אַקטיווע קרעפטן אין דער יידנשאַפט וואָלטן געקאָנט, נעמענדיק אָנטייל אין דער אַלגעמיינער מלוכה־טעטיקייט — אַ רעוואָלוציאָנערער און אויפקומענדער — סיסטע־מאַטיש פירן זייער פאָלקס־פּאָליטיק? (ז׳ 308—309).

עס איז פאַר דעם לייענער ניט שווער צו טרעפן דעם ענטפער, וואָס ש. דובנאָוו גיט אויף דער שאלה.

„דאָס איז — ענטפערט ער — די פּלאַטפאָרם פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע אָדער, פּינקטלעכער, יענער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי, צו וועלכער עס שטייען צו אַלע געזונטע, פּאָליטיש־רייפע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט״ (ז׳ 309).

אויף אַזאַ אופן, איז דער לאָגישער אָפּשלוס, די קרוין פון ש. דובנאָווס „גייסטיק־קולטורעל־נאַציאָנאַלן״ בנין ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער נאַ־ציאָנאַל־יידישער קאַדעטיזם מיט אַן „עוואָלוציענער־יודאָאיסטישן״ אונ־טערשלאַק.

אָט דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן דער תּוך פון ש. דובנאָווס לערע. מיר ווייסן ניט, צי זי פאַרדינט, מען זאָל זי איבערגעבן אין אַלע ־רטים, דערקלערן זי און קריטיקירן זי. מיר ווילן זיך דאָ באַנוגענען נאָר מיט אַ פּאָר באַמערקונגען. פיל רעכענען ש. דובנאָוון פאַר דעם פאָטער פון דעם יידישן „אויטאָנאָמיזם״, דעם באַשאַפער פון יענער נאַציאָנאַלער

טעאָריע, וואָס זאָגט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אויף אייביק פאַרמשפּט צו לעבן אין גלות, און דאַרף דאָ, אין די גלות־לענדער, דערשלאָגן זיך צו נאַציאָנאַלע רעכט, איינשטעלן זיך פאַר זיין נאַציאָנאַלער קולטור און אַנטוויקלען זי.

אין איינעם פון וו. זשאַבאָטינסקיס אַרטיקלען (1916), האָבן מיר געפונען אַ דירעקטן אָנווייז, אַז דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון דעם „בונד" איז באַשאַפן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון ש. דובנאָווס „בריוו".

דאָס איז ניט ריכטיק. די אידעע פון אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער איז אויסגעוואַקסן אונטער דעם איינפלוס פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין די מיטעלע אַכציקער יאָרן, ווי אַ סינטעז פון דעם ציוניזם, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלק, אין דעם צווישן־פעלקערלעכן סאָציאַליזם, וועלכן מען האָט פאַר דעם יידישן פאָלק פאַרשטאַנען אַ ביסל צופיל אות באות: אין דער פאָרעם פון אַ זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ „צווישן די פעלקער".

אַרבעטן, אמת ניט צאָלרייכע, אָבער דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון יענעם נאַציאָנאַליזם, זיינען דערשינען אין דעם סוף אַכציקער און דעם אָנהייב ניינציקער יאָרן.*

אין 1896, הייסט עס, מיט אַ יאָר פריער, איידער עס זיינען דערשינען ש. דובנאָווס „בריוו", איז צו די אָנשוידאונגען פון דעם „גלות־נאַציאָנאַליזם" צוגעשטאַנען די דעמאָלטיקע רעדאַקציע פון דעם אויסלענדישן בונדיסטישן אָרגאַן „דער אידישן אַרבעטער". דער זעקסטער נומער פון אָט דעם צענטראַל־אָרגאַן איז אין גאַנצן געווען דורכגעדרונגען מיט די גרונט־אידעען פון דעם „אויטאָנאָמיזם". אין דעם זעלביקן נומער האָט דער בונדיסטישער נאַציאָנאַליזם זיך געפּרואווט טעאָרעטיש שאַרף אָפּגרעניצן פון דעם ציוניזם. ער פירט דאָרטן דורך דעם געדאַנק, אַז פאַר דעם נייעם נאַציאָנאַליזם, און זיין אונטערשייד פון דעם אַלטן, איז דער אַנטשיידענער פּרינציפּ ניט דאָס פאָטערלאַנד, ניט די טעריטאָריע, נאָר די זעלבסטשטענדיקע קולטור פון דעם פאָלק.**

---

* איך וויל מיך דאָ פאַררופן אויף מיינע „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריסטוואַ" פון 1887 און „יעווריי ק' יעווריאַם" פון 1892. (1916).

** בנוגע דעם „אידישן אַרבעטער" האָב איך געמאַכט אַ שטיקל טעות. דער זעקסטער נומער איז אַרויס ניט אין 1906, נאָר אין 1908. אָבער אַזוי ווי די אַרטיקלען,

נאָר אויב די טעאָרעטיקער, וואָס האָבן דעמאָלט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „בונד״, קאָנען מיט אַ געוויסן רעכט פּרעטענדירן אויף דעם נאָמען די „פּאַטערס״ פון דעם קולטורעלן נאַציאָנאַליזם, אין זיין אונטער־שייד פון דעם טעריטאָריעלן, וועלן זיי אין דער פראַגע וועגן דעם גייסטיקן נאַציאָנאַליזם זייער גערן איבערלאָזן ש. דובנאָוון ניט נאָר די ערשטלינג־פּאַלמע, נאָר אויך אַ פּאַטענט אויף אַליין־באַזיץ.

אין דער קולטור־נאַציאָנאַלער קאָנצעפּציע פון די „בונדיסטן״ און די „בונדיזירנדע״ איז ניט אַריין אַפילו קיין שאָטן פון יענעם „גייסטיקן״ נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך ביי ש. דובנאָוון לאָגיש צונויפגעבונדן מיט דעם יודאַאיזם, קאָדעטיזם און דער אָפּלייקענונג פון דעם קלאַסן־קאַמף. דאָרטן איז קיין רייד ניט געווען וועגן דעם, אַז דאָס פאָלק איז מחויב אָפּצוהיטן און צו אַנטוויקלען די אָדער יענע רעליגיעזע, פילאָסאָפישע אָדער אַפילו סאָציאַל־עטישע „טראַדיציעס״, די אָדער יענע זיילן פון אַ „פיל־הונדערט־יאָריקער קולטור״.

איינגעגלייבטע אָנהענגער פון דעם פּרינציפּ פון דער פרייער פּער־זענלעכקייט און דעם פרייען קריטישן געדאַנק, האָבן זיי געוואָלט אויס־קעמפן פאַר זייער פאָלק אַזעלכע פאָרמען פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות, וואָס זאָלן גאַראַנטירן יעדן יחיד די מעגלעכקייט צו בלייבן אין דעם גבול פון זיין פאָלק און דעם פאָלק די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיין נאַציאָנאַליטעט, אַפילו אויך דעמאָלט, ווען זיי ביידן, סיי דעם יחיד, סיי דעם פאָלק, וואָלט אויסגעקומען אַרויסצוואַרפן איבערן באָרט — ווייל ער האָט אויפגעהערט צו טויגן — דעם גאַנצן (אות באות: דעם גאַנצן) גייסטיקן באַגאַזש, וועלכן אונדזער פאָלק האָט געשלעפּט מיט זיך אין אַ משך פון יאָרהונדערטן: דעם גאַנצן יודאַאיזם, מיט זיין גאַנצער רעליגיע, פילאָסאָפן און מאָראַל.

דאָס הייסט ניט, אַז זיי האָבן זיך פּרינציפּיעל און לגמרי נעגאַטיוו באַצויגן צו יענער גאַנצער קולטורעלער ירושה, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דעם יידישן פאָלק. דער שרייבער פון די צייל̇ן, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אויסאַרבעטן די טעאָריע פונעם קולטורעלן נאַציאָ־נאַליזם, איז שוין אויך דעמאָלט געווען איבערצייגט — און איז עד היום

---

חעגן וועלכע איך רעד דאָ, זיינען געווען געשריבן פון מיר (אונטער דעם פּסעוודאָ־נים „בן אהוד״), בלייבט מיר גאָר נישט צו פאַרריכטן אין טעקסט. און בכלל קאָן מען היסטאָריש באַווייזן, אַז דעם „בונדס״ אויטאָנאָמיזם האָט געשטאַמט פון אַ סאָציאַליסטישן מקור און האָט גאָרניט צו פאַרדאַנקען ש. דובנאָווס טעאָריען. (1916).

געבליבן ביי זיין איבערצייגונג — אַז ניט אַלץ איז צעפּוילט אין די אַלטע אוצרות פון אונדזער פאָלק. ער גלייבט, אַז אַ קריטישע דורכ־מוסטערונג פון אונדזער קולטורעלער ירושה וועט אַרויסברענגען אומ־געהייערע אוצרות פון אַזוינע גייסטיקע רייכטימער, וואָס ניט נאָר וועלן מיר זיך ניט דאַרפן שעמען פאַר זיי, נאָר וואָס וועלן אַרויפלייגן אַ חוב אויף אונדזער אינטעליגענץ, פונאַנדעראַרבעטן זיי און מאַכן זיי פאַר דעם אייגנטום פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אָבער אויך פאַר אונדז וועט זייער ווערט באַשטיין ניט אין דעם, וואָס זיי זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אונדזערע אָבות, נאָר אין יענע טיפע אַלגעמיין־מענטשלעכע יסודות, וואָס געפינען זיך אין זיי. פאַר אונדז זיינען יענע אוצרות ענג צונויפגעוועבט מיט געוויסע שאַטירונגען פון אונדזער ריין יידישער פסיכיק. אָבער זיי קאָנען גאַנץ זיכער אַריבער־געגאָסן ווערן אין אַנדערע נאַציאָנאַלע פורעמס און ווערן אַ טייל פון דער זיך אַנטוויקלענדער מענטשלעכער קולטור.

פונדעסטוועגן, ווי רויזנפאַרביק מיר זאָלן ניט קוקן אויף דעם ווערט פון געוויסע עלעמענטן אין דעם אַלט־יידישן שאַפן, קאָנען מיר זיי קיינעם ניט אָנהענגען, ניט נאָר ניט דער מענטשהייט, נאָר אַפילו ניט דעם איי־גענעם פאָלק. זייער טריאומף אין דעם קאַמף פון מענטשלעכע געדאַנקען קאָן און זאָל, אַפילו ביי דעם יידישן פאָלק, דערגרייכט ווערן נאָר אויף איין איינציקן אופן: דורך דעם קאַמף פון אידעען.

און אַפילו דעמאָלט, ווען זיי זאָלן האָבן געזיגט, טאָרן זיי ניט ווערן קיין צענז, וואָס באַשטימט די צוגעהעריקייט צו דער יידישער נאַציאָ־נאַליטעט. די דאָזיקע צוגעהעריקייט דאַרף אויך ביי אונדז זיין, ווי ביי אַלע פעלקער, לחלוטין אומאָפּהענגיק פון וועלכע עס איז מיינונגען און גלויבונגען.

מען קאָן זיין אַ ייד ניט נאָר, „לויט דעם בעל־שם אָדער לויט ספּי־נאָזע". מען קאָן זיין אַ ייד אויך לויט ישו, דעם קריסט. איך קאָן זיין אַן אָנהענגער פון דעם „מיסטישן עראָטיזם", לאָמיר זאָגן, לויט שבתי־צבי, אָבער אויב אין דעם פּונקט געפעלט מיר בעסער ה' וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, הער איך דערפון ניט אויף צו זיין אַ ייד.

אַלע שאַטירונגען פון דעם פילאָסאָפישן, רעליגיעזן און סאָציאַל־פּאָליטישן געדאַנק, די גאַנצע גאַמע פון מענטשלעכן אמת־זוכן און פון מענטשלעכע פאַראירונגען טאָרן ניט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער יידישער באַשאַפונגס־ספערע. אַזאַ אָדער אַן אַנדער געדאַנקען־קרייז, וואָס זאָל זיין אָבליגאַטאָריש פאַר דעם יידישן פאָלק, וועט, ווי ברייט ער זאָל ניט זיין,

אומבאַדינגט באַשאַפן אַ ווייטע ספערע פאַרבאַטענע געדאַנקען־פּרוכטן, וואָס ליגן דרויסן פון אים. און מיט דעם וואָלט געמוזט גיין האַנט אין האַנט אַן אינקוויזיטאָריש גראָבן זיך אין דעם אַנדערנס געוויסן, אַן אומגעזעצלעך אַריינרייסן זיך פון דער נאַציע אין די העכסטע אינטימע עולמות פון דעם יחידס לעבן.

אַן אַבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג, ווען אַפילו זי וואָלט באַשטאַנען נאָר אין דעם, מען זאָל ניט צולאָזן קיין אַנשויאונגען, וואָס זיינען „שעדלעך" פאַרן פאָלק, וואָלט אויפגעהאַלטן און פאַראייביקט דעם אַנטאַגאַניזם צווישן די אָפיציעלע אַנשויאונגען פון דעם פאָלק און די פרייהייט־ליבנדע שטרעבונגען פון דעם יחיד — אַן אַנטאַגאַניזם, וואָס האָט ביז אַהער כּמעט אומעטום געהערשט אין דער יידישער געשיכטע און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איר העכסט טראַגישע און אַמווייניקסטן סימפּאַטישע זייט.

די אַבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג וואָלט בלי־ספק פאַרמשפּט דאָס פאָלק צו אַ שטילשטאַנד אָדער אַפילו צו אַ גייסטיקן רעגרעס, ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז דער פּראָגרעס פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן געדאַנק גייט ניט נאָר להיפך צו די אָדער יענע פאָרמען און דערשיינונגען פון יענער וועלט־אַנשויאונג, נאָר איז אַבסאָלוט פיינטלעך צו זיינע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן.

אַזאַ אָדער אַנדער אַרויפגעצוואונגענער געדאַנקען־גאַנג, אַפילו דער אָדער יענער קרייז פון גייסטיקע אינטערעסן, וואָס זאָל לכתּחילה דיקטירט ווערן דעם פאָלק, וועט אומפאַרמיידלעך מוזן פירן דערצו, אַז די מער רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייטן, די וואָס גייען זיך אַמראַדיקאַלסטן פונאַנדער מיט זייער סביבה, וועלן זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס אייגענע פאָלק און זען צושטיין צו אַנדערע, פרייערע פעלקער און קולטורן.

יענע פּערזענלעכקייטן זיינען אָבער גראָד דער פערמענט, וואָס לאָזט ניט רוען דעם קולטורעלן פּראָגרעס. זיי דריקן אויס אַלע יענע רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן, וואָס זיינען אַנגעוואַקסן אין אַלע צווייגן פון דעם פאָלקס־לעבן. גייען זיי אַוועק, דעמאָלט וועלן בלייבן אין דער היים, ווי טרייע קינדער, נאָר די צרהדיקע בינונים מיט דעם ענגן, פיליסטערישן האָריזאָנט פאַר זייערע געדאַנקען און געפילן.

די גאַנצע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק באַווייזט די ריכטיקייט פון דעם נאָר וואָס געזאָגטן און שטעלט גענוג קלאָר אַרויס אָט די הויפּט־צרה פון דעם יידישן לעבן אין גלות.

ש. דובנאָווס פּראָגראַם שאַפט ניט אָפּ די צרה. ער באַפרייט ניט דעם

יידישן געדאַנק פון יענע נעצן און קייטן, וועלכע די יידישע נאַציע האָט אַרויפגעלייגט אויף אים, דעם געדאַנקען, מיין איך, אין די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונג. ש. דובנאָוו שטרעבט נאָר צו באַגילדן יענע קייטן, מאַכן זיי לייכטער, ניט אַזוי שניידנד און צוגעבן זיי דעם אויסזען פון נאַציאָנאַלע „בראַסלעטן״, וועלכע יעדער ייד זאָל דאַרפן טראָגן מיט שטאָלץ.

דער קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון די „בונדיזירנדע״ איז ניט געווען שולדיק אין אַזעלכע גרייזן. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מען קאָן אין גלות גופא דערשלאָגן זיך צו גאַנץ נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט.

מען דאַרף נאָר אויסקעמפן נאַציאָנאַלע רעכט פאַר דעם יידישן פאָלק, מען דאַרף נאָר דורך פּאַסיקע ריין־יידישע דערציאונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן אויפהייבן די גערעדטע יידישע שפּראַך (דעם אַזוי אָנגערופענעם זשאַרגאָן) צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער, נאַציאָנאַ־לער שפּראַך, און די דערהאַלטונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט איז פאַרוואָרנט אויף אַזוינע באַדינגונגען, וואָס וועלן מאַכן לחלוטין איבעריק די צוגעהעריקייט צו געוויסע רעליגיעז־פילאָסאָפישע טראַדיציעס.

די יידישע איינצל־פּערזענלעכקייטן וועלן זיך באַפרייען פון אַלע שטריק, וואָס די נאַציע לייגט אויף זיי אַרויף אין דעם נאָמען פון איר דערהאַלטונג. צונויפגעבונדן אין איינעם דורך דער איינהייט פון דער יידי־שער שפּראַך און אויך דורך יענעם נאַטירלעכן שטרעבן צו זיין זעלבסט־שטענדיק און פריי פון אַנדערע פעלקער, וואָס יעדעם פאָלק ווייזט אַרויס, בעת עס פאַרענטפערט זיינע קולטורעלע פּראָבלעמען, וועלן אויך די יידן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, גאַנץ נאַטירלעך, אָן אַ ברעקל „העראָאיזם״ און „טראַגיזם״, אָן אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג פון דעם נאַציאָנאַלן ווילן, לעבן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן, ד״ה, איבעראַרבעטן אויף זייער איי־גענעם אופן דעם גאַנצן מעכטיקן אוצר פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, אַפילו יענעם טייל, וואָס איז ביז אַהער געווען אַ פאַרבאָטענע פרוכט פאַר דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, ווייל זי האָט געשטעלט אין געפאַר די זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ פון דער נאַציע.

אויב די מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק וואָלט זיך ווען עס איז פאַראינטערעסירט אין קריסטנטום, וואָלט זי געקאָנט אָננעמען די קריסט־לעכע אמונה אויך פאָרמעל און זי וואָלט דערביי גאָרנישט ניט געליטן אין דעם נאַציאָנאַלן זין. אַ קריסטנטום, וואָס וואָלט געוואָרן די אמונה פון אַ באַדייטנדע צאָל יידן, וואָלט אומפאַרמיידלעך באַקומען אַן אייגע־

נעם אָריגינעלן כאַראַקטער, וואָס שטימט צונויף מיט די באַשאַפונגס־פאָרמען פון דער יידישער פסיכאָ־פיזישער אָרגאַניזאַציע.

דעם זעלביקן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער וואָלט אויך אָנגענומען יעדער אַנדער געדאַנקען־סיסטעם, אויב אַ באַדייטנדע צאָל יידן וואָלט אַריבער־גענומען אים פון דער אַרומיקער סביבה און אויב ער וואָלט ווערן ווייטער פונאַנדערגעאַרבעט פון יידישע קרעפטן אין דעם גבול פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט.

די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ וואָלט געקאָנט פריי און אָן מורא פונאַנדערוויקלען די פּאַן פון דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם פאַר די יידישע אַרבעטנדע מאַסן, אין איינעם מיט זיי אַריינגעמען אין די אייגענע הענט דעם גורל פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק און, דורך דעם קלאַסן־קאַמף פון דער יידישער אַרבעט אַנטקעגן דעם יידישן קאַפּיטאַל, דורך דעם אַנטייל נעמען אין דער אַל־וועלטלעכער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון דעם סאָציאַליזם, פאַרזיכערן דעם טריאומף פון זיינע אידעאַלן אויך אין די גרענעצן פון דער יידישער נאַ־ציאָנאַליטעט. אין דער משפחה פון דער באַפרייטער מענטשהייט, וואָלט דאָס יידישע פאָלק פאַרנומען, ווי אַ נאַציע, יענעם גלייכבאַרעכטיקטן פּלאַץ, וועלכן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם גאַראַנטירט אַלע פעל־קער אָן אַן אויסנאַם.

דער קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון די „בונדיזירנדע״ איז, לויט זיינע טעאָרעטישע אָנשויאונגען און אידעאַלן, געווען אַקוראַט אַזוי ווייט פון ש. דובנאָווס „גייסטיק־קולטורעלן״ נאַציאָנאַליזם, אויף וויפל דער סאָ־ציאַליזם איז ווייט פון דעם קאָדעטיזם.

עס איז ניט דאָ דער אָרט אויסצורעכענען אַלע יענע פאַרשיידענע אַרגומענטן, וואָס האָבן געצוואונגען דעם יידישן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן געדאַנק זיך אָפּצוזאָגן פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם און איינצוזען יענעם, אין מיינע אויגן, באַשיימפּערלעכן אמת, אַז עס איז אוממעגלעך צו האָבן אַ פרייע קולטורעלע אומאָפּהענגיקייט דאָרטן, וואו עס איז ניטאָ קיין באָדן פון אייגן לאַנד אונטער די פיס. אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור זיינען צונויפגעוואַקסן אין איינעם און די הויפּט ראָלע אין זיי שפּילן די סאָציאַל־פּאָליטישע און די עקאָנאָמישע באַציאונגען. כדי צו האָבן אַ זעלבסטשטענדיקן קולטורעלן לעבן בכלל, מוז מען דעריבער פריי־ער האָבן די מעגלעכקייט זעלבסטשטענדיק איינצואָרדענען דאָס עקאָנאָ־מישע און דאָס סאָציאַל־פּאָליטישע לעבן פון דעם פאָלק. אָבער דאָס ווידער איז פון זיין זייט אוממעגלעך דורכצופירן אָן אַן אייגענעם לאַנד, ד״ה, אָן

אַ טעריטאָריע מיט אַ האָמאָגענער יידישער באַפעלקערונג, פאַרבונדן מיט דעם רעכט איינצואָרדענען די יסודות פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אַזוי ווי דאָס שטימט צונויף מיט דעם ווילן פון דער מאַיאָריטעט.

עס איז אויך ניט דאָ דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך בּאַריכות אויף דעם באַוויַיז פון יענעם געדאַנק, אַז דער „דריטער אַגרעגאַט־צושטאַנד" פון אַ קולטורעלער נאַציע — דער „גאַזאָפאָרמיקער" אָדער „גייסטיקער" — וועט פּאָזיטיוו פאָדערן, מען זאָל אָנווענדן אַן אומגעהויערע מאַסע ענערגיע, כּדי גובר צו זיין די אַנציאונגס־קראַפט פון די שטאַרקערע, סאָלידערע נאַציאָנאַלע קערפּערס און כּדי איינצוהאַלטן די „קינעטישערע" טיילעכלעך אין דעם גבול פון דעם „לופט־אַרטיקן" גאַנצן.

ניט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון דעם נאַציאָנאַלן ווילן, וועט אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק — און דווקא פון זיינע בעסטע קינדער — זיך אָפּשפּאַלטן פון אים, אַן אַנדער טייל וועט אומפּענדלען ווי אַן אומרו, צווישן צוויי פּאָלוסן פון קולטורעלער צעציאונג, נאָך אַ טייל וועט זיך איינמאַרענירן אין הערמעטיש פאַרמאַכטע כּלים פון דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום, און נאָר די קאָמפּראָמיסלעכע מיטלמעסיקייט וועט אויסאַרבעטן אַ מין „גייסטיקן" נאַציאָנאַליזם, אָן ברייטע פּערספּעקטיוון און אידעאַלן, אָן אַ גרויסן שוואונג פון נאַציאָנאַלן שאַפן און וועט אָנשטרענגען דעם גאַנצן „נאַציאָנאַלן ווילן צום לעבן", כּדי אויסצומיידן די עקסטרעמען אין דעם רעליגיעזן, פילאָסאָפישן און סאָציאַל־פּאָליטישן געדאַנק. אין־דער־וואָכן וועט זי, אין דעם עפנטלעכן און דעם פּאָליטישן לעבן, זיך נאָכשלעפּן נאָך דעם עק פון אַקוראַט אַזאַ קאָמפּראָמיסלעכער מיטלמעסיקייט ביי די אַנדערע פעלקער און נאָר אין שבתים און יום־טובים וועט זי מיט דער זעלביקער אָפּגעהיטקייט וועבן יענע „גייסטיקע" שפּינוועבס, וואָס דאַרף אָפּהיטן דאָס יידישע פאָלק פון דער „פּערמאַנענטער געפאַר" — פאַרשלונגען צו ווערן פון די אַנדערע פעלקער.

ש. דובנאָוו זעט אין אַזאַ „פּערמאַנענטן" לעבן איבער אַן אָפּגרונט אַ באַזונדער „טראַגיזם און הערױזם" און דערבליקט אין אים דעם דערקענונגס־שטריך פון דער יידישער געשיכטע, איר באַצויבערנדן חן. אָבער ש. דובנאָוו, ווי עס שיינט, לאָזט אַרויס פון אויג איין איינציקן, זייער אַ וויכטיקן אומשטאַנד.

דאָס יידישע פאָלק לעבט און הערט ניט אויף צו לעבן איבערן אָפּגרונט, באַזעלט דורך דעם ליידנשאַפטלעכן גלויבן: אַז ער וועט אין גיכן אויסגעלייזט ווערן פון אַזאַ לעבן. ער האָט אַריבערגעטראָגן אַלע יסורים פון גלות, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז צו דעם גלות

דאַרף קומען אַ סוף, אַז ער וועט זיך באַלד צוריק אומקערן אין זיין אייגן לאַנד און דאָרטן וועט ער אָנהייבן פירן אַ פרייען, זעלבסשטענדיקן לעבן און וועט אַלע פעלקער באַווייזן אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען זאָל פאַר־ווירקלעכן דעם יושר בין אָדם לחברו.

אָט צו דעם נאַציאָנאַלן טרוים אונדזערן וועגן אַן אַלוועלטלעכער מיסיע פון יידישן פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד קאָן מען זיך אָוועק־שטעלן, ווי מען וויל. אָבער נאָר אָט דער נאַציאָנאַלער טרוים, אָט דער נאַציאָנאַלער גלויבן האָט אַרומגעוועבט מיט העראָאישער, טראַגישער שיינקייט די היסטאָרישע שיקזאַלן פון דעם יידישן פאָלק אין גלות.

נעמט אַרויס פון דער יידישער געשיכטע אָט די נשמה, נעמט ביי איר אָוועק אַפילו נאָר דעם טרוים וועגן נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, און די גאַנצע יידישע געשיכטע באַווייזט זיך פאַר אונדז דעמאָלט ניט אין אַ העראָאישער, נאָר אין אַ פּאַטאָלאָגישער באַלייכטונג, און איר גאַנ־צער העראָאיזם ברענגט אונדז אַקוראַט אַזוי ווייניק אַריין אין התלהבות, ווי ווייניק מיר ווערן נתפּעל פון אַלע יענע העראָאישע זעלבסט־פּייני־קונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט פון סעקטאַנטישע פאַנאַטיקער, ווען זיי פאַלן אַריין אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז.

ש. דובנאָוו מונטערט אויף דאָס יידישע פאָלק, עס זאָל אויך אויף ווייטער ניט אויפהערן „טראַגידירן״ און „העלדעווען״ — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — ניט אין דעם נאָמען פון אַ דורכאויס אומאָפּהענגיקן נאַציאָנאַלן לעבן, נאָר אין דעם נאָמען פון דעם „עוואָלוציאָנערן יודאַ־איזם״. דער לייענער האָט אַ רעכט צו פאָדערן פון אים, ער זאָל דאָך אָמאָל דערקלערן וואָס פאַר אַ מין בריאה דאָס איז, אָט דער „עוואָלוציאָ־נערער יודאַאיזם״, וואָס צוליב אים זאָל זיך לוינען צו בלייבן אין אַ „פּערמאַנענטער געפאַר״.

ליידער האָבן מיר אין דעם גאַנצן בוך „בריוו״ ניט געפונען קיין איין שורה, וואָס זאָל אונדז אָנווייזן יענע יסודות פון דעם יודאַאיזם, וואָס זיינען טייער ש. דובנאָוון, אויף יענע אייביקע שטריכן, וואָס שיידן אַרויס דעם יודאַאיזם פון דעם גאַנצן סכום גייסטיקע שטרעמונגען און וואָס גיבן אים די מעגלעכקייט, עוואָלוציאָנירנדיק, אייביק בלייבן יו־דאַאיזם.

איבער דעם גאַנצן בוך פון דעם „בריוו״ טראָגט זיך אַרויס ש. דוב־נאָווס „גייסטיקער נאַציאָנאַליזם״, ווי דער „רוח אלוהים״ איבערן אָפּ־גרונט און ווי, כּביכול, דער רוח אלוהים, פאַרבאָרגט ער אין עקשנות זיין פּנים פון יעדן בשר־דם. מיר האָבן קיין רעכט ניט צו צווייפלען,

אַז אין ש. דובנאָווס געדאַנקען האָט דער יודאַאיזם אַ באַשטימטע „צלם ודמות“. אָבער עס איז וויניק צו האָבן אים נאָר אין די געדאַנקען!

אַ טעאָריע, וואָס פאָדערט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך דערהאַלטן צוליב אַ באַשטימטער אידעע, האָט קודם־כל באַדאַרפט דערקלערן דעם אינהאַלט פון יענער אידעע פּאַרטיידיקן איר רעכט אויף עקזיסטענץ און ווייטערדיקע אַנטוויקלונג; געדאַרפט באַווייזן, אַז נאָר דאָס יידישע פאָלק קאָן אויספירן אָט די מיסיע, און ערשט דערנאָך זיך נעמען פאַר יענע פּראַקטישע אויספירן, וואָס ווערן דיקטירט פון דער אידעע.

אמת, וואָס פאַר אַ שיינעם „צלם ודמות“ דער דובנאָווישער יודאַאיזם זאָל ניט האָבן דערביי אַרויסגעוויזן, וואָלט ער ניט געקאָנט דינען ניט ווי אַ ציל פאַר רעהאַבּיליטירן דעם גלות און ניט ווי אַ באַזיס פאַר דעם נאַציאָנאַלן לעבן. מחמת יעדער באַשטימטער אידעאַלער אינהאַלט מאַכט זיינע אָנהענגער ניט פאַר קינדער פון איין נאַציע, נאָר פאַר גלייביקע פון איין אמונה. באַפרייען די נאַציע פון אַן אָבליגאַטאָרישער רעליגיע און פון וועלכע עס איז אָבליגאַטאָרישע אַנשויאונגען איבערהויפּט — דאָס איז די הויפּט־באַדינגונג פאַר איר פרייער גייסטיקער אַנטוויקלונג. נאָר דערפאַר וואָלט ש. דובנאָווס גאַנצע טעאָריע לפּחות געהאַט דעמאָלט אַ וואָסער עס איז „צלם ודמות“. איצטער אָבער איז זיין „גייסטיקער נאַ־ציאָנאַליזם“ אַזאַ: ניט נאָר ראָט ער דעם יידישן פאָלק עס זאָל זיך אייביק אַרומטראָגן איבערן אָפּגרונט, נאָר ער האָט אַליין אויך ניט קיין ברעקל טעאָרעטישן גרונט אונטער זיינע פיס.

אין ש. דובנאָווס גאַנצער לערע זיינען נאָר דאָ צוויי עלעמענטן, וואָס זיינען טיף ריכטיק און לעבנס־פעאיק. איינער פון זיי איז דער קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, וואָס אים האָט דער מחבר געווידמעט אַ סך בלעטער, פול איידעלן שכל און פון גרונט, אמתן, הייסן געפיל. דער צווייטער עלעמענט איז די פאָדערונג פון דער יידישער נאַציאָנאַ־לער ווידערבאַלעבונג אין אַלע גלות־לענדער אויף די יסודות פון נאַ־ציאָנאַל־רעכטלעכע אויטאָנאָמיע.

דאָס נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע לעבן אין גלות, איז ביי געוויסע באַ־דינגונגען, געוויס אַ פאָרטזעצונג פון דעם יידישן היסטאָרישן לעבן.

אונדזער פאָלק האָט באמת באַוויזן דער וועלט אַ וואונדער. ווי אַן אַקראָבאַט אויף אַ שטריק, אַזוי איז עס איבער אַן אָפּגרונט געגאַנגען זיין היסטאָרישן וועג מיט אַ באַלאַנס אין די הענט, דעם רעליגיעזן גלויבן אין משיח. כּל זמן עס וועט ניט האָבן קיין באָדן אונטער זיינע פיס, וועט עס געצוואונגען זיין ווייטער צו גיין דעם זעלביקן וועג. דער יידי־

שער פּראָלעטאַריאַט און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, ווי די פאָרט־געשריטנסטע שיכטן פון פאָלק, וועלן ניט קאָנען אויסמיידן די זעלביקע טרויעריקע היסטאָרישע נויטווענדיקייט. אָבער אָנשטאָט דעם אַלטן, דורכאויס צעפּוילטן באַלאַנס — דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן גלויבן אין משיח — גיבן זיי אין די הענט פון דעם בלוט־אייגענעם פאָלק אַ נייעם באַלאַנס: — דעם גלויבן אין די אייגענע קרעפטן, וואָס דאַרפן ווידער אָפּגעפּרישט ווערן אין גלות. מיט די אייגענע כּוחות, און נאָר מיט זיי אַליין דאַרף דאָס פאָלק זיך דעראָבערן „לאַנד און פרייהייט״.

די יידישע סאָציאַליסטן גייען דעם זעלביקן היסטאָרישן גלות־וועג אין איינעם מיטן פאָלק, אָבער זיי אידעאַליזירן אים ניט, זיי פאַרוואַנדלען ניט „די נויט אין אַ מצווה״, ווי דאָס טוט ש. דובנאָוו. זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט זיין „טראַגישן הערןאיזם״, ווייל אויך אין זייער האַרצן לעבט דער זעלביקער אידעאַל פון דער פולער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג אין אַן אייגענעם לאַנד.

אָן אָט דעם אידעאַל, וואָלט דער „טראַגישער הערןאיזם״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַ טראַגי־קאָמישן הערןאיזם״ פון אַ פאַר קיינעם ניט ניצלעכן, אומפּרוכטבאַרן און „פּערמאַנענט־געפערלעכן״ אַקראָבאַטנטום.

ש. דובנאָוו איז אַמאָל געווען אַ קאָסמאָפּאָליט און ממילא אַן אַסימילאַטאָר. דאָס ווערט אויך אין זיינע „בריוו״ דערמאָנט. איצטער זיינען די בעסטע בלעטער פון זיין ווערק געווידמעט דעם קאַמף אַנטקעגן קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע.

הייסט עס, אַז ער געהערט צו דער צאָל פון יענע מענטשן, וואָס ווערן ניט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרגליווערט אין אַ וועלכער עס איז דאָגמע. לאָמיר האָפן, אַז אויך דער „גייסטיקער״ נאַציאָנאַליזם איז ניט די לעצטע סטאַנציע אין ש. דובנאָווס אַנטוויקלונג.

מען קאָן זיין זיכער, אַז אויב די קראַפט פון זיין קריטישן געדאַנק וועט זיין אַקוראַט אַזוי שטאַרק, ווי עס איז זיין נאַציאָנאַל געפיל, ווי אויפריכטיק עס איז זיין צער איבער דער לאַגע פון אונדזער פאָלק, וועט ער פריער אָדער שפּעטער אָוועקגעבן זיינע אויסעראָרדנטלעכע פעאיקייטן, כּדי צו דינען ניט דעם נאַציאָנאַלן ווילן צו לעבן איבערן אָפּגרונט, נאָר דעם נאַציאָנאַלן ווילן צו אַ נאָרמאַלן מענטשלעכן לעבן אין אַן אייגענעם לאַנד.

בערן, שווייץ, 1908.

# צו דער טעאָריע פון נאַציאָנאַליטעט

כמעט אַלע טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָבן געמאַכט איין גרונט-פעלער, וואָס האָט שעדלעך געווירקט אויף די וויסנשאַפט-לעכע אויספאָרשונגען פון דעם ענין. זיי אַלע האָבן געמיינט, אַז נאַציאָ-נאַליטעט — דאָס איז עפּעס אַ מין זאַך, וואָס שטעקט אין יעדער נאַציע; אַ געוויסער סימן, אָדער עטלעכע סימנים, וועלכע מען קאָן אויסגעפינען, בעת מיר שטודירן אַ וואָסער עס איז נאַציאָנאַלע גרופּע, ווי מען קאָן, צ"ב, אויסגעפינען די סימנים פון אַ מענטשן, ווען מען שטודירט יעדן איינצל-מענטשן. מען האָט אַרויסגעלאָזן פון אויג יענעם אַנטשיידנדיקן פאַקט, אַז נאַציאָנאַליטעט איז ניט עפּעס אַבסאָלוטעס, נאָר עפּעס דורך און דורך רעלאַטיוועס, אַזוינס, וואָס טרעט אַרויס נאָר יעמאָלט, ווען איין נאַציע ווערט פאַרגליכן מיט דער אַנדערער.

די סימנים פון אַ מענטשן זיינען אַבסאָלוטע סימנים. זיי וועלן עק-סיסטירן אַפילו יעמאָלט, ווען פון דער גאַנצער מענטשהייט זאָל בלייבן נאָר איין מענטש. די סימנים פון נאַציאָנאַליטעט אָבער זיינען רעלאַטיווע סימנים: זיי קאָנען עקסיסטירן נאָר יעמאָלט, ווען עס זיינען דאָ פאַר-שיידענע נאַציעס.

אַ ביישפּיל וועט אונדז קלאָר מאַכן, וואָס מיר ווילן דערמיט זאָגן.

די איינוואוינער פון דער טולער גובערניע זיינען ניט קיין באַזונדער נאַציע. ווי די טולער זאָלן ניט זיין ענלעך איינע צו די אַנדערע, וועט זיי קיינער ניט אַרויסשיידן אין אַ באַזונדער נאַציע, און זיי אַליין וועלן ניט האָבן די פּרעטענזיע צו פאָדערן אַזאַ מין זאַך. עס קאָן ניט געמאָלט זיין אַ ריין-טולישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? — דאָס איז דערפאַר, ווייל די טולער שיידן זיך מיט קיין זאַך ניט אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם, גרויס-רוסישן שטאַם. נעמט אָבער די טולער און טראַגט זיי אַריבער אַלעמען, מיט זייערע דערפער און מיט דער גאַנצער קולטור זייערע, לאָמיר זאָגן, קיין קאַנאַדע, און דער גאַנצער ענין באַקומט מיט אַמאָל גאָר אַן אַנדער אויס-זען. די טולער זיינען געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע גרופּע, און די נאַציאָנאַלע

גרופּע איז געוואָרן די אורזאַך פון פילע נאַציאָנאַלע דערשיינונגען און באַוועגונגען. זי קעמפט מיט די אַנדערע גרופּעס פאַר איר נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ, אָדער פאַר דער נאַציאָנאַלער איבערהערשאַפט. זי אַסימי־לירט זיך מיט די אַנדערע גרופּעס, אָדער אַסימילירט די אַנדערע גרו־פּעס מיט זיך.

פאַר וואָס זיינען די טולער מיט אַמאָל געוואָרן אַ נאַציאָנאַליטעט? דערפאַר, וואָס אויף דער פאַן פון די קאַנאַדישע פעלקער האָבן זיי זיך גענומען בולט אַרויסשיידן; דערפאַר, וואָס זיי שיידן זיך איצטער אָפּ מיט אַ סך סימנים פון דער איבעריקער קאַנאַדישער באַפעלקערונג.

אמת, מען קען דערויף ענטפערן, אַז די טולער שיידן זיך אָפּ פון אַנדערע, פונקט לויט יענע סימנים, דורך וועלכע זיי זיינען פאַרבונדן מיט דעם גרויס־רוסישן פאָלק צו איין נאַציע. דער סכום און דער כאַראַקטער פון די סימנים, לויט וועלכע מיר דערקענען אַ נאַציאָנאַליטעט, מוזן דעריבער בלייבן די זעלביקע, אַלץ איינס, צי ווען מיר זיי באַ־טראַכטן, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס בינדט צונויף אַ סך מענטשן אין איין נאַציע, אָדער ווי עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט זיי אָפּ פון די איבעריקע מענטשן.

אָבער דאָס קאָן זיך אויסדוכטן נאָר אויף דעם ערשטן אויבער־פלעכלעכן בליק. און אין דער אמתן! די טולער האָבן דאָך אין איינעם מיט דעם גרויס־רוסישן שטאַם אַ גאַנצן סכום אַלגעמיין מענטשלעכע סימנים, אין וועלכע זיי זיינען ענלעך אויך צו די קאַנאַדער. זיי האָבן צוויי הענט, צוויי פיס, צוויי אויגן אאז״וו, אָבער נאָך די סימנים נאָך קאָן מען בשום אופן ניט פעסטשטעלן זייער נאַציאָנאַליטעט, מוז מען פון דעם גאַנצן סכום סימנים, וועלכע אַ וואָסער עס איז פאָלק האָט, אַראָפּ־וואַרפן פון חשבון גראַד יענע, לויט וועלכע זיי שיידן זיך ניט אָפּ פון די אַנדערע. און דערפון איז ווידער געדרונגען אַז, בעת מיר שטודירן די פראַגע וועגן נאַציאָנאַליטעט, מוז אונדז אינטערעסירן ניט דאָס, וואָס מאַכט, אַז די איינצל־מענטשן פון דער נאַציאָנאַליטעט זאָלן זיין ענלעך איינע צו די אַנדערע (זיי זיינען ענלעך איינע צו די אַנדערע שוין אויך אין דעם, וואָס זיי זיינען איבערהויפּט מענטשן). אונדז דאַרף אינטערע־סירן קודם כל דאָס, וואָס שיידט זיי אָפּ פון די אַנדערע. אַ נאַציע איז אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס זיינען פאַרבונדן אין איינעם דורך סימנים, מיט וועלכע זי שיידט זיך אָפּ פון אַן אַנדער נאַציאָנאַלער גרופּע*).

---

* דאָס איז נאָך ניט די ריכטיקע באַגריף־באַשטימונג פון אַ נאַציע, נאָר אַ

אָבער, אויב עס איז אַזוי, יעמאָלט מוזן מיר צוגעבן, אַז דער כאַ־ראַקטער פון די פאַרשיידנקייטן, מיט וועלכע איין נאַציע שיידט זיך אָפּ פון דער אַנדערער, הענגט דורך־און־דורך אָפּ פון דעם אויסזען פון יענע פאַרשיידענע נאַציעס, וועלכע מיר פאַרגלייכן. אונדזערע טולער וואָלטן זיך אָפּגעשיידט פון די קאַנאַדער מיט אַסך סימנים און צווישן די סימנים וואָלט אויך געשפּילט אַ ראָלע דער פאַקט, וואָס די טולער גע־הערן צו דער „פּראַוואָסלאַוונער" רעליגיע. די רעליגיע איז אין דעם פאַל אַ נאַציאָנאַלער סימן. אָבער זאָל מען די טולער אַריבערטראָגן פון קאַנאַדע צו די קליין־רוסן אין גאַליציע, און די פּראַוואָסלאַוונע רע־ליגיע וועט מיט אַמאָל אויפהערן צו שפּילן אַ וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע ראָלע, ווייל די קליין־רוסן האָבן די זעלביקע פּראַוואָסלאַוונע אמונה. פון די גאַליצישע קליין־רוסן וואָלטן זיך די טולער אויך אין אַ סך אַנ־דערע פּונקטן ווייניקער אָפּשיידן, איידער פון די קאַנאַדער. הייסט עס, אַז, ווי דאָס זאָל ניט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, זיינען די טולער אין פאַר־גלייך צו די קליין־רוסן ווייניקער אַ נאַציאָנאַליטעט, איידער אין פאַר־גלייך צו די קאַנאַדער, און זיי הערן אויף איבערהויפּט צו זיין אַ נאַציאָ־נאַליטעט, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די גרויס־רוסן.

דערפון קאָן מען איינזען, ווי לעכערלעך עס איז, ווען ערנסטע געלערנטע מענטשן שטעקן צונויף זייערע קעפּ און שטודירן מיט אַן ערנ־סטער מינע די פראַגע: איז די אָדער יענע פאָלקס־גרופּע אַ נאַציאָנאַ־ליטעט, אָדער ניט. זיי פאַרגעסן פּשוט אָוועקצושטעלן די הויפּט־פראַגע: אין פאַרגלייך מיט וועלכער אַנדערער נאַציאָנאַלער גרופּע זאָל זי האָבן אַרויסגעוויזן אָדער ניט האָבן אַרויסגעוויזן איר נאַציאָנאַליטעט? עס ווענדט זיך מיט וועמען איר פאַרגלייכט זיי. פאַרגלייכט מען זיי מיט די אַנדערע יידישע מאַסן, זיינען די דרום־רוסישע יידן אפשר ניט קיין נאַציאָנאַליטעט. בנוגע צו אַלע אַנדערע פעלקער זיינען זיי גאַנץ באַ־שטימט אַ קלאָרע, אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַליטעט.

די טויט־זינד פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריעס ביז אַהער איז געווען דער פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך ניט גערעכנט מיט דעם דאָזיקן רעלאַטיוון כאַראַקטער פון אַלץ, וואָס איז נאַציאָנאַל. געזינדיקט אין דערינען האָבן סיי די שאָוויניסטישע טעאָרעטיקער, סיי די קאָסמאָפּאָלי־טישע. דאָס האָט יענע טויט־זינד געצוואונגען זיי, אויסצוזוכן און אויס־

---

דערוויילע. די ריכטיקע קאָן דער לעזער געפינען אין מיין אַרבעט „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע".

צופאַרשן געוויסע אַבסאָלוטע סימנים, לויט וועלכע אַ גרופּע פון מענטשן ווערט אונטער אַלע אומשטענדן אַ נאַציאָנאַליטעט: שפּראַך, רעליגיע, טעריטאָריע, געמיינזאַמע שיקזאַלן און אַז״וו. און אַז״וו. דער פּועל יוצא דערפון איז געווען אויך דאָס, וואָס די רייך־טעאָרעטישע פראַגן וועגן דעם עצם פון דער נאַציאָנאַליטעט האָט מען גענומען אויסנוצן צוליב וועלכע עס איז פּראַקטישע נאַציאָנאַלע פּניות, און יעדער געלערנטער איז געווען געצוואונגען אָנצונעמען אָדער אָפּצולייקענען יענע סימנים פון נאַציאָנאַליטעט, וואָס האָבן בעסער געפּאַסט צו זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דער האָט געטענהט, אַז די טעריטאָריע איז דער הויפּט־סימן פון נאַציאָנאַליטעט, און דער אַנדערער האָט די גאַנצע וואָג געלייגט אויף דער שפּראַך.

כדי אַ וויסנשאַפטלעכע נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע זאָל באמת קאָנען אָנהייבן גיין אין אַ רייך אָביעקטיוון וויסנשאַפטלעכן וועג, מוז מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינזען דעם פאַקט, אַז נאַציאָנאַליטעט איז ניט קיין אַבסאָלוטער באַגריף, נאָר אַ רעלאַטיווער; ווען מיר שטודירן נאָר איין איינציק פאָלק און מיר לאָזן אַרויס פון אויג זיין שייכות צו די אַנדערע פעלקער, זיין גלייכקייט אָדער ניט גלייכקייט צו זיי, וועלן מיר יעמאָלט אין דעם איינצלנעם פאָלק מיט קיין מיטלען ניט קאָנען געפינען אַזוינס, וואָס מען זאָל קאָנען אָנרופן „נאַציאָנאַל". שטעלט אייך פאָר, אַז אַלע פעלקער זיינען פאַרשוואונדן אַ חוץ די ענגלענדער, וועט יעמאָלט יעדער נאַציאָנאַלער שטריך פון דעם ענגלישן כאַראַקטער אויפהערן צו זיין אַ נאַציאָנאַלער שטריך. ער וועט פּשוט זיין אַ שטריך פון דעם אַלגעמיין מענטשלעכן כאַראַקטער. די גרונט־דערשיינונג פון נאַציאָנאַליטעט, יענער מקור, פון וועלכן עס פליסן אַרויס אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע דערשיינונגען, איז דער פאַקט, וואָס די מענטשהייט איז איצטער איינגעטיילט אין פאַרשיידענע פעלקער; וואָס יעדעס פאָלק האָט געלעבט פאַר זיך און געבויט זיין אייגענעם געזעלשאַפטלעכן לעבן; וואָס יעדעס פאָלק האָט אַנטוויקלט די אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור אויף אַזאַ אופן, ווי דאָס האָט אים געפּאַסט, ניט פרעגנדיק ביי די אַנדערע פעלקער און ניט צונויפגיסנדיק זיך מיט זיי.

נאָר דעמאָלט, ווען מען שטעלט זיך אויף דעם באָדן פון דעם גרונט־פאַקט, קאָן מען וויסנשאַפטלעך אָוועקשטעלן די פראַגע, וואָס פאַר אַ סימנים די מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט, לויט וועלכע די פעלקער שיידן זיך אָפּ איינע פון די אַנדערע, און וואָס פאַר אַ ראָלע די נאַציאָנאַלע דערשיינונגען האָבן געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער מענטש־

הייט. נאָר דעמאָלט, ווען מיר שטעלן זיך אָוועק אָזעלכע וויסנשאַפטלעכע צילן, קאָן מען מאַכן דעם ערשטן שריט אין דעם אויספאָרשן פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

אַ צווייטער פעלער, וואָס שאַדט זייער דער וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג פון דער נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע, ליגט אין דעם ענין, וואָס איך האָב אין אַנדער אָרט, אין דעם פריער ציטירטן בוך, אָנגערופן: „פּאַן־נאַציאָנאַליזם”. אַ פּאַן נאַציאָנאַליסטישע טעאָריע, ווי צב״ש, דער פּאַן־סלאַוויזם, דער פּאַן־גערמאַניזם, מאַכט אַ גרויסן חילוק צווישן „נאַציאָנען” און „איינצל־פעלקער”. די „סלאַוון”, צום ביישפּיל, זיינען אַ נאַציע; רוסן, פּוילן און טשעכן זיינען איינצל־פעלקער, וואָס געהערן צו דער סלאַווישער נאַציע. דייטשן זיינען אַ נאַציע; פּרייסן, בייערן, ציע: רוסן, פּוילן און טשעכן זיינען איינצל־פעלקער, וואָס געהערן צו צו דער גערמאַנישער נאַציע.

דער פּאַן־נאַציאָנאַליזם וויל, אַז די איינצלנע פעלקער זאָלן פאַרשווינדן אין דעם גרויסן ים פון דער נאַציע. דאָס רוב מיינט דערמיט נאָר פשוט, אַז אַ וואָסער עס איז איינצל־פאָלק זאָל איינשלינגען אַלע איבעריקע איינצל־פעלקער פון דער משפחה. דער פּאַן־סלאַוויזם באַזאָרגט די אינטערעסן פון דעם גרויס־רוסישן שטאַם און אויב ער טרעט נאָך ניט אָפן אַרויס מיט דעם געדאַנק, אַז אַלע סלאַווישע פעלקער זאָלן איינגעשלונגען ווערן פון די גרויס־רוסן, באַהאַלט ער דאָך פאַר ק׳ינעם ניט זיין ליבלינג צוועק, אַז ווייניקסטנס די רוסישע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד — די קליין־רוסן און די ווייס־רוסן — זאָלן אוודאי ניט האָבן די העזה צו רעכענען זיך פאַר באַזונדערע נאַציעס; זיי מוזן שוין נאָר אָן טענות און מענות, „על פּי וויסנשאַפט”, זיך לאָזן איינשלינגען פון די גרויס־רוסן. — אין דייטשלאַנד איז דער פּאַן־גערמאַניזם פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון דעם פּרייסישן פאָלק, וואָס וויל דורכזעצן זיין איבערהערשאַפט איבער אַלע אַנדערע דייטשע פעלקער.

אויך ביי די יידישע נאַציאָנאַליסטן שפּילט אומבאַוואוסטערהייט אַ גרויסע ראָלע דער פּאַן־נאַציאָנאַליסטישער שטריך. מען קאָן זאָגן, אַז כמעט אַלע יידישע נאַציאָנאַליסטן זיינען דורכגעדרונגען פון אַ „פּאַן־יודאַאיסטישער” טענדענץ. באַטראַכט מען דאָס יידישע פאָלק ריין טעאָרעטיש, אָן אַ וועלכער עס איז פּראַקטישער פניה — אַ נאַציאָנאַלער אָדער אַן אַסימילאַטאָרישער — מוז יעדער איינזען, אַז מיר האָבן איצטער גאַנץ באַשטימט מער רעכט צו רעדן פון יידישע פעלקער, איידער פון אַן איינהייטלעכן יידישן פאָלק. די צוועלף מיליאָן יידן פון דער גאַנצער

וועלט זיינען צעטיילט אין פאַרשיידענע פאָלקס־גרופּן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין דעם משך פון די גלות־יאָרן. דער האָלענדישער ייד איז, אמת, אַ ייד; און פאַרגלייכט מען אים מיט דער האָלענדישער באַפעלקערונג, האָט ער געוויס אַ באַזונדער יידישע נאַציאָנאַליטעט. אָבער ווען מען פאַרגלייכט אים, צום ביישפּיל, מיט דעם שפּאַניאָל פון טערקיי, מוזן מיר צוגעבן, אַז ער שיידט זיך אָפּ פון אים ווייניקסטנס אַקוראַט אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דער טיראָלער שיידט זיך אָפּ פון דעם פּרייס, אָדער דעם ווייס־רוס פון דעם קליין־רוס — אויב ניט נאָך מער. די האָלענדער יידן, ווי די שפּאַניאָלן, זיינען דעריבער פאַרשיידענע פאָלקס־גרופּן אין דער יידישער נאַציע. די „פּאַן־יודאַאיסטישע" טענדענץ פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם וויל, אַז אָט די אַלע פאַרשיידענע יידישע פאָלקס־גרופּן זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין איינציקן יידישן ים, אין וועלכן זיי זאָלן לגמרי פאַרלירן זייערע פאָלקסטי'עכע אייגנשאַפטן.

אמת, ביי דעם יידישן פאָלק איז ניטאָ קיין איין איינציקע הערשנדיקע פאָלקס־גרופּע, וואָס זאָל אַרויסטרעטן מיט דער פּרעטענזיע, אַז אַלע אַנדערע פאָלקס־גרופּן מוזן אָננעמען איר קולטור, איר שפּראַך און צונויפגיסן זיך מיט איר. דער יידישער פּאַן־נאַציאָנאַליזם האָט אָבער אַרויסגעבראַכט אַ געדאַנקלעכע פאָלקס־גרופּע, אַ נאַציאָנאַליטעט, וואָס עקסיסטירט ניט אין דערווירקלעכקייט, נאָר אין דעם טעאָרעטישן געדאַנק. דאָס איז די אַלט־העברעאישע נאַציע, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם חורבן בית־שני און וואָס האָט זיך איצטער געשיכטלעך פונאַנדערגעצווייגט אין פאַרשיידענע יידישע פעלקערשאַפטן. יענע אַלטע אָפּגעשטאָרבענע העברעאישע נאַציע, מיט אירע גרונטלאַגן פון דער אַלטער העברעאישער קולטור און דער אַלטער העברעאישער שפּראַך, זאָל ווידער אויפגעלעבט ווערן און איינשלינגען אַלע לעבעדיקע יידישע פעלקער.

דער פּאַן־נאַציאָנאַליזם האָט אין זיך תמיד אַן אַסימילאַטאָרישע טענדענץ, אַ פאָלקס־פרעסערישן אַפּעטיט. ווי די גרויס־רוסן ווילן איינשלינגען די קליין־רוסן און די ווייס־רוסן, אַזוי זאָל די היפּאָטעטישע העברעאישע נאַציע איינשלינגען יענע פאָלקס־אָרגאַניזמען, וואָס זיינען היסטאָריש אויסגעוואַקסן פון איר.

דער פּראַקטישער קאַמף אַנטקעגן דעם „פּאַן־נאַציאָנאַליזם" מוז איבערגעלאָזן ווערן צו די איינצלנע פעלקער און צו זייער גוטן ווילן. אויב די דייטשע פעלקער ווילן אָפּזאָגן זיך פון זייער אייגענער עקסיסטענץ און פאַרטרונקען ווערן אין דעם גערמאַנישן ים, טאָר זיי דאָס קיינער ניט

פאַרווערן. אויב די יידישע פעלקערשאַפטן וועלן איינזען, אַז עס לוינט זיך זיי בעסער צוריקצוקערן זיך אין דעם מוטער־שויס, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, און ווידער לגמרי צונויפגיסן זיך אין איינעם, טאָר קיינער ניט שטיין אין וועג אַנטקעגן דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן וואונטש זייערן. אָבער טעאָרעטיש מוז מען אויפווייזן אויף יענעם גרויסן פעלער, וואָס ליגט אין דעם „פאַן־נאַציאָנאַליסטישן" געדאַנק.

דער טעאָרעטישער קונץ־שטיק, אויף וועלכן דער פאַן־נאַציאָנאַליזם בויט זיין געדאַנקען־גאַנג, איז אַ גאַנץ פשוטער. ער באַשטייט איינפאַך אין דעם, וואָס מען רופט לכתחילה אָן מיט דעם נאָמען נאַציע ניט אַ וועלכע עס איז אײן איינציקע פאָלקס־גרופּע, נאָר אַ פאַרבאַנד פון פאַרשיי־דענע פעלקער, וואָס געהערן צו איין־און־דערזעלביקער משפחה. כמעט יעדע גרויסע נאַציע איז איצטער אַזאַ פעלקער־פאַרבאַנד — אַ פרייוו־ליקער אָדער אַ געצוואונגענער — וואָס טרעט פּאָליטיש אַרויס, ווי אַן איינהייטלעכע, איין איינציקע נאַציע. דאָס רוב זיינען דאָס געצוואונגענע פעלקער־פאַרבאַנדן. איין איינציק פאָלק האָט אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט די קולטורעלע און פּאָליטישע באַלעבאַטישקייט און פירט די גרענדע אי־בער דער גאַנצער משפחה — אָפטמאָל דורך אַ שטאַרקן פּאָליטישן צוואַנג אין דער היים. פאַראַן אָבער אויך פרייוויליקע פעלקער־פאַרבאַנדן, ווי, צום ביישפּיל, די שווייצאַרישע נאַציע, וואָס טרעט אַרויס אין דרויסן, ווי אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזם, וואָס באַשטייט אָבער אינעווייניק אין דער היים פון פיר פאַרשיידענע גלייכבאַרעכטיקטע פעלקער: דייטשן, פראַנ־צויזן, איטאַליענער און רעטאָראָמאַנער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען רופט אַ פעלקער־פאַרבאַנד לכתחילה אָן מיט דעם נאָמען „נאַציע", איז דעמאָלט אַ נאַציע אַ סכום פון פעלקער, און דעמאָלט איז קיין איינצל־פאָלק ניט קיין נאַציע. אַן איינצל־פאָלק איז דעמאָלט ניט קיין זעלבסטשטענדיק־גאַנצעס, נאָר אַ טייל פון אַ גאַנצן, אַן אבר, וואָס קאָן ניט לעבן פאַר זיך, דרויסן פון דעם גוף; אָדער העכסטנס איז עס אַ „ניט־דערטראָגענער אָרגאַניזם", ווי אָטאָ בויער רופט עס אָן.

אָבער אַזאַ שטעלונג צו די איינצל־פעלקער איז טעאָרעטיש ניט ריכ־טיק. טעאָרעטיש קאָן מען ניט אויסגעפינען קיין נפקא מינה צווישן „פאָלק" און „נאַציע", קיין שאָטן פון אַ פאַרשיידנקייט, וואָס זאָל פונאַנ־דערשפּאַלטן אָט די צוויי באַגריפן. אַלע סימנים, וועלכע די וויסנשאַפט קאָן אויפווייזן פאַר דער „נאַציע", געפינען זיך אויך ביי יעדן איינצלנעם פאָלק. אַלע באַגריף־באַשטימונגען, וואָס מען האָט ביז אַהער פאָרגע־

שלאָגן, כּדי צו דערקלערן דאָס וועזן פון „נאַציע״, לאָזן זיך זייער לייכט אָנווענדן אויף דאָס וועזן פון אַ „פאָלק״.

זייט אייך משער, אַז אַלע דייטשע פעלקער זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן, אַ חוץ די סאַקסן; אַז פון אַלע פראַנצויזישע פעלקער זיינען געבליבן נאָר די פּראָוואַנסאַלער; פון אַלע פוילישע פאָלקס־גרופּן — נאָר די מאַזורן; פון אַלע רוסישע — נאָר די ווייס־רוסן; פון אַלע יידישע — נאָר די שפּאַניאָלן. וואָלטן דען דעמאָלט אָט די פינף פעלקערשאַפטן זיך ניט פאַרהאַלטן איינע צו די אַנדערע אַקוראַט אַזוי, ווי פינף דורכאויס פאַרשיידענע נאַציעס? וואָלט מען אויף זיי ווייניקער גוט געקאָנט שטודירן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, איידער אויף די איצטיקע נאַציעס?

עס איז דעריבער קלאָר, אַז אויף די איינצל־פעלקער טאָר מען ניט קוקן, ווי אויף טיילן פון אַן אַנדער נאַציע, ווי אויף אברים פון אַ גוף, אָדער ווי אויף „ניט־דערטראָגענע״ פאָלקס־אָרגאַניזמען, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע לעבנס־קראַפט אין זיך. די איינצל־פעלקער זיינען פאַרטיקע, אויסגעטראָגענע אָרגאַניזמען; נאָר אייניקע פון זיי זיינען פאַרשמאַכט געוואָרן, ווייל זיי פעלט ליכט און לופט צו אַ פרייער אַנטוויקלונג; אַנדערע ווידער זיינען געשמידט אין קייטן און קאָנען זיך נאַציאָנאַל ניט אַ ריר טאָן, ווייל דאָס הערשנדיקע איינצל־פאָלק האַלט זיי אין תּפיסה און לאָזט זיי ניט אַרויס אויף דער ליכטיקער זון.

די איינצל־פעלקער זיינען טעאָרעטיש די זעלביקע זאַך, וואָס נאַציעס; און נאָר מיט זיי דאַרף זיך קודם כּל באַשעפטיקן די טעאָרעטישע וויסנשאַפט וועגן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

וואָס שטודירט אָבער די איצטיקע וויסנשאַפט אונטער דעם נאָמען נאַציע? זי שטודירט, אייגנטלעך, ניט נאַציעס, נאָר געוויסע אינטער־נאַציאָנאַלע דערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם לעבן פון אַ פעלקער־פאַרבאַנד. זי האָט צו טאָן מיט דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלע פאַרגעוואַלטיקונג, ווען זי שטודירט אַזאַ פעלקער־פאַרבאַנד, ווי די רוסישע „נאַציע״, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דעספּאָטישער מאַכט פון דעם גרויס־רוסישן פאָלק. אָדער זי שטודירט דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג, ווען זי האָט פאַר זיך אַזאַ פעלקער־פאַרבאַנד, ווי, צום ביישפּיל, די דייטשע „נאַציע״, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אַ כמעט פרייוויליקן הסכּם פון אַ סך דייטשע פאָלקס־גרופּן צו לעבן אין איין איינציקער נאַציאָנאַלער אַטמאָספערע.

אויף וויפל אין דער געשיכטע זיינען זעלטן די דערשיינונגען פון פרייוויליקע פעלקער־פאַרבאַנדן, אויף אַזוי פיל זיינען אין איר אָפט די דערשיינונגען פון גאַציאָנאַלער פאַרגעוואַלטיקונג. עס קאָן ניט זיין די אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט — אויסצואַרבעטן אַ טעאָרעטישע שטיצע פאַר נאַציאָנאַלע איבערהערשאַפט און דעספּאָטיע. דאָס טוט אָבער די וויסנשאַפט אַלע מאָל, ווען זי שטעלט זיך לכתחילה אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם „פאַן־נאַציאָנאַליזם" און פאַרמשפּט די איינצלנע פאָלקס־גרופּן, זיי זאָלן זיך באַטראַכטן מער ניט ווי טיילן פון אַ העכערן גאַנצן — טיילן, וואָס מוזן סוף כּל סוף איינגעשלונגען ווערן פון אים.

דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַ טעאָרעטיש־וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג האַלט נאָך גאָר אין אָנהייב — מוזן זיין די איינצל־פעלקער, אַלע יענע געשיכטלעך דערטראָגענע פאָלקס־אָרגאַניזמען, וואָס שיידן זיך אַליין אַרויס פון די איבעריקע פעלקער; וואָס ווייסן, אַז זיי עקסיסטירן אויף דער וועלט, ווי אַ באַזונדער פאָלק, און האָבן אַן אייגענעם נאָמען. אמת, דער נאַציאָנאַלער, אָדער ריכטיקער, פאָלקלעכער זעלבסט־באַוואוסטזיין, ווי אויך דער נאָמען פון אַ פאָלק, איז נאָך ניט דער תּוך, דאָס וועזן פון אַ נאַציע, פּונקט אַזוי, ווי דאָס אייגענע באַוואוסטזיין און דער אייגענער נאָמען איז נאָך ניט דער תּוך און דאָס וועזן פון אַן איינצל־מענטשן. אָבער: באַוואוסטזיין און נאָמען — דאָס זיינען די אויסערלעכע עמפּירישע סימנים פון יענעם קעגנשטאַנד, וועלכן מיר מוזן שטודירן, כּדי אַרויסצוגעפינען זיין אינעווייניקסטן תּוך. די טעאָרעטישע אויפגאַבע פון דער נאַציאָנאַליטעטן־לערע מוז אָנהייבן מיט דעם שטודיום פון די איינצל־פעלקער און באַטראַכטן זיי ווי זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען.

אויך בנוגע צו דעם פּראַקטיש־פּאָליטישן לעבן, וואָס מוז אויפגעבויט ווערן אויף דעם יסוד פון נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג, מוז יעדע פאָלקס־גרופּע אָנגעזען ווערן ווי אַ זעלבסטשטענדיק גאַנצעס, וואָס מעג פאָדערן אַלע יענע רעכטן, וועלכע מען גיט יעדער גאַנצער נאַציע. מען מוז איבערלאָזן דער פאָלקס־גרופּע אַליין, זי זאָל באַשטימען, אויב זי וויל אויסנוצן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע רעכט און אין וואָס פאַר אַ גראַד פון זעלבסטשטענדיקייט זי וויל לעבן אין איינעם מיט די איבעריקע פעלקער. וויל זי לעבן אין גאַנצן פאַר זיך, זעלבסטשטענדיק פירן איר נאַציאָנאַלע באַלעבאַטישקייט, טאָר זי קיינער ניט צווינגען אויפצוגעבן איר אייגענע עקזיסטענץ. זי האָט אַ רעכט זיך צו פאַרבינדן מיט די אַנדערע פאָלקס־גרופּן, אויף וויפל דאָס פּאַסט זייערע געמיינזאַמע אינטערעסן, אויף וויפל

דאָס העלפט זיי אין זייער געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, אויף וויפל זיי טוען עס אין די גרענעצן פון דעם איגענעם פרייען ווילן.

געוויס, די פּראַקטישע פאַרענטפערונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין דעם נאָר וואָס אָנגעדייטעטן זין קאָן ניט געשען פון היינט אויף מאָרגן. אָבער מיר, סאָציאַליסטן, גלייבן דאָך ניט, אַז די איצטיקע אומשטענדן וועלן בלייבן אייביק פאַר אַלע דורות. אין אונדזער סאָציאַליסטישן אי־דעאַל מוזן מיר אַריינפלעכטן אויך די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע גלייכבאַ־רעכטיקונג, און אונטער דעם וואָרט „נאַציע” מוזן מיר פאַרשטיין ניט נאָר אַ פעלקער־פאַרבאַנד מיט אַן אויבערהערשאַפטלעכער פאָלקס־גרופּע, ווי דאָס ווערט איצטער געטאָן, נאָר יעדע איינצלנע פאָלקס־גרופּע, ווי גרויס אָדער ווי קליין זי זאָל ניט זיין, וואָס האָט נאָר דעם ווילן צו לעבן אַן איגענעם נאַציאָנאַלן לעבן.

דער סאָציאַליזם גיט ניט נאָר אַ ריכטיקע פּראַקטישע פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע; ער לייגט אויך אַוועק אַ ריכטיקן טעאָרע־טישן פונדאַמענט פאַר דער וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג פון דעם פּראָבלעם.

.1910

# ייד און מענטש

## צוויי פאָרלעזונגען

### ערשטע פאָרלעזונג

**חברים און פריינט:**

אַן ערך מיט אַ דריי־פערטל יאָרהונדערט צוריק, ווען ביי די רוסישע און גאַליצישע יידן איז אויסגעוואַקסן די השכלה־באַוועגונג, דאָס שטרעבן צו בילדונג און אייראָפּעאישע קולטור, איז ביי דאָס רוב משכּילים אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פאָרמול, ווי אַזוי צו פאַרענטפערן די פראַגע וועגן ייד און מענטש. די פאָרמול האָט געהייסן: „היה אָדם בצאתך וישראל באהליך", „זיי אַ מענטש, מיט מענטשן גלייך, אין גאַס, און בלייב אַ ייד ביי זיך אין דער היים".

שוין פון דער פאָרמול האָט מען געקאָנט זען, אַז צווישן ייד און מענטש איז ביי דעם משכּיל געווען אַ שאַרפער סכסוך. „ייד" און „מענטש" האָבן ניט געקאָנט הויזן איינער מיט דעם אַנדערן און מען האָט זיי געמוזט פונאַנדערפירן אין באַזונדערע ערטער, כּדי איינער זאָל דעם אַנדערן ניט איבערבייסן דעם גאַרגל. און אויך דאָס איז געלעגן איינגעוויקלט, ווען אַפילו ניט קלאָר אַרויסגעזאָגט, אין דער משכּילישער פאָרמול, אַז „ייד" איז בשום אופן ניט אַזאַ מיוחס, ווי „מענטש". מיט „מענטש" מעגט איר פראַנק און פריי שטאָלצירן אין דער אָפענער גאַס; מיט „ייד" דאַרפט איר זיך שטיקן אין דער פאַרבאָרגענער היים. על כּל פּנים, האָבן די משכּילים געוואָלט מאַכן אַ פּשרה צווישן צוויי פיינטלעכע פּרינציפּן, איינשטילן אַ „ויתרוצצו" אין דער נשמה פון יעדן געבילדעטן יידן.

עס איז אָבער זייער לייכט צו פאַרשטיין, אַז די משכּילישע פּשרה איז געווען ניט גאָר קיין געראָטענע. איר קאָנט דעם מענטשנס נשמה ניט פונאַנדעררייסן אויף צווייען, און איין האַלבע לאָזן שפּאַצירן אין גאַס, די אַנדערע העלפט אָבער צווינגען זיצן אין דער היים. ממה נפשך! איז „ייד" אַ בעסערע זאַך, איידער „מענטש" — איז דער אַלטער יהודה הלוי

געווען געדעכט, אַז ייד־זיין איז די העכסטע מדרגה פון מענטש־זיין; אָדער נאָך מער: האָבן אונדזערע חסידישע פּאַטערס און זיידעס געטראַפן דעם אמת, ווען זיי האָבן געמיינט, אַז ייד־זיין איז אַ הייליקע זאַך — איז דעמאָלט אונדזער חוב צו זיין ייד ניט נאָר אין דער היים, נאָר אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט. און ווען אַפילו דער „ייד״־זיין זאָל אונדז ברענגען די ערגסטע צרות און רדיפות, טאָרן מיר אים דעמאָלט פון קיינעם ניט באַהאַלטן, מוזן מיר אויסשטיין אַלץ, וואָס עס זאָל ניט אויספאַלן צוליב אים אויף אונדזער גורל. קיין קרבן טאָר ניט זיין שווער פאַר אַ זאַך, וואָס דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן — גאָר אַ קלייניקייט! — העכער, אײדער דער מענטש. און צוריק: איז „מענטש״ מער מיוחס, אײדער „ייד״, האָבן מיר איין מאָל איינגעזען, אַז זיין אַ ייד איז ניט נאָר ניט קיין הייליקייט, נאָר עס הייסט גאָר — אַראָפּפאַלן אויף אַ נידעריקערער שטופע אײדער „מענטש״, איז דעמאָלט געוויס ווידער אונדזער חוב אין גאַנצן אויסצורוימען דעם „ייד״, וואו מיר זאָלן אים ניט אַנטרעפן: אין גאַס, אָדער אין שטוב; מבער צו זיין די חמצדיק געוואָרענע קדושה פון אַלע ווינקעלעך, וואו זי האָט זיך נאָר געקאָנט פאַרוואַלגערן.

די ראַדיקאַלע יידישע יוגנט, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון די משכּילים, איז דעריבער געווען זייער קאָנסעקווענט און פון איר שטאַנדפּונקט אַבסאָלוט גערעכט, ווען זי האָט דערדערדט דאָס לעצטע וואָרט, אויף וואָס די משכּילים האָבן זייער פּשרה נאָר אָנגעטייט ברמיזה. אַ סוף צו דעם יידן אין דעם נאָמען פון דעם מענטשן! — דאָס איז געוואָרן דער ראַדיקאַלער קריגס־געשריי אין דער יידישער מחנה.

איך מוז מיך מודה זיין, אַז אין מיין גאָר גרינער יוגנט, ווען איך בין מיטן גאַנצן האַרצן צוגעשטאַנען צו דעם ראַדיקאַלן לאַגער, האָב איך אויך, ווי אַלע, געגלייבט, אַז צווישן „ייד״ און „מענטש״ ליגט אַ טיפער, מיט קיין בריק ניט צו פאַרבויענדער תהום; אַז מען מוז אויסקלייבן „אַהין אָדער אַהער״ און אַז דער „ייד״ דאַרף געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן צו דעם „מענטש״. ווייניקסטנס איז איין זאַך געווען קלאָר פאַר מיין יונגן מוח און האַרץ, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ ווייניקער ייד איז ער, אַלץ ווייניקער האָט ער צו טראַכטן וועגן דער יידישער לאַגע און וועגן דער יידישער צוקונפט. און צוריק, וואָס ווייניקער ייד איך בין, וואָס פרייער איך בין פון יידישע טראַדיציעס, וואָס ווייטער פונעם יידישן לעבן, וואָס גלייכגילטיקער צו די נויטן און די אינטערעסן פון מיין פאָלק, וואָס איבער־געבענער צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס — אַלץ העכער שטייגט מיין „איך״ אויף דעם לייטער פון דער מענטשלעכקייט.

איך וויל אייך דאָ ניט שילדערן די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון יענעם יידישן ראַדיקאַלן דור, צו וועלכן איך געהער. איך וויל דאָ ניט דערציילן, ווי אַזוי און פאַר וואָס מיר זיינען געוואָרן בעלי־תשובהס, וואָס זיינען מיטן גאַנצן האַרצן געבליבן טריי צו די בעסטע מענטשלעכע אידעאַלן און זיינען פאָרט — אויך מיטן גאַנצן האַרצן — צוריק געוואָרן הייסע איבערגעבענע קינדער פון דעם יידישן פאָלק. יענע פּסיכאָלאָגיע איז געווען אַ פאַרפּלאָנ־טערטע, אַ קרענקלעכע. אָפּצושאַפן דעם תהום פון „ייד" און „מענטש" איז באמת געווען ניט לייכט, ווייל ער איז געלעגן ניט נאָר אין דער לאָגיק, אין דעם טעאָרעטישן דענקען, נאָר אויך אין דעם לעבן גופא און אין דעם געפיל. און אויב דאָס יידישע באַוואוסטזיין גלייבט, אַז פאַר די בעלי־תשובהס איז אַנגעגרייט גאָר אַ בכבודער פּלאַץ אויבן אָן, אַז „במקום שבעלי־תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד", — פאַרדינען די בעלי־תשובה יענעם כבוד אפשר שוין דערפאַר, וואָס זייער נשמה האָט דורכ־געלעבט אַזוי פיל ליידן און פּיין — ליידן און פּיין, פון וועלכע דער איצ־טיקער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער דור האָט, געלויבט איז דער אייבערשטער, קיין ברעקל באַגריף ניט.

ניט יענע, זייער אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגיע וויל איך דאָ פאַר אייך שילדערן. מיין צוועק איז מער ניט, ווי איבערגעבן אייך אַ פּאָר פון יענע לאָגישע אַרגומענטן, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן צו פאַרשיטן דעם תהום צווישן ייד און מענטש.

דרינגט מען אַ ביסל טיפער אַריין אין דעם זין פון דער ראַדיקאַלער פאָרמול: „וואָס מער מענטש, אַלץ ווייניקער ייד", אַזוי מוז מען באַלד איינזען, אַז די זאַך איז גאָר ניט אַזוי פּשוט, ווי עס דוכט זיך אויף דעם אויבערפלעכלעכן בליק. און וואָס מער איך האָב געטראַכט וועגן דעם ענין, אַלץ מער האָט מיר געמוזט ווערן קלאָר, אַז די פאָרמול קאָן ניט זיין אומעטום גלייך ריכטיק. גאַנץ געוויס זיינען דאָ פאַלן אין לעבן — און זייער האַרבע פאַלן — וואו איך האָב אַ רעכט צוצוגיין צו דעם יידן און זאָגן אים: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש; און וואָס מער מענטש דו וועסט ווערן, אַלץ ווייניקער ייד וועסטו זיין". עס זיינען אָבער דאָ אַנדערע פאַלן, אפשר נאָך וויכטיקערע, וואו די פאָרמול, „ווער מענטש און הער אויף צו זיין ייד" פאַרלירט אין גאַנצן איר זין, און דער־נאָך האָבן זיך אַנטפּלעקט נאָך אַנדערע פונקטן — אפשר גאָר די וויכטיקסטע פון דעם מענטשלעכן לעבן, וואו יענע פאָרמול, ניט נאָר זי ווערט אָן איר גאַנצן זין, נאָר זי מוז גאָר פאַרוואַנדלט ווערן אין איר אייגענעם היפּך, אַז וואָס מער מענטש מען איז, אַלץ מער ייד איז מען.

פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די דאָזיקע פאַרשיידענע פאַלן, וואו דער „מענטש״ איז גובר דעם „יידן״, וואו ער מוז אים לאָזן אין גאַנצן צו רו און וואו ער פאַרשטאַרקט אים און מאַכט נאָך בולטער זיין מהות — דאָס זאָל זיין, וויי׳ניקסטנס אין די וויכטיקסטע שטריכן, די אויפגאַבע פון מיינע איצטיקע פאַרלעזונגען.

און כּדי לייכטער צו מאַכן די אַרבעט, לאָמיר קודם כּל געווינען אַ קלאָרן באַגריף וועגן די צוויי ענינים — „ייד״ און „מענטש״ — וועמעס שייכות איינער צום אַנדערן מיר דאַרפן נעענטער באַלייכטן.

וואָס אַזוינס איז „מענטש״?

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט דער אַנטראָ־פּאָלאָגישער באַדייטונג פון דעם מין מענטש בכלל. אין אונדזער הייניטיקן פאַל איז ניט יעדער מענטש אַ „מענטש״. אַנטראָפּאָלאָגיש גענומען איז יעדער לעבעדיקער נפש, וואָס גייט אום אויף צוויי פיס, טראָגט אַ פּאָר הויזן אָדער אַ קליידל און רעדט אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך — שוין אַ „מדבר״, שוין אַ מענטש. אָבער אויך אין אונדזער טאָג־טעגלעכער שפּראַך, ווענדן מיר אָן אויסדריקן, וואָס מאַכן ביי די מענטשן גופא אַ שאַרפן חילוק צווישן „מענטש״ און „ניט־קיין־מענטש״. דעם חילוק מאַכן מיר דערפאַר, ווייל אין יעדער מענטשלעכער ברוסט לעבט די פאַרשטעלונג, וואָס און ווי, אַ מענטש דאַרף זיין און זאָל זיין, און ניט נאָר ווי דער אָדער יענער קומט פאָר אין דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט. ווי פאַר־שיידן דער אידעאַל פון דעם מענטשן זאָל ניט זיין ביי פאַרשיידענע פעלקער און פאַרשיידענע קלאַסן, געפינען מיר פאָרט אין אים אין בשותּפותדיקע שטריכן, וועלכע מיר אַלע נעמען אָן, אַז זיי זיינען נייטיק, כּדי אַ מענטש זאָל זיין אַ מענטש.

אַ מענטש איז קודם כּל אַ בעל־שכל. דורך זיין רייכן און שטאַרקערן דענקען האָט זיך דער מענטש אַרויסגעריסן פון דער נאַטור און איז גע־וואָרן דער אויבער־האַר איבער אירע פּראָצעסן; און אומעטום, וואו מיר באַמערקן אַן אָפּשוואַכונג פון דער מענטשלעכער דענק־קראַפט, זעען מיר אין דעם אַ שטיק פאַרשוואונדענע מענטשלעכקייט. אויף אַ גאָר גראָ־טענעם נאָר פלעגט מען פריער זאָגן, אַז ער איז „אַ בהמה בצורת אָדם״, דערנאָך האָט מען פון אים די „צורת אָדם״ אויך אָוועקגענומען און אָנגעהויבן רעדן ווי פון „בהמה בצורת פערד״, — קורץ, ווי פון אַ לעבעדיקער זאַך, וואָס איז ניט מער „בבחינת אָדם״, וואָס פאַלט אַרויס פון דעם גדר מענטש.

כדי צו זיין אַ „פּולער" מענטש איז אָבער נאָך ניט גענוג צו זיין קלוג. מען דאַרף אויך האָבן אַ געוויסע מאָס פון ווילן. „ס'איז גאָר קיין מענטש ניט", זאָגט מען אויף איינעם, וואָס האָט קיין ברעקל איי־גענעם ווילן ניט און לאָזט זיך פירן, וואוהין מען פירט אים. „ס'איז אַ קאַלב".

„גאָר ניט קיין מענטש" איז אויך דער, אין וועמעס האַרץ עס איז אויסגעלאָשן יעדער פונק פון יושר און „מענטשלעכקייט", און אויך דער, וואָס היט ניט אָפּ יענע מינימאַלע פאָדערונגען פון שיינקייט, ריינלעכ־קייט און עלעמענטאַרע העפלעכקייט, וועלכע מיר שטעלן צו יעדן מענטשן. דעם ערלעכן „בטלן", וואָס קוקט ניט אויף זיין אויסזען, זיין קליידונג און זיין באַנעמען זיך מיט מענטשן, זיינען מיר אָפּט מאָל מוחל זיינע ניט שיינע מדות צוליב די העכערע מענטשלעכע מעלות, וואָס ער באַזיצט; אָבער אויך דאָ גייט די מחילה נאָר ביז צו אַ געוויסן גראַד. ווערט אין דעם פונקט פון שיינקייט אַריבערגעטראָטן אַ געוויסער גרענעץ, רופט דער מענטש אין אונדז אַרויס אַ געפיל פון עקל און רחמנות. „אַ קלוגער מענטש און אַ פרומער מענטש און אַ בר־אורין, אָבער עפּעס גאָר קיין מענטש ניט", זאָגן מיר אין דעם פאַל.

פון דעם גדר „מענטש" גייט אַרויס אויך דער, וואָס האָט ניט אין זיך קיין ברעקל „יש", קיין ברעקל אייגענעם שטאָלץ, קיין ברעקל מענטש־לעכע חשיבות; דער, וואָס לאָזט זיך שפּייען אין פּנים, טרעטן מיט די פיס, און דערביי זאָל וויניקסטנס אין דער נשמה ביי אים ניט אויפצוי־טערן דער געפיל פון פּראָטעסט. „אַ הינטישע פעל", זאָגט מען אויף אים. „שפּיי אים אין פּנים, זאָגט ער: אַ רעגן גיסט". אויף וויפל טייער דעם מענטשן איז דער געפיל פון אייגענער חשיבות, פון אָן אייגענעם „יש", וואָס קאָן און זאָל באַשטיין זיין שטעטל, וואָס קאָן און זאָל זיך ניט לאָזן קריכן אויפן קאָפּ (פאַרשטייט זיך, אין וויכטיקע ענינים), קאָן מען זען פון אַ זייער אינטערעסאַנטן, כאַראַקטעריסטישן פאַקט. עס איז אפשר ניטאָ אויף דער וועלט — אַחוץ דעם מענטשן — קיין איין בריאה, וואָס זאָל שטיין צו אים אַזוי נאָענט דורך אירע כמעט מענטשלעכע מעלות, ווי דער הונט. זיין קלוגשאַפט, זיין איבערגעבנקייט און טרייקייט, זיין געע־נוגזאַמקייט, זיין אמתע מסירת־נפש פאַר די מענטשן, וואָס זיינען אים ליב און טייער, רופן אַרויס באַוואונדערונג, ניט זעלטן התלהבות ביי יעדן ערנסטן פאָרשער פון דעם הונטס לעבן און כאַראַקטער. אייניקע, ווי צ"ב, דאַרווין, און נאָך פריער אָגוסט קאָנט, גייען אַזוי ווייט אין פּרט, אַז זיי געפינען אין דעם הונט דעם ערשטן אָנהייב פון אַ רעליגיעזן געפיל, וואָס

איז ביז אַהער באַטראַכט געוועזן, ווי די איינציקע, ריין מענטשלעכע מעלה. אָבער די אַלע מענטשלעכע מעלות אין דעם הונט ווערן אין גאַנצן בטל אין אונדזער אָפּשאַצונג דורך דער „הינטישער״ צוגעלאָזטקייט, צוגעבונדנ־קייט און אונטערטעניקייט. דאָס הינטישע „זוכן חן אין די אויגן״ פון דעם באַלעבאָס, דאָס לאָזן זיך באַהאַנדלען, „ווי אַ הונט״, קאָן דער מענטש גאַנץ לייכט — און נאָך מיט דאַנקבאַרקייט אַריבערטראָגן אין דער חיה; ער קאָן דאָס אָבער בשום אופן ניט מוחל זיין, ווען ער געפינט דאָס אין דעם מענטשן. אויך דעם הונטס האַרטקייט צו אַלעמען, וואָס איז ניט זיין באַלעבאָס אָדער ניט דעם באַלעבאָס׳ מקורב, זיין שלעכטע חברשאַפט מיט די „מיט־הינט״, — אַלץ גרויסע, הינטישע מעלות, וואָס שטאַמען פון דער הויפּט־מעלה זיינער, זיין ליבע, זיין אמתער טרייער ליבע צו די „זייניקע״ — אויך דאָס רופט אין אונדז אַרויס דעם ביטערסטן געפיל פון פּראָטעסט, ווען מיר זעען עס אין אַ הונט בצורת מענטש. „געמיינער הונט!״ איז דאָס ערגסטע זידל־וואָרט, וואָס מיר קאָנען איינעם שליי־דערן אין פּנים.

ווי קליין און אָרעם עס זאָלן ניט זיין די אַלע פּאָדערונגען, וואָס אַ געוויינטלעכער מענטש שטעלט צו אַ געוויינטלעכן מענטשן, דריקן זיי פּאָרט אויס דעם אינעווייניקסטן תוך פון דער בחינה „מענטש״. פּרינ־ציפּיעל האָבן זיי אין זיך שוין אַלץ, וואָס הייבט אויף דעם מענטשן צו דער קרוין פון דער שאַפונג, אַלץ וואָס שיידט אים אָפּ פון דער חיה, זאָל זיין מער ניט ווי דורך דעם, וואָס דער מענטש האָט די אַלע מעלות אין אַ גרעסערער מאָס און אין אַ רייכערער אַרט, איידער זי. זאָל זיין, אַז פון אָנהייב איז דער חילוק צווישן מענטש און חיה ניט גאָר גרויס; אַז אין דער ערשטער צייט האָט דער מענטש זיין שטאַרקערן שכל אויס־גענוצט צוליב ריין פּראַקטישע לעבנס־צוועקן פונעם „קאַמפּף אומ׳ס דאַ־זיין״, וואָס באַהערשט אויך דאָס לעבן פון דער חיה. אָבער אין זיין אַנט־וויקלונג האָט זיך דער שכל אויפגעהויבן איבער די ריין מאַטעריעלע נויטן און האָט באַשאַפן אַ וועלט פון געדאַנקען, וואָס ברענגט דעם מענטשן אַן אַנדער מין הנאה, וועלכע קיין חיה אין דער וועלט קאָן ניט משיג זיין — די הנאה פון דער שכלדיקייט, וואָס שטעקט אין אַ וועלכן עס איז גע־דאַנק אַליין אַליינס, צי ער קאָן אונדז ברענגען נוצן, צי ניט. די ליבע צום שכל און זיינע פּראָדוקטן איז געוואָרן אַ ריין מענטשלעכער שטריך.

דאָס אייגענע איז אויך מיט אַלע אַנדערע מעלות. זיי זיינען אפשר פריער אַרויסגעוואַקסן פון די פּשוטע, מאַטעריעלע באַדערפענישן, וואָס דער מענטש האָט געהאַט און האָט נאָך אין איינעם מיט דער חיה. אָבער

אין זייער אַנטוויקלונג האָבן זיי אַריבערגעוואַקסן די נויט, וואָס האָט זיי אַרויסגערופן, און זיי זיינען געוואָרן טייער דעם מענטשן צוליב זיך גופא, ווייל אין זיי דערקענט ער זיין אייגענע מענטשלעכע נאַטור.

דער ווילן, וואָס האָט פריער געהאַט דעם צוועק נאָר צו באַהערשן די דרויסנדיקע נאַטור צוליב אַ בעסערן לעבן פון דעם גוף, ווערט ביי אַ העכערן טיפּ מענטש אַ געצייג, וואָס מיט אים באַהערשט ער די תּאוות און באַדערפענישן פון דעם אייגענעם חומר, צוליב אַ טיפערן און שע־נערן לעבן פון דער נשמה. די ליבע צו שיינקייט, וואָס איז אין אָנהייב געווים געווען פאַרבונדן מיט דעם סעקסועלן אַפּקלייב און האָט געדאַרפט ניט מער ווי שטאַרקער מאַכן די מאַגנעטישע קראַפט צווישן דעם „ער" און דער „זי", האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלע לײַדנשאַפטן און איז גע־וואָרן אַ ריינע ליבע צו דער שיינער פאָרעם אין דער באַטראַכטונג פון דער נאַטור, אין דער באַוואונדערונג פון דער קונסט — אַ ריינע ליבע, וואָס האָט ניט קיין מאַטעריעלע פּניה אין זין.

די געפילן פון יושר, פון רחמנות און מענטשן־ליבע זיינען אויך אפשר פריער אַרויסגעוואַקסן פון די פּראַקטישע נויטן פון דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן און האָבן געבראַכט נוצן יעדן איינצלנעם אינדיווידיאום. אָבער אין דעם משך פון דער אַנטוויקלונג האָבן זיי פאַר דעם מענטשן באַקומען אַ זעלבסטשטענדיקן זין, און אָפט מאָל איז דער מענטש מקריב זיין אייגענעם לעבן, כּדי דורכצופירן פאַר אַנדערע די אידעאַלן פון יושר, רחמנות אָדער מענטשן־ליבע.

און אויך דער מענטשלעכער שטאָלץ איז געוואָרן אַן אַנדערער, אַ הע־כערער. ביי די שענערע מענטשן, ד"ה, ביי די וואָס זיינען מער מענטש, יאָגט ער זיך ניט נאָך דעם ביסעלע כּבוד, וואָס איינער קען קריגן אין לעבן פאַר זיך. עס וואַקסט אויס דער באַגריף פון דעם כּבוד התורה, דער ערע פון אַ העכערער זאַך, וואָס איז מיר טייער און וואָס פאַרדינט די דאָזיקע ערע — מיין פאָלק אָדער מיין רעליגיע, אָדער מיין סאָציאַלער אידעאַל — און דער מענטש, ביי וועמען יענער ערגעפיל איז ניט אָפּ־געשטאָרבן, קאָן ניט בלייבן גלייכגילטיק, ווען ער זעט צו, ווי דאָס אים טייערע ווערט געטראָטן מיט די פיס, ווען אַפילו ער אַליין ליידט דערפון ניט אַ ברעקל.

קורץ, אַ מענטש איז דער, וועמען עס איז טייער די „מענטשלעכקייט" אין דעם מענטשן, וואָס ליבט און שעצט די ריין מענטשלעכע מעלות פון דער נשמה. אַ מענטש איז דער, וואָס ליבט שכל און וויסנשאַפט, מענטשן־ליבע און יושר, שיינקייט און שטאַרקע שטאָלצע מענטשלעכע חשיבות. און

וואָס מער איינער איז דורכגעדרונגען מיט די דאָזיקע מעלות און מיט דער ליבע צו זיי, אַלץ מער מענטש איז ער.

דאָס איז „מענטש״.

און וואָס איז „ייד״?

אויך דער באַגריף נייטיקט זיך אין אַ ביסל אַ טיפערער באַטראַכטונג, ווייל ער נעמט אַרום דריי גאַנץ פאַרשיידענע אַרטן פון יידן: דעם רע־ליגיעזן ייד, דעם ראַסן ייד און דעם נאַציאָנאַלן ייד.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די אַלע אַרטן זיינען נאָך ניט געווען פונאַנדערגעשיידט, און יעדער ייד, וואָס האָט געשטאַמט פון יידישע על־טערן (דער „ראַסן־ייד״), איז אין דער זעלביקער צייט געווען אַ רע־ליגיעזער ייד, ווייל ער האָט געגלייבט אין דעם יידישן גלויבן, און אויך אַ נאַציאָנאַלער ייד, ווייל ער האָט געלעבט מיט די אַלגעמיינע יידישע האָפענונגען אויף דעם ווידערגעבורט פון דעם יידישן פאָלק.

איצטער, בעוונותינו הרבים, איז די „דריי־איינהייט״ פון דעם יידן צעשפּאָלטן געוואָרן. עס זיינען דאָ יידן, ביי וועמען די „יידישקייט״ ליגט גאַנץ קלאָר אויסגעקריצט אויפן פנים, וואָס האָבן אָבער רעליגיעז גאָרניט ניט צו טאָן מיט דעם „יודאַאיזם״ און לייקענען לגמרי אָפּ זייער סאָלי־דאַריטעט מיט דער יידישער נאַציע. אַנדערע זיינען נאַציאָנאַל געשטימט, אָבער ווילן גאָרניט וויסן פון דער יידישער רעליגיע.

קאָנען נאָך די דאָזיקע לייקענער פון דעם יידישן גלויבן אַריינגע־נומען ווערן אין דעם גדר „ייד״?

דאָס רוב מיינט עד היום, אַז אַ ייד איז נאָר דער, וואָס גלייבט אין אַ געוויסן רעליגיעזן סיסטעם, וואָס רופט זיך „יודאַאיזם״, יידישקייט. „ישראל ואוריתא חד נינהו״ — דאָס יידישע פאָלק און די יידישע תורה איז איין און די זעלביקע זאַך. אַ ייד זיין איז דעריבער עפּעס אַזוינס, וואָס הענגט אָפּ פון אונדזער אייגענעם ווילן. גלייבן מיר אין די יידישקייט, זיינען מיר יידן; הערן מיר אויף צו גלייבן, זיינען מיר אויס יידן. דאָס איז אַקוראַט ווי מיט יעדער אַנדער רעליגיע, אָדער פאַרטיי, אָדער פי־לאָסאָפישע ריכטונג. איינער איז אַ קאַטאָליק, אָדער אַ סאָציאַליסט, אָדער אַ העגעליאַנער, כּל זמן ער גלייבט אין דעם קאַטוילישן גלויבן, אָדער אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אָדער אין העגעלס פילאָסאָפיע. אַזאַ אויס־טייטשונג פון דעם מהות ייד קאָן שוין אָבער אין דער איצטיקער צייט ניט אויסהאַלטן קיין ברעקל קריטיק. די איצטיקע מענטשהייט איז איינגע־טיילט ניט נאָר אין רעליגיעס, פּאַרטייען און פאַרשיידענע ריכטונגען, נאָך אײדער אַלע אַנדערע איינטיילונגען, אין וועלכע מיר קאָנען אַריינ־

טרעטן דורך אונדזער ווילן און אונדזער גלויבן און פון וועלכע מיר קאָנען אַרויסטרעטן, אויב אונדזער מיינונג וועגן זיי האָט זיך געביטן, איז דאָ נאָך אַ מענטשלעכע איינטיילונג, אין וועלכע מען טרעט ניט אַריין, נאָר מען ווערט אַריינגעבוירן און פון וועלכער מען קאָן ניט אַרויסטרעטן, סיידן אַרויסשטאַרבן. איך מיין דאָ די איינטיילונג פון דער מענטשהייט אין איינצלנע פעלקער. יעדער איינער מוז באַלאַנגען צו אַ וועלכן עס איז פאָלק, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, ווייל מען קאָן ניט זיין „נאַציאָנסלאָז", ווי מען איז צ"ב, „קאָנפעסיאָנסלאָז", ווען מען באַלאַנגט ניט צו קיין רעליגיע, אָדער ווי מען איז „פּאַרטיי־לאָז", ווען מען געהערט ניט צו קיין פּאַרטיי. געהערט איינער ניט צו דעם פאָלק, מוז ער געהערן צו אַן אַנדערן.

עס איז ניט מיין הייגטיקע אויפגאַבע, אויסצופאָרשן, צי עס איז גוט אַזוי, וואָס די מענטשהייט איז איינגעטיילט אין איינצלנע פעלקער. וואָלט דער רבונו־של־עולם, בעת ער האָט באַשאַפן די מענטשהייט, זיך מיט אונדז אַלעמען מיישב געווען, ווי אַזוי צו באַשאַפן זי, וואָלט איר אפשר געקאָנט געבן אים די עצה, ער זאָל חס־ושלום ניט צולאָזן איר צעשפּאַלטונג אין פאַרשיידענע נאַציעס. איך, פון מיין זייט, וואָלט, מחמת אַ סך טעמים, אַדרבה, געשטאַנען שטאָל און אייזן, ער זאָל ניט צולאָזן צו איין איינציקער מענטשהייט מיט איין איינציקער קולטור. אָבער מיר קאָנען אונדז דאָס מאָל אין גאַנצן פאַרשפּאָרן די ספקוכים וועגן דעם ענין. די נאַטור האָט געטאָן אירס און האָט ביי אונדז קיין עצות ניט געפרעגט, און כל זמן זי האָט ניט אָפּגעשאַפט די פעלקער, מוז יעדער איינער, ווי איך האָב שוין באַ־מערקט, געהערן צו אַ וואָסער עס איז פאָלק, אַפילו אַנטקעגן זיין אייגענעם ווילן.

אַט דער פאַקט איז נאָך ניט אין גאַנצן קלאָר פאַר אַ סך און אַ סך פון די אַזוי אָנגערופענע „קאָסמאָפּאָליטן". דעם קאָסמאָפּאָליטס אידעאַל איז — אַז אַלע פעלקער זאָלן פאַרשווינדן און עס זאָל בלייבן איין איינציקע מענטשהייט. דאָס איז אפשר אַ גאַנץ גוטער אידעאַל און קאָן אפשר אויך מקוים ווערן — במהרה בימינו — אין אַ פּאָר צענדליק טויזנט יאָר אַרום — הגם איך לייקן ביידע זאַכן: סיי, אַז דאָס איז אַ וואונטשבאַרער אידעאַל, סיי אַז ער קאָן ווען עס איז מקוים ווערן. דאָס איז זיך אַ טעאָרעטישער ספסוך. דער קאָסמאָפּאָליט מאַכט אָבער אַן אַבסאָלוטן טעות שוין היינ־טיקן טאָג, ווען ער מיינט, אַז דורך דעם גופא, וואָס ער גלייבט אין דעם דאָזיקן אידעאַל, טרעט ער שוין איצטער אַרויס פון דעם נאַציאָנאַלן גדר און ווערט פאָלקלאָז. דאָס איז אַקוראַט אַזוי אוממעגלעך, ווי עס איז אומ־מעגלעך דעם באַרג אויפצוהערן צו זיין אַ באַרג, כל זמן עס זיינען נאָך

דאָ טאָלן אַרום אים, און ווי עס איז אוממעגלעך דעם טאָל אויפצוהערן זיין אַ טאָל, כל זמן אַרום אים שטייען נאָך בערג. ערשט ווען דער באַרג ווערט אַראָפּגעגראָבן, אָדער דער טאָל פאַרשאָטן, פאַרשווינדט דער חילוק צווישן זיי. און איידער דער חילוק איז פאַרשוואונדן, מוזן זיי בלייבן וואָס זיי זיינען.

אַ פאָלק איז אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס האָט אין משך פון דורות געלעבט אין בשותפותער קולטורעלער אַטמאָספערע און האָט דעריבער אויסגעאַרבעט אין דעם לעבן, אין דעם קערפּער און אין דער נשמה געוויסע סימנים — אַלץ איינס וואָסערע — וואָס דורך זיי שיידט זי זיך אָפּ פון אַנדערע מענטשלעכע גרופּן, וועלכע האָבן אויך אין אַ משך פון דורות געלעבט אין זייער קולטורעלער סביבה און ממילא אויסגעאַרבעט זייער׳ע אייגענע סימנים.

וואָלטן ניט געווען קיין פאַרשיידענע פעלקער, וואָלט קיין פאָלק קיין פאָלק ניט געווען. איין איינציק פאָלק אין דער וועלט איז שוין קיין פאָלק ניט, נאָר די גאַנצע מענטשהייט. און אַלע זיינע פאָלקס־סימנים הערן אויף צו זיין פאָלקס־סימנים און ווערן פשוט שטריכן פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער נאַטור. זאָלן אַלע פעלקער פאַרשווינדן און זאָל נאָר בלייבן, צ״ב, דאָס ענגלישע פאָלק, וועלן דעמאָלט די ענגלענדער אויפהערן צו זיין ענגלענדער, נאָר סתם־מענטשן און יעדער שטייף־ענגלישער באַראַקטעד־שטריך וועט ווערן אַ סימן פון דעם „מענטש בכלל״. אָבער ווי נאָר עס זאָל דורך אַ נס אַרויסשפּרינגען נאָך אַ פאָלק לעבן דעם ענגלישן, צ״ב, דאָס דייטשע, אַזוי וועט תיכּף פאַרשווינדן דער „סתם־מענטש״ און דער „מענטש בכלל״, און געוויסע מענטשלעכע שטריכן, וואָס מיר געפינען ביי דעם דייטשן, וועלן דעמאָלט ווערן דייטשע נאַציאָנאַלע סימנים, און די מענטשלעכע שטריכן, וואָס זיינען דאָ ביי דעם ענגלענדער, אָבער פעלן ביי דעם דייטשן, וועלן דעמאָלט ווידער ווערן ענגלישע נאַציאָנאַלע סימנים.

כל זמן עס זיינען דאָ פעלקער אויף דער וועלט, מוז יעדער ניי־געבוירענער מענטש, פון דעם מאָמענט אָן פון זיין געבורט, צוגערעכנט ווערן צו אַ באַשטימטן פאָלק. און ווען פון אַלע פעלקער זאָלן בלייבן נאָר צוויי, וועט אויך דעמאָלט יעדער ניי־געבוירענער מענטש מוזן ברענגען מיט זיך אויף דער וועלט אַ געוויסן טייל פון נאַציאָנאַלע סימנים יענעם טייל, וואָס גייט איבער בירושה דורך די בלוט פון די עלטערן, פון דור צו דור. ער וועט אויך תיכּף צוגעציילט ווערן צו איין גרופּע אָדער צו דער אַנדערער.

שטעלט איך אַפּילו פאַר אַזאַ פאַל: אַלע קאָסמאָפּאָליטן פון דער וועלט טיילן זיך אויס פון זייערע פעלקער און באַשאַפן אַן אייגענע גרופּע, וואָס זאָל זיך רופן „סתם־מענטשן". כל זמן יענע פעלקער וועלן נאָך בלייבן באַשטיין, וועט אָט די נייע קאָסמאָפּאָליטן־גרופּע, וואָס וויל גאָרניט וויסן פון דעם ענין פאָלק, שוין דורך דעם פאַקט גופא פון איר אַרויסטיילן זיך, מוזן שפּילן די ראָלע פון אַ באַזונדער אומה, דעם „סתם־מענטש־פאָלק", און יעדעס קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן ביי איר, וועט נאַציאָנאַל מוזן געהערן צו דער נייער אומה אַזוי לאַנג ביז עס וועלן נאָך עקסיסטירן אַנ־דערע אומות, וואָס שיידן זיך אָפּ פון איר. און אַקוראַט אַזוי לאַנג וועט אויך ניט קאָנען זיין קיין אַלגעמיינע מענטשהייט, וואָס זאָל ליגן ערגעץ וואו דרויסן פון די עקסיסטירנדע פעלקער, און וואוהין מען זאָל קאָנען אַריינשפּרינגען, ווען מען פאַרלאָזט דאָס אייגענע פאָלק. טרעט מען אַרויס פון איין נאַציאָנאַלער גרופּע, מוז מען תוך כּדי דבור אַריינטרעטן אין אַן אַנדערע און איידער מען איז אַריינגעטראָטן אין אַן אַנדער גרופּע, האָט מען פּאַקטיש נאָך ניט פאַרלאָזן די ערשטע. ווערן פאָלקלאָז, הייסט עס, קאָן אַפילו דער קאָסמאָפּאָליט ניט אין דער איצטיקער צייט. העכסטנס, וואָס ער קאָן, איז אַרויסגיין פון איין פאָלק און זיך אַסימילירן מיט אַן אַנדערן. אין דעם פּראַקטישן לעבן זיינען דעריבער די קאָסמאָפּאָליטן, וואָס פאָדערן מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער אייגענער נאַציע, ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַסימילאַטאָרן, וואָס פאַרלאַנגען מען זאָל צושטיין צו אַן אַנדער נאַציע — ד"ה, מיט אַנדערע ווערטער: זיי זיינען — ניט אין דער טעאָריע, נאָר אין דעם פּראַקטישן לעבן — ניט קיין קאָסמאָפּאָליטן, נאָר נאַציאָנאַליסטן פון יענער אַנדער נאַציע.

איך האָב דאָ פון אויבן אויף באַרירט דעם וויכטיקסטן רעזולטאַט, צו וועלכן די מאָדערנע פאָרשונג איז געקומען בנוגע צו דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. און דער רעזולטאַט וועט אונדז העלפן פונאַנדערקלייבן זיך אין דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז איצטער: הייסט „ייד־זיין" נאָר באַלאַנגען צו אַ געוויסן גלויבן, אָדער דאָס הייסט אויך באַלאַנגען צו אַ געוויסן פאָלק, אַפילו ווען ער פאַרלאָזט אין גאַנצן דעם יידישן גלויבן?

אויב יעדער מענטש מוז געהערן צו אַ וועלכן עס איז פאָלק און אויב די יידן זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע, מוז מען אוועק־שטעלן די פראַגע: צו וועלכן אַנדער פאָלק באַלאַנגען זיי? און אויף דערויף איז דאָ נאָר איין ענטפער: צו קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט, ווייל קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט קאָן אין זיי ניט זען די קינדער פון זיין אייגן פליישׁ און בלוט. אין קיין לאַנד, וואו יידן וואוינען, אַפּילו אין יענע

לענדער, וואו די אַסימילאַציע האָט זיך געמיט דורכצופירן איר פּראָגראַם גאַנצע הונדערט יאָר — און נאָך מער — נאָכאַנאַנד. אַפילו אין פראַנק־רייך, אין האָלאַנד, אין איטאַליע — האָבן די יידן נאָך ניט פאַרלוירן זייערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן אויף אַזוי פיל, אַז די אַרומיקע באַפעל־קערונג זאָל זיי ניט דערקענען און זאָל ניט מאַכן אַ חילוק צווישן זיך און זיי. ווער רעדט שוין וועגן די יידן אין רוסלאַנד, פוילן, רומעניע און אַמעריקע, וואו די יידישע סימנים וואַרפן זיך אַזוי בולט אין די אויגן. אמת, אונדזערע אַסימילאַטאָרן ווילן דאָס ניט איינזען און זיי שמועסן זיך באמת איין, אַז די יידן געהערן נאַציאָנאַל צו יענע פעלקער, צווישן וועלכע זיי וואוינען, אָבער זאָגן אַזוי הייסט פשוט ניט האָבן קיין איין פונק פון וויסנשאַפטלעכן יושר, אָדער אין בעסטן פאַל קיין ברעקל חוש ניט פאַר דעם פאַקטישן אמת. וואָס פון די יידן זאָל ניט ווערן אין דער צוקונפט, לעת־עתה געהערן זיי ניט צו יענע פעלקער, און יענע פעלקער זיינען אַבסאָלוט גערעכט, ווען זיי ווילן זיי ניט באַטראַכטן פאַר זייער „אייגן בלוט״.

אָבער: אויב די יידן געהערן ניט צו זיי, אויב זיי זיינען ניט קיין פוילן, ניט קיין רוסן, ניט קיין טאַטערן און אַזוי ווייטער, איז דעמאָלט מוזן זיי ממילא פאַקטיש געהערן צו זיך אַליין — ד״ה, זיין אַ באַזונדער פאָלק. און ווילט איר גאָר שטאַרק מקפיד זיין אין דעם ענין, ליגט זיך אייך ניט לייכט אויפן זינען, אַז דער מאַראָקאַנער ייד און דער רוסישער ייד זאָלן געהערן צו איין און דער זעלביקער יידישער אומה, קאָנט איר זאָגן, אַז אַלע יידן פון דער וועלט בילדן אַ גרופּע פון יידישע פעלקער, ווי די רוסן, פוילן און רוטענען בילדן אַ גרופּע פון סלאַווישע פעלקער. איר קאָנט אָבער בשום אופן ניט צורעכענען דעם רוסישן יידן צו דער סלאַווישער פעלקער־גרופּע.

נאַציאָנאַל געהערן די יידן צו זיך אַליין. און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס עס איז אַזוי! די יידן האָבן אין אַ משך פון דורות און דורות געלעבט אין איין איינציקער קולטורעלער אַטמאָספערע, אין איין איינציקן באַשטימטן לאַנד. זיי האָבן דעריבער געמוזט אויסאַרבעטן געוויסע סימנים פון קערפּער און גייסט, וואָס גייען איבער בירושה פון דור צו דור, אַלץ איינס, צו זיי גלייבן אין זייער יידישקייט, אָדער ניט. אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן פון געשמדטע יידישע עלטערן, ברענגט מיט זיך אויף דער וועלט דעם יידישן „מוח״ און דאָס יידישע „האַרץ״ — אַ באַשטימטן בוי פון זיין גוף און זיין נשמה: ער איז אַ ייד, ווען אַפילו אַלע יידן ווילן פון אים גאָרניט ניט וויסן און ער אַליין האָט פיינט זיין פאָלק בתכלית השנאה.

ווען די געשמדטע יידן הערצענשטיין און פערגאַמענט האָבן זיך אין דער „גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ״ פאַרשריבן: „רעליגיאַי פּראַוואָסלאַוונאַי, נאַציאָנאַלנאָסטי יעווריעיסקאַי״ — איז דאָס דעריבער ניט געווען קיין פיינער וויץ פון זייער זייט, נאָר אַ פשוטער קאָנסטאַטירן פון אַ פשוטן פאַקט. ישראל לחוד ואוריתא לחוד, די יידישע רעליגיע איז איין זאַך און דאָס יידישע פאָלק איז אַן אַנדער זאַך. יעדער ייד קאָן אָנגעהערן צו ביידע, אָבער ער מוז אָנגעהערן צו איינער, צו דעם יידישן פאָלק. איז ער איין מאָל געבוירן געוואָרן פון יידישע עלטערן, קאָן מען אין קיין וואַסערן ניט אָפּוואַשן זיין „יידישקייט״, זיין באַשטימטן נאַציאָנאַל־יידישן טיפּ, וואָס טרעט אַרויס מער אָדער ווייניקער בולט אין זיין פיזיאָנאָמיע און זיין כאַראַקטער, ווי אויך אין זיין אַרט באַשאַפן גייסטיקע גיטער.

אַ ייד איז ניט נאָר אַ רעליגיעז־גלייביקער „איזראַעליט״. אַ ייד איז אויך דער, וואָס געהערט דורך זיין געבורט צו דעם יידישע פאָלק — און האָט דעריבער אַריין גענומען אין זיך אַלע סימנים פון דער יידישער ראַסע.

אָבער דאָס איז נאָך ניט גאָר: מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז עס דאָ נאָך אַ דריטער מין ייד, דער נאַציאָנאַלער, ד״ה אַזאַ וואָס געהערט באַוואוסטזיניק צום יידישן פאָלק, וואָס וויל געהערן צו אים, וואָס באַטראַכט זיך סאָלידאַריש מיט זיין גאַנצער געשיכטע און קעמפט אָדער וויל קעמפן פאַר דעם פאָלקס ווייטערדיקן קיום אויף דער וועלט.

אָט די דריי אַרטן „ייד״ מוז מען האָבן אין זינען — דעם רעליגיעזן, דעם ראַסן־ייד און דעם נאַציאָנאַלן — ווען מען וויל זיך גוט פונאַנדערקלייבן אין דער פראַגע פון „ייד און מענטש״.

מיר וועלן אָנהייבן מיט דעם נאַציאָנאַלן יידן, ווייל ער איז דער וויכטיקסטער פאַר אונדז און ווייל די פאַרענטפערונג פון זיין פראַגע וועט אונדז אויך העלפן אויסצוגעפינען דעם אמת בנוגע צו די צוויי אַנדערע אַרטן.

איך האָב געזאָגט, אַז אַ נאַציאָנאַלער ייד איז דער, וואָס וויל געהערן צו דעם יידישן פאָלק און זיין סאָלידאַריש מיט זיין גאַנצן היסטאָרישן גורל. איבערטרייבט מען דעם יידישן נאַציאָנאַליזם ביז צו דעם עקסטרעם, ווערט די דאָזיקע סאָלידאַריטעט פאַרוואַנדלט אין אַ בלינדער פאַרליבטקייט צו אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון „יידישקייט״. אין דעם יידישן לעבן איז אַלץ גוט און שיין. עס איז אַ „מה טובו״־שטימונג, וואָס פאַלט אַריין אין קעלבערנע התפעלות פון יעדן שטריך, וואָס דער ייד האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין כאַראַקטער און אין זיין קולטור.

„מה טובו אוהליך, יעקב, משכנותיך, ישראל!" — „ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן, יעקב, דיינע רו־פּלעצער, ישראל!" אַזאַ מין פאַרשיכּורטער נאַ־ציאָנאַליזם געפינט זיך ביי די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון יעדן פאָלק; דאָס איז יענער „אַתה בחרתנו"־איזם, פון וועלכן קיין נאַציע אין דער וועלט, איז לײדער, ניט פריי, און וועלכער טראָגט איצטער דעם אַלגעמיי־נעם נאָמען פון „שאָוויניזם".

איך מוז מודה זיין, אַז גראָד אין דעם ענין פון „מה טובו"־שטימונג האָט דער קאָסמאָפּאָליטיזם, מיט זיין אַבסאָלוטן אָפּלייקענען פון אַלץ, וואָס איז נאַציאָנאַל, אַרויסגעבראַכט אַ סך טיפע, אייביקע אמתן, וואָס גיבן אונדז אַ רעכט אין געוויסע פאַלן צו באַטראַכטן „דאָס נאַציאָנאַלע" ווי אַ היפך צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן און צו קעמפן אַנטקעגן אים אין דעם נאָמען פון דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דער קאָסמאָפּאָליטישער גאַנק איז אומעטום און אין אַלע פאַלן גערעכט. אַ ניכטערע, אומפּאַרטייאישע באַטראַכטונג פון דעם ענין, וועט אונדז, ווי איך האָף, באַווייזן, אַז די ביידע עקסטרעמע ריכטונגען: דער קאָסמאָפּאָ־ליטיזם און דער שאָוויניזם האָבן אַריבערגעשאָסן דעם ציל; אַז זיי ביידע האָבן אַנגעטאַפּט פונדאַמענטאַלע אמתן פון דעם מענטשלעכן לעבן און דעם פעלקער־לעבן — אמתן וואָס מוזן אַריינגעבראַכט ווערן אין האַרמאָניע, ווייל זיי קאָנען הויזן איינער מיט דעם אַנדערן נאָר אונטער געוויסע באַדינ־גונגען און אין געוויסע גרענעצן.

די אַרגומענטאַציע פון דעם קאָסמאָפּאָליט איז אַזוי קלאָר און איינפאַך, לייגט זיך אַזוי גלאַט אויף דעם שכל הישר, אַז ס'איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס יעדער דענקנדיקער קאָפּ מוז קודם כל באַכשופט ווערן פון דער קאָסמאָפּאָליטישער לאָגיק און פון יענע ליכטיקע האָריזאָנטן, וועלכע ער עפנט פונאַנדער פאַר דער מענטשלעכער צוקונפט.

דער קאָסמאָפּאָליט זעט דעם אונטערשייד פון פעלקער נאָר אין דער פאַרשיידנקייט פון זייער לעבן, אין דעם פונאַנדערגיין זיך פון זייער קולטור. קולטור איז אָבער אַ זאַך, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט פון דעם מענטשלעכן שכל, דעם מענטשלעכן יושר און דעם מענטשלעכן שטרעבן צו שיינקייט. אויב צוויי קולטור־ערשיינונגען שטימען ניט איין איינע מיט דער אַנדערער, הייסט עס, אַז דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט ניט אין דער זעלביקער מאָס. די אַלגעמיינע מענטשלעכקייט האָט זיך פאַרקערפּערט אין זיי אין אַ פאַרשיידענעם גראַד פון קלאָרקייט און שטאַרקייט. אין איין קולטור־ערשיינונג, ביי איין

פאַלק, איז דער מענטשלעכער שכל אַרויסגעקומען מער בולט און ריין, איידער אין דער אַנדער קולטור־ערשיינונג, ביי אַן אַנדער פאַלק.

צוויי פעלקער באַאַרבעטן די ערד: די גאַר ווילדע בושמענער און די ציוויליזירטע ענגלענדער. די אַרט פון זייער אַגריקולטור איז איינער פון יענע „נאַציאָנאַלע" סימנים, מיט וועלכע דער גאַר ווילדער בושמען שיידט זיך אָפּ פון דעם אויסלענדער. דער בושמען אָדער דער באַטאַקוד, אָדער דער פידזשיאַנער — איך געדענק שוין באמת ניט, ווער פון די דאָזיקע בכבודע פעלקער — נעמט, אַז ער וויל באַאַרבעטן די ערד, אַ פאַרשפיצטן פלאָקן אין די הענט, שטעלט אים צו צו דעם באָדן, שטרענגט אָן אַלע זיינע כּוחות און קראַצט אויף אַ קליינעם שטח, אין וועלכן ער וואַרפט אַריין זריעה און לאָזט זי איבער אויף גאָטס באַראָט. שוין אין אָט דער פרימיטיווער אַרט פון אַגריקולטור שטעקט אַ היפּשע ביסל פון מענטשלעכן שכל און מענטשלעכער ערפאַרונג. דער ציוויליזירטער ענגלענדער אָדער דער אַמעריקאַנער ווענדט אָן אין זיין ערד־אַרבעט אַנשטאָט דעם פאַרשפיצטן פלאָקן אַ שטאָלענעם דאַמף־פלוג. וואו איז דאָ מער מענטשלעכער שכל, וואו טרעט ער אַרויס קלאָרער און ריינער: אין דער בושמענישער ערד־אַרבעט אָדער אין דער ענגלישער? גאַנץ געוויס אין דער ענגלישער.

און דאָס אייגענע וואָס מיט דער ערד־אַרבעט איז אויך — אַזוי מיינט דער קאָסמאָפּאָליט — מיט אַלע אַנדערע קולטור־ערשיינונגען פון דער מענטשהייט. זיי אַלע האָבן נאָר איין ציל אין זינען — די באַפרידיקונג פון מענטשלעכע נויטן און באַדערפעניש. געוויס, איז שוין די פּשוטסטע, ווילדסטע באַפרידיקונג גאַנץ באַשטימט אַ מענטשלעכע, וואָס לאָזט ווייט הינטער זיך דעם שכל פון די חיות און בהמות. און אַ מענטש איז אויך דער, וואָס ווענדט אָן אַ פאַרשפיצטן פלאָקן. אָבער כּדי צו באַשטימען דעם ווערט פון די דאָזיקע באַפרידיקונגען פאַר דעם מענטשן און דעם מענטשלעכן פראָגרעס, דאַרפן מיר זען, צי זיי שטייען אויף יענער הייך, צו וועלכער דער מענטשלעכער שכל האָט זיך אויפגעהויבן אין דער איצטיקער צייט. אויב זיי זיינען געבליבן אַזוי ווייט צוריק, ווי דער פאַרשפיצטער פלאָקן איז געבליבן ווייט הינטער דעם דאַמף־פלוג, טאָר מען נישט קוקן דערויף, וואָס די „פאַרשפיצטע פלעקער" זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ שיין פון הייליקייט, ווייל אונדזערע טאַטעס און אונדזערע זיידעס און אונדזערע אָבות־אָבותינו האָבן מיט זיי זיך באַנוצט און קיין בעסערע זאַך ניט געוואוסט. עס איז די פליכט פון יעדן פאַלק, וואָס וויל ניט בלייבן הינטערשטעליק פאַר דער מענטשהייט, אָפּצוווארפן

דאָס פעלד פון זיין קולטור פון אַלע יענע „פּאַרשפּיצטע פלעקער״, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויף אים „משנים קדמוניות״. ער מוז פאַרבייטן זיי אַלעמען אויף יענע שכלדיקע ערפינדונגען, אויף יענע רעזולטאַטן פון שיינקייט און יושר, צו וועלכע דער מענטש איז געקומען אין זיין פּראָגרע־סיוון שאַפן.

אָבער — אויב אַלע פעלקער פון דער וועלט זאָלן זיך מיט התמדה נעמען ראַדיקאַל דורכצופירן ביי זיך אין דער היים דעם דאָזיקן הייליקן חוב פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס — וואָס מוז דערפון אַרויסקומען — רעכנט דער קאָסמאָפּאָליט — ניט קיין אַנדער זאַך און ניט קיין קלענערע זאַך, ווי די פולשטענדיקע, ראַדיקאַלע אויסגלייכונג פון אַלע מענטשלעכע קולטורן. און מיט דער אויסגלייכונג פון אַלע מענטשלעכע קולטורן מוזן אויך פאַרשווינדן אַלע נאַציאָנאַלע אונטערשיידן פון פאָלק צו פאָלק.

עס איז — פאַר דעם קאָסמאָפּאָליט — אַ פּשוטער ממה־נפשך. שטייט אַ וועלכע עס איז קולטור־ערשיינונג פון מיין פאָלק אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון שכל, יושר, שיינקייט אָדער מענטשלעכער חשיבות, וועט זי דעמאָלט אויפהערן צו זיין אַ נאַציאָנאַלער סימן פון מיין פאָלק, ווייל אַלע אַנדערע פעלקער וועלן זי מוזן אַריבערנעמען אין זייער לעבן. שטייט זי אָבער, ווי אַ פאַרשפּיצטער פלאָקן, נידעריקער אידער די פאָדערונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן ביי אַן אַנ־דער פאָלק, וועלן דעמאָלט מיר און אַלע אַנדערע צוריקגעבליבענע פעל־קער זיך מוזן אָפּזאָגן פון איר און צושטיין אין דעם פּרט צו דער פּראָגרע־סיווער נאַציע. און ווי באַלד דער העכסטער שטאַפּל פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל וועט אָנהייבן הערשן ביי אַלע פעלקער אין אַלע ערשיי־נונגען פון זייער לעבן, וועט דעמאָלט, מיט דעם פאַרשווינדן פון די נאַ־ציאָנאַלע אונטערשיידן, ממילא אויך אָפּגעמעקט ווערן די איינטיילונג אין באַזונדערע פעלקער, און זיי אַלע וועלן זיך צונויפגיסן אין איין איינציקע מענטשהייט, וואָס וועט גלייכמעסיק פאַר אַלעמען אַנטוויקלען די איין איינציקע מענטשלעכע קולטור.

וואָס קאָן דערויף ענטפערן דער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם, דער שאָוויניזם? ביז אָהער האָבן די שאָוויניסטישע טעאָרעטיקער געוואָלט אַרויסדרייען זיך פון דער קאָסמאָפּאָליטישער נעץ דורך דעם, וואָס זיי האָבן פּשוט געלייקנט, אַז עס איז דאָ אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל, אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער יושר, אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע חשיבות און שיינקייט. ניטאָ קיין אַבסאָלוטער אַלגעמיין־מענטשלעכער פּראָגרעס! — טענהט דער שאָוויניסט. שכל, יושר, שיינקייט און חשיבות זיינען פאַר־

שיידן ניט נאָר פון עפּאָכע צו עפּאָכע, נאָר אויך פון פאָלק צו פאָלק. און וואָס פאַר איין פאָלק איז אמת, קאָן פאַר דעם אַנדער פאָלק זיין אַ קלאָרער שקר; וואָס פאַר איינעם איז שיין, איז פאַר דעם אַנדערן העס־לעך; דער יושר פון איין פאָלק קאָן פאַר אַן אַנדער פאָלק זיין אַ הימל־שרייענדע עוולה; און דאָס, וואָס איין פאָלק שעצט פאַר דעם העכסטן אויסדרוק פון מענטשלעכער חשיבות, קאָן פאַר דעם אַנדערן פאָלק זיין אַ ניט צו פאַרטראָגנדער ביזי־בזיון! קורץ — „טשטאָ גיעמצו זדאָראָוואָ, טאָ רוסקאָמו סמערט" — („וואָס עס איז אַ געזונט פאַרן דייטש, איז אַ טויט פאַרן רוס") — אָט דאָס איז אייגנטלעך די פאָרמול, אין וועלכער דער שאָוויניסט פון אַלע פעלקער גלייבט מיט זיין גאַנצן האַרצן. אויב דער „ניעמיעץ" געפינט, אַז אַ קאָנסטיטוציע איז אַ סך אַ גרעסערער פּאָליטישער יושר, איידער די אומבאַגרענעצטע זעלבסט־הערשונג, אויב אים דוכט זיך, אַז די רעליגיעזע טאָלעראַנץ און די גייסט־פרייהייט זיינען אַ סך חשובערע מענטשלעכע ערשיינונגען, איידער די ענגהאַרציקע פאַרפאָל־גונג פון יעדן ניט „פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן", איז דאָס אפשר פאַר אים, דעם „ניעמיעץ", אַ גאַנץ פּאָסיקע זאַך, וואָס שטימט צו זיין כאַראַקטער און צו זיין נאַציאָנאַלער נשמה, מיר, רוסן, אָבער האָבן פון דעם אַ ברעקל ניט וואָס נתפעל צו ווערן. אונדזער כאַראַקטער, אונדזער נאַציאָנאַלע נשמה דיקטירט אונדז אונדזער אמת און ער ווערט אַמבעסטן באַפרידיקט דורך די „סאַמאָדערזשאַוויע" און די „פּראַוואָסלאַוויע"...

איך וויל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דער אַרגומענטאַציע פון דעם שאָוויניסט. מיר וועלן באַלד זען, וואָס פאַר אַ קערנדל אמת — און דער עיקר — וואָס פאַר אַ וויכטיקער דערצו — עס ליגט אין דעם נאַציאָנאַ־ליסטישן אַרגומענט. דערווייל מוז איך באַמערקן, אַז דער דאָזיקער קערנדל אמת, ווי וויכטיק ער זאָל ניט זיין, ווערט אין גאַנצן צעגאַנגען אין יענעם גרויסן ים פון שקר, אין וועלכן עס שווימט אַזוי לוסטיק אַרום דער רייך־שאָוויניסטישער געדאַנק. אָפּצולייקענען, אַז ס'איז דאָ אַן אַלגעמיין־מענטש־לעכער אמת, וואָס דיקטירט צ"ב, אַז אַלע מענטשן זאָלן גלייך גלייבן אין דעם מאַטעמאַטישן זאַץ פון „צוויי מאָל צוויי איז פיר"; ניט צו צו געבן, אַז אין געוויסע פונקטן שטייען אַ סך פעלקער נידעריקער, איידער אַנדערע; ניט איינצוזען, אַז אין דער שווייצאַרישער רעפּובליק אָדער אין דער דעמאָקראַטישער ענגלישער קאָנסטיטוציע איז דער מענטש־לעכער יושר אַ סך קלאָרער און טיפער פאַרקערפּערט געוואָרן, איידער אין אַ דעספּאָטישער רעגירונג — צו די אַלע זאַכן דאַרף מען שוין האָבן אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגן, אַז זיי פאַרדינען באמת אויסגעשטאָכן צו

ווערן מיט דעם „פאַרשפּיצטן פלאַקן״. עס זיינען דאָ אַזעלכע קולטור־ערשיינונגען ביי די פאַרשיידענע פעלקער, וואָס פּאַטשן אַזוי העזהדיק אין פּנים אַלע פאָדערונגען פון דעם מענטשלעכן שכל און יושר, אַז מיר מוזן זיך דאָ אָוועקשטעלן אויף דער זייט פון דעם קאָסמאָפּאָליט און אין איינעם מיט אים פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף אַנטקעגן אַלץ, וואָס איז פויל און פאַרשימלט אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק.

אומעטום, וואו זיין קולטור באַשטייט פון „פאַרשפּיצטע פלעקער״, אומעטום, וואו אַנשטאָט „צוויי מאָל צוויי איז פיר״, גלייבט ער, אַז „צוויי מאָל צוויי איז אַ שטרויענער דאַך״, האָבן מיר אַ רעכט צו צו גיין צו יעדן איינעם פון אונדזער פאָלק און רעדן מיט אים גאַנץ ריינע און קלאָרע דבורים: „ייד, פאַרברען דיינע פאַרשפּיצטע פלעקער און דיינע שטרויענע דעכער! ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש, און וואָס מער מענטש דו וועסט ווערן, אַלץ וויניקער ייד וועסטו זיין״...

איך וועל דאָ ניט אויסרעכענען בפרטיות אַלע יענע „שטרויענע דעכער״ און „פאַרשפּיצטע פלעקער״, וואָס געפינען זיך אין דער יידישער קולטור. דער גאַנצער איבערנאַטירלעכער גלויבן אין מלאכים, שדים, רוחות און צדיקים; די נאַרישע איינגעשמועסטקייט, אַז מען קאָן דורך וועלכע עס איז מצוות און עבירות בין אָדם למקום — צווישן מענטש און גאָט — געפינען חן אין דעם אייבערשטנס אויגן אָדער חלילה אַרויסרופן זיין צאָרן אַנטקעגן זיך; כמעט דער גאַנצער „שולחן־ערוך״ מיט זיינע תּרפ״ט אלפים דינים און מנהגים — זיי אַלע, אָדער ריכטיקער, כמעט אַלע, זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי „פאַרשפּיצטע פלעקער״ און „שטרויענע דעכער״, וואָס קאָנען ניט אויסהאַלטן קיין ברעקל קריטיק פון דעם פּראָגרעסיוון מענטשלעכן געדאַנק. און ניט נאָר איז דאָס אונדזער פליכט צו דערקלערן עס דעם יידן, נאָר ביי דער גאַנצער טאָלעראַנץ, וואָס מיר האָבן צו דעם אַנדערנס מיינונגען און גלייבונגען — אָדער ריכטיקער: דווקא אין דעם נאָמען פון יענער טאָלעראַנץ, טאָרן מיר ניט צולאָזן, אַז דאָס פאָלק זאָל צווינגען ווערן עס איז צו גלייבן אין זיינע אויסגעוועבטע דאָגמען, אָדער ווייטער לעבן אין זיינע פאַרשימלטע פאָרמען. און ווען מיר זעען, אַז אַ הויפן פאַנאַטיקער קלייבט זיך אַרום אַרום די אַלטע הילצערנע און שטרויענע דעכער״ און טאַנצט אַ ווילדן טאַנץ און שרייט אין התלהבות: מה טובו אוהליך, יעקב, פלעקענערעכאָ, ישראל! — טאָרן מיר אוודאי קיין פאַראיבל ניט האָבן, ווען ביי איינעם פּלאַצט די געדולד און ער נעמט זיינע פלעקער און זיין שטרויענעם דאַך, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיינע עלטערן, און מאַכט אויף זיי אַ שיינעם, לוסטיקן „להדליק״

בפני כל עם ועדה, ווי דאָס האָבן געטאָן אונדזערע אַפּיקורסישע טאַטעס. און אויב מיר זיינען איצטער ניט צופרידן מיט יענע פרייד־פייערן, וועלכע אונדזערע אַפּיקורסים פלעגן אָנצינדן אומעטום צוליב דעם כבוד פון דעם פרייען מענטשלעכן געדאַנק, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן גלייבן אין „פאַרשפּיצטע פלעקער״ און „שטרויענע דעכער״, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן אין יענע פרייד־פייערן אַריינגע־וואָרפן אַ סך אַזוינס, וואָס מען האָט בשום אופן ניט געטאָרט פאַרברענען, און נאָך מער דערפאַר, וואָס דער וועג, וועלכן זיי האָבן אויסגעקליבן, כדי צו פאַרטרעטן די אינטערעסן פון „מער מענטש און ווייניקער ייד״ איז געווען אַן אַבסאָלוט פאַלשער.

בעת דער אַפּיקורס פלעגט קומען צום פאָלק מיט דער טענה: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש״ און האָט אים תוך כדי דיבור דעמאָנסטרירט וואָס ער מעג על פי מענטשלעכן שכל טאָן, האָט דאָס אין בעסטן פאַל געמוזט אַרויסרופן אַ פאַרוואונדערונג, אַ פשוטן ניט־אָנהייבן־צו־פאַרשטיין אין די מוחות און די הערצער פון אַלע באמת פרומע יידן. מיט אַן ערנסטן טרויער אין האַרצן האָט דער פרומער ייד געמוזט זיך חידושן אויף דעם יינגן דור: הייסט עס באמת זיין מער מענטש, ווען מען פרעסט טרפה קאַלבאַס אום יום־כפור, זויפט ביער און בראָנפן און טאַנצט מיט אַ שיקסע? זאָל אין דעם ליגן די טיפערע מענטשלעכע חשיבות, צוליב וועלכער ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זיין יידישקייט? און ער האָט גאָר געמיינט, אַז דער וואָס האַלט זיין ווילן אין צוים, און זיין געדאַנק ריין פון די תאוות הגוף און דאָס האַרץ אָפן פאַר דער שטים פון הייליקייט און אומענדלעכקייט, איז אַ העכערער מהות מענטש, איידער דער, וועמעס גאַנצער שכל איז אַריין געטאָן אין געשמאַק עסן, געשמאַק טרינקען און טאַנצן מיט שיקסעס. אים האָט זיך גאָר געדוכט, אַז וואָס מער מענטש מען איז, אַלץ אַ גרעסערן יחוס האָט ביי איינעם די „רוחניות״, אַלץ מער „ייד״ איז מען, און וואָס מער „גראָבער גוי״ מען איז, אַלץ ווייניקער „מענטש״ איז מען...

דער פעלער פון דעם אַפּיקורס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אין דער אַלטער רעליגיע געזען נאָר איר שולחן־ערוכדיקע שאָלעכץ און האָט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין איר נשמה, אין יענע גרויסע, הייליקע און טיף־מענטשלעכע נשמה, וואָס האָט זיך היסטאָריש פאַרבונדן מיט דער דרויסנדיקער שאָלעכץ פון דינים און מנהגים. און אויך אין דעם האָט ער געמאַכט דעם טעות, וואָס ער האָט די גרויסע, הייליקע טיף־מענטשלעכע נשמה פון זיין אייגענעם נייעם אַפּיקורסישן גלויבן געוואָלט אַריינטראָגן אין פאָלק דורך דער טריפהנער קאַלבאַס און דעם יום־כפור־טאַנץ מיט

אַ שיקסע. גאַנץ אַנדערע ווענן האָט מען באַדאַרפט אויסזוכן, ווי אַזוי די גרויסע נשמה פון דעם אַלטן דור זאָל אין דער גרויסער נשמה פון דעם נייעם דור דערקענען איר אייגענעם מהות, איר אייגענע אָפּשפּיגלונג אין אַ נייער פּראָגרעסיווער פאָרעם. אָבער — ווי די מעשה איז — איז דאָס ניט מער, ווי אַ פראַגע פון דעם ריכטיקן וועג, פון דעם מער צוגעפּאַסטן מעטאָד, ווי אַזוי דורכצופירן דעם נייעם אמת אין לעבן. אין פּרינציפּ איז דער נייער קאָסמאָפּאָליטישער דור געווען גערעכט, ווען ער איז צוגע־גאַנגען צו דעם יידישן לעבן מיט דער פאָדערונג, אַז אַלץ זאָל פון דאָרטן אָפּגעשאַפט ווערן, וואָס קאָן זיך ניט פאַרענטפערן פאַר דעם מענטשלעכן שכל, דעם מענטשלעכן יושר און דער מענטשלעכער שיינקייט. אין אַלע פאַלן, וואו ער האָט געקאָנט באַשיימפערלעך אויפווייזן, אַז דאָס יידישע לעבן, די יידישע קולטור שטייט הינטער די פאָדערונגען פון דעם מענטש־לעכן פּראָגרעס, קאָן קיינער ניט אָפּלייקענען אונדזער רעכט צו קומען צו דעם יידישן פאָלק און זאָגן אים: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש. און וואָס מער מענטש דו וועסט זיין, אַלץ ווייניקער ייד וועסטו זיין".

אָבער און דאָ הייבט זיך אָן דער גרענעץ, וועלכן דער קאָסמאָפּאָליט האָט ניט באַמערקט און וועלכן ער האָט לגמרי ניט געהאַט קיין רעכט איבערצושטרייטן: קאָן מען דען באמת אַלע קולטור־ערשיינונגען פון אַלע פעלקער איינטיילן נאָר לויט דעם גראַד פון שכל, יושר, שיינקייט און מענטשלעכע חשיבות, וואָס איז אויסגעדריקט אין זיי? זיינען די נאַציאָ־נאַלע אונטערשיידן פון די פעלקער ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר גראַד־אונטערשיידן פון מענטשלעכע מעלות, אַזוי אַז אויב זיי זאָלן זיך אַלע אויפהייבן אויף דער זעלביקער שטופע פונעם פּראָגרעס, וועלן זיי אַלע מוזן ממילא קומען צו די זעלביקע רעזולטאַטן און לעבן, דענקען און שאַפן? זיינען אפשר דאָ אַזעלכע קולטור־ערשיינונגען, וואו די נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן שיידן זיך פונאַנדער ניט דורך דעם גראַד פון דער מענטש־לעכקייט, וואָס אין זיי, נאָר דורך דער אַרט פון דער מענטשלעכקייט, וואָס דריקט זיך אין זיי אויס, און וואָס איז בשום אופן ניט ערגער, איידער אַ וועלכער עס איז אַנדער מין?

לאָמיר אַ ביסל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם.

פעלקער אונטערשיידן זיך איינער פון דעם אַנדערן אויך לויט די שפּראַך, וועלכע זיי רעדן. אַ שפּראַך איז קודם כל אַ מיטל, ווי אַזוי דורך ווערטער אויסצודריקן אונדזערע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען. איין און די זעלבע פאָרשטעלונג פון דעם חפץ, וואָס איך האָלט איצטער אין מיין

האַנט, דריקט דער ייִד אויס מיט דעם וואָרט „זייגער", דער רוס זאָגט אויף דעם „טשאַסי", דער דייטש רופט דאָס „אור". וועלכער וואָרט איז מענטשלעכער: אין וועלכן איז פאַרקערפּערט אַ גרעסערער גראַד פון שכל, יושר, חשיבות און חן? אין קיינעם ניט פון זיי! זיי זיינען אַלע גלייך גוט, גלייך שיין און גלייך מענטשלעך. אין זיי זיינען אָבער פאַרקערפּערט פאַר־שיידענע אַרטן פון דער מענטשלעכער שפּראַך, פאַרשיידענע מינים לשונות, ווי אַזוי אין קלאַנגען אויסצודריקן געדאַנקען. קומט איר דעריבער אין דעם ענין פון שפּראַך צו דעם יידישן פאָלק און זאָגט אים: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש", האָט דאָס ניט קיין אַנדער טייטש, ווי: פאַר־וואַרף דעם וואָרט „זייגער" און נעם אַן אַנשטאָט דעם דאָס וואָרט... אָבער וואָסער אַנדער וואָרט זאָל מען אָננעמען אַנשטאָט אים? און מיט וואָס איז יעדעס אַנדער וואָרט מענטשלעכער, איידער דאָס וואָרט „זייגער"?

איר זעט: אין דעם פּונקט פון שפּראַך, איינעם פון די וויכטיקסטע פּונקטן אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן, האָט די קאָסמאָפּאָליטישע פאָרמול: „וואָס מער מענטש, אַלץ ווייניקער ייד" אין גאַנצן פאַרלוירן יעדן שכלדיקן מענטשלעכן זין. די שפּראַך איז אַ קולטור־צווייג, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דער מענטשלעכער שכל און די מענטשלעכע שיינקייט, אָבער ביי יעדן פאָלק אויף אַן אַנדער אופן, און עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין איין איינציקער ריכטער, וואָס זאָל אָביעקטיוו קאָנען אַרויסברענגען, וועלכע שפּראַך איז די שענסטע, קליגסטע און האָט אין זיך מער מענטש־לעכע מעלות, איידער אַלע אַנדערע, אַזוי, אַז דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל זאָל קאָנען פאָדערן פון יעדן איינעם, ער זאָל אָננעמען דווקא יענע אויסגעצייכנטע שפּראַך.

אמת, עס זיינען דאָ איינצלנע מענטשן, וואָס זיי דוכט זיך, אַז זיי האָבן „על פּי שכל" אויסגעפונען, וועלכע שפּראַך עס פאָרדינט דעם שרביט הזהב, די קעניגלעכע ווערדע איבער אַלע שפּראַכן. אָבער אויב איר וואָלט געלאָזט די גאַנצע מענטשהייט אָפּשטימען איבער דער דאָזיקע פראַגע, וואָלט איר אפשר צו אייער באַוואונדערונג באַקומען דעם רעזולטאַט, אַז יעדעס פאָלק וואָלט געשטימט פאַר זיין אייגענעם לשון: ווייל שענער פון אַלע בילדער איז מיר מיין מאַמעס פּנים; ליבער פון אַלע לשונות איז מיר מיין מוטער־שפּראַך. דאָס איז אַן אַלטער כּלל פאַר אַלע פעלקער — אַ כּלל, פאַר וועמען דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל מוז אונטער־טעניק איינבויגן זיין קאָפּ.

עס איז אויך אמת, אַז די אינטעליגענץ פון די אונטערדריקטע אָדער צוריקגעבליבענע פעלקער, וואָס הייבט זיך ערשט אָן אויסצומענטשלען

אונטער דעם איינפלוס פון אַ פרעמדער קולטור און אַ פרעמדער שפּראַך, פאַלט אָפּט אַריין אין דעם דמיון, אַז נאָר די פרעמדע שפּראַך איז באמת אַ מענטשלעכע; דער אייגענער לשון אָבער איז גאָרניט ווערט, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. זי איז דעריבער גוטה צו קוקן אויף איר אייגענעם לשון פון אויבן אַראָפּ און האַלטן פאַר אַ חשובערן מענטשן יענעם, וואָס האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, ווי צו רעדן אין דער שפּראַך פון זיין פאָלק. אַזוי איז אַ צייט געוועזן אין רוסלאַנד, ווען די רוסן האָבן מבזה געוועזן זייער שיינעם רוסיש, און דעם אידעאַל פון אַ חשובן געבילדעטן מענטשן האָבן זיי געזען אין יענעם, וואָס האָט געקאָנט רעדן און דענקען פראַנצויזיש. דאָס אייגענע האָט אויך פּאַסירט אין דייטשלאַנד, וואו אַזעלכע אמת געבילדעטע גייסטער ווי פרידריך דער גרויסער האָבן זיך געקאָנט באַרימען מיט דעם, וואָס זיי קאָנען ניט קיין דייטש, אָדער קאָנען עס ניט גוט. איצטער וועט קיין רוס און קיין דייטש ניט אַרויף אויפן זינען צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף זייערע שפּראַכן, אָדער צו פאַלן כורעים פאַר דעם „פראַנצויז”. אַדרבה, ביי די צוויי פעלקער האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אמתע טיפע ליבע און פאַרערונג צו זייער לשון, צו דעם שכל און דער שיינקייט, וואָס ליגט איינגעוויקלט אין אים.

ווי אַזוי איז דאָס געשען? גאָר פשוט! בעת די דייטשן און די רוסן האָבן זיך גענומען אויסמענטשלען אין פראַנצויזיש, זיינען זיי נאָך געווען קנאַפּע מענטשן. אַליין אָרעם אין בילדונג און שיינע, טיפע געדאַנקען, האָבן זיי אויך ניט געקאָנט באַמערקן די פאַרבאָרגענע שיינקייטן פון זייער אייגענעם לשון. אין גאַנצן פאַרכשופט פון דעם פרעמדנס געשמאַק און שכל, איז ביי זיי לגמרי אָפּגענומען געוואָרן זייער אייגענער שכל און זייער אייגענער געשמאַק. אָבער וואָס מער מענטש זיי זיינען געוואָרן, וואָס זעלבסטשטענדיקער עס איז געוואָרן זייער טראַכטן און פילן, אַלץ העכער האָט גענומען רעדן ביי זיי דאָס אייגענע דענקען און דער אייגענער פילן. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינטעליגענץ האָט זיך אין דער זעלביקער צייט אויך אַנטוויקלט איר היימישער לשון, און וואָס מער וויסן און בילדונג עס האָבן גענומען אַריינדרינגען אין די מאַסן, אַלץ מער לעבנס־קראַפט איז אַריינגעזאַגט געוואָרן אין זיינע אָדערן, אַלץ פולער און גראַציעזער זיינען געוואָרן זיינע פאָרמען, אַלץ חנעוודיקער זיינע באַוועגונגען. סוף־כל־סוף האָט די אינטעליגענץ געמוזט אין דער אייגענער שפּראַך דערבליקן דעם בעסטן, לייכטסטן מיטל צו שאַפן אירע באַשאַפונגען, צו באַשרייבן אירע זעאונגען, צו באַזינגען אירע געפילן, אַרויסצוברומען איר ווייטיק און אַרויסצושאַלן איר פרייד.

אויף אַזאַן אופן איז די שפּראַך מיט טויזנטער פעדים צונויפגעבונדן געוואָרן מיט דער נשמה — און אַנשטאָט דעם אַלטן דמיון, אַז דער איי־גענער לשון איז אַ מיאוסע דינסט־מויד, וואָס טאָר ניט האָבן די העזה צו באַווייזן זיך אין סאַלאָן, אויף וועלכער קיין אַנשטענדיקער מענטש קאָן ניט אויסדריקן קיין איין אַנשטענדיקן געדאַנק, איז אויסגעוואַקסן די אַנדערע אילוזיע, אַז זי, די שפּראַך פון זייער פאָלק, איז די איינציקע קעניגין צווישן אַלע שפּראַכן פון דער וועלט.

אמת, יעדער איינער פאַרשטייט מיט שכל, אַז די אילוזיע איז ניט מער ווי אַן אילוזיע, ניט מער, ווי אַ דמיון און געפיל, אָבער אַזוי ווי דער דאָזיקער דמיון שאַדט קיינעם ניט, אַזוי ווי די ליבע צו דער איי־גענער שפּראַך איז צונויפגעבונדן מיט דער ליבע צו אַלע יענע גרויסע קולטור־אוצרות, וועלכע דאָס פאָלק באַשאַפט אי פאַר זיך, אי פאַר דער מענטשהייט, האָט מען זיך ניט וואָס צו שעמען מיט דער דאָזיקער היי־סער ליבע צו דעם אייגענעם לשון און מען דאַרף ביי דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל ניט אויסבעטן קיין היתר אויף אים, ווייל דער אַלגע־מיין־מענטשלעכער שכל האָט ניט קיין אייגענע שפּראַך, וואָס ער זאָל קאָנען אַרויפצווינגען אויף אַלע מענטשן. אגב, פאַרשטייט ער, דער אַל־געמיין־מענטשלעכער שכל, גאַנץ גוט, ווי אַזוי מען קאָן זיך פאַרליבן אין יענע קלאַנגען, וואָס זיינען אַזוי נאָענט צו דער נשמה, אַזוי ענג צונויפגעוואַקסן מיט אַלע אירע פאַרבאָרגענע פאַלדן.

וואָס לערנט אונדז די דאָזיקע דערשיינונג? זי אַנטפּלעקט אונדז זייער אַ וויכטיקן אמת פאַר אונדזער ענין. בעת די רוסישע אינטעליגענץ איז אין איר שפּראַך געשטאַנען אונטער דער שליטה פון דער פראַנצויזישער קולטור, האָט זי אפשר געקאָנט מיינען, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ מער פראַנצויז איז ער און אַלץ וויניקער רוס. אָבער מיינען אַזוי האָט זי געקאָנט נאָר דערפאַר, ווייל דער מענטש אין דעם רוס איז נאָך געווען פון גאָר אַ שוואַכער מדרגה; ער איז געווען אַ ווייכער וואַקס, אויף וועלכן דער פראַנצויזישער זשעני האָט געקאָנט אַרויפלייגן זיין שטעמפּל. אָבער וואָס מער מענטש דער רוס איז געוואָרן, וואָס ווייטער זיין האָריזאָנט, וואָס שטאַרקער זיין אייגענע שאַפונגס־קראַפט, אַלץ מער „רוס" איז ער געוואָרן לכל הפחות בנוגע צו דעם אייגענעם רוסישן לשון.

און אַקוראַט די זעלביקע דערשיינונג שפּילט זיך איצטער אָפּ פאַר אונדזערע אויגן ביי דעם יידישן פאָלק מיט דער יידישער שפּראַך. ווען אונדזער רוסיש־יידישע אינטעליגענץ האָט זיך נאָר וואָס גענומען „אויס־מענטשלען", איז זי געווען, ווי אַ וואַקס אין די הענט פון דער פרעמ־

דער קולטור און דער פרעמדער שפּראַך. רעדן ווי אַ „מענטש״ האָט גע־הייסן רעדן רוסיש (אָדער פּויליש אין פּוילן). אָבער אָט איז די אינטע־ליגענץ אַ ביסעלע אונטערגעוואַקסן, אָט האָט זי גענומען שפּירן אין זיך אירע אייגענע כּוחות, און מיט דעם פונאַנדערבליען פון די אייגענע כּוחות האָט זיך גענומען פונאַנדערבליען אויך דער יידישער לשון. פאַרגלייכט דעם מצב פון יידיש אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק מיט איר איצטיקן צושטאַנד! דערמאָנט זיך, ווי אומגעלומפּערט, ווי בערייש עס איז געווען איר יעדער ריר, ווי באַלד זי האָט געמוזט אַרויסקריכן פון אירע אייגענע פיר ווינקעלעך און אויסדריקן אַ וועלכן עס איז מענטשלעכן געדאַנק. און באַטראַכט ווי גראַציעז, ווי זיכער עס זיינען איצטער אַלע אירע באַווע־גונגען, ווי שנעל זי קאָן זיך צופּאַסן צו יעדער גייסטיקער לאַגע, און ווי פּינקטלעך זי קאָן איבערגעבן יעדן, זאָל זיין ווי פאַרוויקלטן געדאַנק! די יידישע שפּראַך איז איצטער גאַנץ באַשטימט געוואָרן מער „יידיש״, איידער זי איז געווען, און דער ייד, וואָס רעדט און שרייבט איצטער יידיש, רעדט און שרייבט גאַנץ זיכער אַ פּיל בעסערן יידיש, איידער אַ מאָל. ער איז אין דעם פּרט פון דער שפּראַך געוואָרן מער ייד. אַ דאַנק די טעגלעכע צייטונגען, דעם טעאַטער, דעם יידישן בוך, די פאַרזאַמלונגען, וואו געבילדעטע מענטשן דריקן אויס זייערע געדאַנקען אין יידיש, ווערט אַלץ רייכער אין ווערטער און אויסדריקן דער אוצר פון אונדזער שפּראַך און דער ייד ווערט אַלץ ווייניקער געצוואונגען צו שעפּן פון אַ פרעמדן קוואַל. הייסט עס, אַז אין דעם פּרט פון דער שפּראַך איז דער ייד גע־וואָרן מער ייד, דער רוס מער רוס און דער דייטש מער דייטש, ניט פאַר קיין אַנדער זאַך, נאָר דערפאַר, וואָס זיי אַלע זיינען געוואָרן מער מענטש...

הייסט עס, אַז לכל הפּחות אין דעם ענין פון דער שפּראַך, האָבן מיר פאַר אונדז אַ פאַל, וואו די אַלטע פאָרמול: „וואָס מער מענטש, אַלץ ווייניקער ייד״, איז — ניט נאָר זי פאַרלירט יעדן זין, נאָר אַדרבה, זי ווערט פאַרוואַנדלט אין איר אייגענעם היפּך: וואָס מער מענטש מען איז, וואָס רייכער עס ווערן די ענינים, וועגן וועלכע דער יידישער מענטש דענקט; וואָס שטאַרקער אין אים ווערט די קראַפט פון דעם אייגענעם שאַפן, אַלץ מער ייד ווערט מען, אַלץ בולטער און שאַרפער יענער נאַ־ציאָנאַלער סימן זיינער, וואָס דריקט זיך אויס אין זיין לשון.

לאָזט מיך דאָ באַרירן נאָך אַ פּאָר פּונקטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך־פראַגע אין איר שייכות צו „ייד און מענטש״.

מיר האָבן געזען, ווי די געבילדעטע קרייזן פון אַ צוריק־געבליבענעם פאָלק פאַרלירן דעם רעספּעקט צו זייער אייגענעם לשון און פילן אַ מין יראת הכבוד פאַר דער פרעמדער רייכער שפּראַך. דאָס איז גאַנץ באַשטימט דער געפיל פון דרך־ארץ, וואָס אַ נידעריקערע קולטור האָט צו אַ העכערער. אָבער אַזאַ מין אָראָפּפאַלן אין די אויגן, האָט בעצם ניט געקאָנט אָנרירן ניט דעם פּערזענלעכן שטאָלץ, ניט דעם שטאָלץ פון דעם פאָלק. אַ רוסישער גראַף אָדער קניאַז האָט אפשר געשפּירט, אַז זיין פראַנצויזישער פאַבריקמאַכער מיט זיינע עלעגאַנטע מאַניערן, מיט זיין געשליפענעם ציינגל און זיין גראַציעזן פראַנצויזיש, איז אין אַ געוויסן פּרט אַ העכערע, חשובערע בריאה, איידער ער אַליין. אָבער נאָר אין אַ געוויסן פּרט — אין דעם פּונקט פון שפּראַך און אויסערלעכע קולטור. אין אַלע אַנדערע פּונקטן איז ער, דער גראַף, פאַרט דער מיוחס, דער גראַף, און יענער איז דער פאַבריקמאַכער. און אויך בנוגע צו דעם אייגענעם פאָלק איז ער, דער גראַף, אַ קינד פון דער גרויסער, מעכטיקער רוסישער נאַציע, וואָס האָט פּאָליטיש און היסטאָריש אין קיין פאַל ניט וואָס אונטערצובייגן זיך אונטער פראַנקרייך און וואָס איר כבוד ווערט בשום אופן ניט פאַרטונקלט דורך דעם גלאַנץ פון דעם פראַנצויזישן נאָמען. אַפילו אין די ערגסטע צייטן פון דער רוסישער אַסימילאַציע האָט קיינעם פון די געבילדעטע ניט געקאָנט אַרויף אויפן זינען, אָפּצוזאָגן זיך פון דעם אייגענעם פאָלק דערפאַר, וואָס ער שטייט אויף אַ נידעריקערער קולטור־מדרגה, און אויפצוגעבן די עקסיסטענץ פון דער רוסישער נאַציע מחמת דעם, וואָס איר שפּראַך איז ניט אַזאַ חשובע, ווי די פראַנצויזישע.

אַ גאַנץ אַנדער פּסיכאָלאָגיע האָט געמוזט הערשן — און הערשט נאָך עד־היום — ביי אַ גרויסן טייל פון די יידישע גאַנץ געבילדעטע, האַלבאון פערטל־געבילדעטע קרייזן. דער רוס און זיין שפּראַך איז אין זייערע אויגן געוועזן אַ העכערע בריאה ניט נאָר מחמת זיין העכערער קולטור, נאָר ווייל ער איז אויך אַ חשובער מענטש אין דער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג און אין דעם שטאַטלעכן לעבן. אַ שכורער שרייבערל ביי דעם „סטאַנאָוואָי" אין אַ שטעטל איז געזעלשאַפטלעך אין רוסלאַנד אַ סך אַ גרעסערער מיוחס איידער דער רייכער יידישער סוחר. אָפּזאָגן זיך פון יידיש און רעדן די שפּראַך פון דעם שכורן שרייבערל הייסט דעריבער, ניט נאָר אַריינגענומען ווערן אין דער ספערע פון דער העכערער קולטור. די קולטור־פראַגע האָט דאָס רוב געשפּילט גאָר אַ קליינע ראָלע אין דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס פון די ברייטערע יידישע קרייזן. אַ סך אַ גרעסערע ראָלע האָט דאָ געשפּילט דאָס ווילן אויפהייבן זיך אויף אַ העכערער

שטופּע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויסגלייכן זיך אין יחוס מיט דעם גוי. די רוסישע שפּראַך איז געווען אַן אויסערלעכער צייכן, אַז מען געהערט שוין ניט מער צו יענעם פאַרוואָרפענעם, באַשפּיגענעם פאָלק, וואָס יעדער איינער האָט אַ רעכט צו טרעטן עס מיט די פיס. דורך זיין רעדן רוסיש, דורך דעם נאָכמאַכן די מאַנירן פון דעם רוס, האָט דער אַסימילירטער ייד געוואָלט אויפהייבן זיין מענטשלעכע חשיבות סיי אין די אויגן פון דעם רוס, סיי אין די אייגענע אויגן. דורך „ווייניק ייד״ האָט ער געוואָלט פאַררעכנט ווערן פאַר „מער מענטש״.

איר ווייסט אַלע, ווי צרהדיק עס האָט זיך אויסגעלאָזן יענער עקס־פּערימענט און וואָס פאַר אַ גרויסן טעות דער אַסימילאַטאָר האָט דאָ גע־מאַכט אין חשבון. דער יידישער נאָמען איז בשום אופן ניט אויפגעהויבן געוואָרן, אַ דאַנק דער רוסישער שפּראַך־אַסימילאַציע, און דער ייד איז ניט געוואָרן מער מיוחס, ווען ער האָט אַנגעהויבן צו רעדן רוסיש.

וואו איז דאָ געלעגן דער טעות אין זיין חשבון?

דער אַסימילאַטאָר האָט זיך געיאָגט נאָך אַ העכערער מענטשלעכער חשיבות — געוויס אַ באַרעכטיקטער און מענטשלעכער שטרעבן. אָבער ער האָט דאָ צונויפגעמישט צוויי זאַכן: מענטשלעכן שטאָלץ און וויסטע גאווה. דער מענטשלעכער שטאָלץ רוט אויף דעם באַוואוסטזיין פון מיין אייגענעם ווערט, אַלץ איינס, וואָס די אַרומיקע וועלט זאָל ניט האַלטן פון מיר. די וויסטע גאווה האָט ניט קיין אייגענעם ווערט־מאָסשטאַב, זי נעמט אים אַריבער פון דער פרעמד. זי יאָגט זיך קודם כל נאָך דעם אַנדערנס אָפּשאַצונג, נאָך יענעמס גוטער מיינונג וועגן מיר. אין דער וויס־טער גאווה פאַרלירט דעריבער דער מענטש דעם דרך־ארץ צו זיך אַליין. אין זיין נשמה מוז זיך אַריינגנבענען אַ פונק פון יענער הינטישער פּסי־כאָלאָגיע, וועגן וועלכער איך האָב גערעדט אין דעם אָנהייב פון מיין פאַרלעזונג. מיט גליקזעליקע בליקן פון הינטישער אונטערטעניקייט קוקט דער אַסימילאַטאָר אויף זיין „גאָט״, וועמען ער וויל נאָכמאַכן, דרייט מיטן ווידל, פאַר יעדן ביסעלע כבוד, וואָס דער „גאָט״ קאָן אים שענקען. וואָס פאַר אַן ערע דאָס איז צו האָבן דעם „סטאַנאָוואָי״ אַליין ביי זיך אין שטוב, שפּילן מיט אים סטוקעלקע און אפשר נאָך זיין מיט אים „נאַ טי״ און רעדן מיט אים רוסיש הויך אויפן קול אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן און פּלאַצן פאַר קנאה. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מוז ניט זיין דווקא דער „סטאַנאָוואָי״. וואָס פאַר אַן אַרט „אמתער רוס״ דאָס דאַרף זיין, כדי זיין פריינטשאַפט זאָל איינעם ברענגען כבוד — דאָס הענגט אָפּ פון דעם בילדונגס־גראַד און דער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג פון דעם יידן. פאַר

איינעם איז דאָס דער „סטאַנאָוואָי״, פאַר דעם אַנדערן אַ גובערנאַטאָר, פאַר דעם דריטן אַ „פּיסאַטעל״, פאַר דעם פערטן אַ באַרימטער גענזעל־שאַפטלעכער טוער. דער עצם פון דער וויסטער גאווה בלייבט אָבער דער זעלביקער: דאָס איז דער אייגענער בטול היש, דאָס פאַרלירן פון דעם אייגענעם פנים, דאָס וועלן זיך באָדן אין יענע שטראַלן פון כבוד, וואָס די נאָענטקייט פון דעם פרעמדן קאָן איינעם געבן.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די פאַראַכטונג צו דער יידישער שפּראַך איז ביי אַ גרויסן טייל אַסימילאַטאָרן אויסגעוואַקסן אָט פון דער וויסטער גאווה, אָט פון דעם היגטישן בטול היש, וואָס איז די סיטרא אחרא פון דעם מענטשלעכן שטאָלץ. און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס אָט די וויסטע גאווה האָט ניט געקאָנט דערגרייכן איר ציל: דרך־ארץ קאָן מען נאָר האָבן צו דעם, וואָס האָט דרך־ארץ פאַר זיך אַליין. און דער, וואָס שפּייט זיך אַליין אין פנים, פאַרדינט אויך דעם שפּיי פון דעם אַנדערן. וואָלטן יענע אַסימילאַטאָרן אַנשטאָט וויסטער גאווה געהאַט מענטשלעכן שטאָלץ, וואָס רעכנט זיך נאָר מיט דעם אייגענעם ווערט, און קעמפט, אַז די דרויסנדיקע וועלט זאָל אָנערקענען מיין ווערט, וואָלטן זיי באַלד געקאָנט איינזען, אַז אַלע שפּראַכן זיינען גלייכע מיוחסים און אַז אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער שפּראַך צוליב אַ פרעמדער, הייסט אומזיסט און אומנישט אָנשפּייען זיך אין פנים. אַ ביסעלע מער מענטשלעכער שטאָלץ אין דעם יידן, וואָלט געמאַכט אוממעגלעך דאָס פאַרלאָזן פון יידיש. וואָס מער מענטשן זיי וואָלטן געווען, אַלץ מער יידן וואָלטן זיי געבליבן.

אַזאַ בליק אויף דעם ענין פון דער שפּראַך איז אָבער נאָך אין גאַנצן פרעמד פאַר אַ סך פון דער יידישער אינטעליגענץ, אפילו פון דער, וואָס האָט גאַנץ געוויס קיין ברעקל שפּיר ניט פון היגטישער פּסי־כאָלאָגיע אין איר נשמה. עס זיינען דאָ ביי אונדז מענטשן, וואָס פאַר־שטייען בכלל ניט, וואָס מאַכט מען דאָ פאַר אַזאַ וועזן פון דער שפּראַך. איז דען די שפּראַך עפּעס מער, איידער אַ מיטל אויסצודריקן געדאַנקען, און דאַרף אַן אמתער מענטש האָבן ביי די געדאַנקען עפּעס מער אין זינען, איידער אמת און יושר? וואָס איז די נפקא מיניה, אין וואָס פאַר אַ קלאַנגען מען ברענגט קלאָר אַרויס די דאָזיקע אידעאַלן? „קאַזאַלע־מאַזאַלע, אַבי דאַברע מייגעלע״.

איך ווייס ניט, צי איך איז באַקאַנט אַנ—סקיס „פּיאָנערי״ און צי איר געדענקט די סצענע, ווי דער קליינשטעטלדיקער משכּיל, וואָס איז אַנטלאָפן אין דער גרויסער שטאָט צוליב דער אמתער השכלה, לערנט זיך ביי אַ גימנאַזיסט די רוסישע שפּראַך. געבראָטענע ליידן שטייט ער אויס

פון דעם, וואָס ער קאָן ניט ארויסרעדן ריכטיק דאָס רוסישע וואָרט „טשיזש״. ווי ער מאַטערט זיך ניט, קומט ביי אים אַלץ אַרויס „ציזז״ — און ער פאַרשטייט ניט; וואָס איז דאָ דער אויפגעקלערטער גימנאַזיסט אַזוי מקפּיד אין דעם ענין? וואָס קאָכט ער זיך אין דעם „טשיזש״? קאָן דען פאַרענדערט ווערן דער ענין, ווען מען פאַרדרייט אַ ביסל זיין נאָמען? ווערט דער פויגל אַן אַנדערער, ווען מען רופט אים „ציזז״ אַנשטאָט „טשיזש״?

אַזאַ פּסיכאָלאָגיע איז זייער פאַרשפּרייט ביי דער יידישער יוגנט און זי שטאַמט פון אַן אַנדער מין „בטול היש״, וואָס איז זייער פאַרשיידן פון דעם היגטישן „בטול־היש״, וועגן וועלכן איך האָב נאָר וואָס גערעדט. זי שטאַמט פון אונדזער בטלנות. דער אמתער אידעאַלער בטלן האָט נאָר צוויי אידעאַלן אין האַרצן: אמת און יושר. שיינקייט און מענטשלעכע חשיבות זיינען ביי אים קיין [illegible]רשע זאַכן, מיט וועלכע אַן ערנסטער מענטש טאָר זיך ניט אָפּגעבן. אָבער דאָ מאַכט דער בטלן דעם גרעסטן טעות. ער פאַרזעט אין גאַנצן דעם פאַקט, אַז „אמת וצדק״ איז נאָר אַ טייל פון אונדזערע העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן — דער פונדאַמענט, אויף וועלכן זיי אַלע דאַרפן אויפגעבויט ווערן. נאָך העכער איידער דער פונ־דאַמענט, איידער אמת און יושר, הייבן זיך אויף פאַר דעם מענטשן די אידעאַלן פון שיינקייט און מענטשלעכער חשיבות. זיי צו פאַרגעסן הייסט אַוועק מאַכן כּלאַחר יד אַלץ, וואָס טראָגט אַריין רייכקייט און פאַרב אין דעם מענטשנס נשמה, אַלץ וואָס האָט אַ ווערט צוליב זיך אַליין און ניט צוליב אַן אַנדער זאַך.

מען קאָן זאָגן, אַז אין קיין זאַך טרעט ניט אַרויס אַזוי קלאָר די מענטשלעכע נאַטור פון דעם מענטשן, ווי אין זיין ליבע צו שיינקייט, צו דער שיינער פאָרעם פון גופא, ווייל נאָר זי אַליין איז אַן „אהבה שאינה תלויה בדבר״, אַ ריינע ליבע אָן עגאָאיסטישע פּניות און הינטער־געדאַנקען. געוויס, אויך די ריינע אמת־ליבע צוליב דעם אמת גופא; אויך די איי־בערגעבנקייט צו די אידעאַלן פון יושר צוליב דעם יושר גופא טראָגן אויף זיך דעם זעלביקן שטעמפּל פון „אהבה שאינה תלויה בדבר״, דעם העכסטן געפיל, צו וועלכן נאָר די מענטשלעכע נשמה איז מסוגל. אָבער ערגעץ טרעט ניט אַרויס דער געפיל אַזוי ריין און קלאָר, ווי אין דער ליבע צו שיינקייט, און אין דעם שטרעבן צו אינעווייניקסטער מענטש־לעכער חשיבות, ווייל אמת און יושר קאָנען נאָך, אַ חוץ דער ריינער הנאה, וואָס זיי ברענגען מיט זיך, באַרייכערן דעם מענטשן מיט נוצלעכע זאַכן, בעת שיינקייט און אינעווייניקסטע מענטשלעכע חשיבות קאָנען

קיין ברעקל נוצן פאַר דעם מענטשן ניט שאַפן. זייער גאַנצער ווערט באַשטייט אות באות אין דעם, וואָס זיי דינען אַ פּיאים ניט ווערט, זיי וועלן דעם מענטשן ניט מאַכן געזינטער, קליגער, רייכער, פעטער. אָבער זיי מאַכן אים מענטשלעכער, און שאַפן פאַר אים יענעם טיפן גליק, יענעם צושטאַנד פון ריינער פרייד, צו וועלכער דער מענטש דאַרף שטרעבן, ווען ער וויל וויסן, וואָס הייסט לעבן ווי אַ מענטש.

נאָר צוויי קלאַסן מענטשן האָבן פאַרלוירן דעם חוש פון שיינקייט און חשיבות, אָדער פאַרשטיקן אים מיט אַ כּיוון אין זייער הארץ. דאָס איז דער גראָבער עגאָאיסט, וואָס איז ניט אָוועק אַ סך ווייטער פון דער חיה, ביי וועמען די אידעאַלן פון עסן, טרינקען, שלאָפן, סעקסועלע לײדנ־שאַפטן און אפשר נאָך די לײדנשאַפטן פון וויסטער גאווה פילן אויס אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה. און דאָס איז אויך דער עטישער בטלן, וועמעס הארץ עס קלאָגט, אמת, אויף דעם „צרת הכּלל״, אויף די לײדן פון דער מענטשהייט, וואָס פאַרשטייט אָבער ניט, אַז די לײדן פון דער מענטש־הייט באַשטייען ניט נאָר אין די שמערצן פון דער הונגעריקער חיה און דעם מענטשן. נאָר אויך אין זיין שטרעבן צו אַ שיינעם חשובן מענטשלעכן זיין.

גרייליך וואָלט איך מיך איצטער אָפּגעשטעלט אַ ביסל מער אויף דעם ענין פון עטישע בטלנות ניט נאָר ביי אונדז יידן, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשלעכער וועלט. נאָר לײדער וואָלט דאָס אונדז אָוועקגעפירט צו ווייט פון אונדזער טעמע. לאָמיר זיך באַגנוגענען מיט דער באַמערקונג, אַז די קאַלטקייט צו די שיינקייטן פון דער שפּראַך — די גלייכגילטיקייט, אין וואָס פאַר אַ שפּראַך מען זאָל רעדן און ווי מען זאָל געברויכן אירע אויסדריקן, איז גאַרניט אַזאַ חשובע מענטשלעכע מעלה, ווי עס קאָן זיך אפשר אויסדוכטן אויף דעם ערשטן בליק. אַ נאָר־מאַלער מענטש ליבט זיין שפּראַך — וואָס פאַר אַ שפּראַך דאָס זאָל ניט זיין, און וואָס מער מענטש ער איז, אַלץ שטאַרקער איז זיין ליבע צו איר.

איך האָב מיך אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן אויף דעם ענין פון שפּראַך און שפּראַכן־ליבע, ווייל דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע פּעלזן, אַן וועלכע עס צעשלאָגן זיך די וואָלן פון קאָסמאָפּאָליטיזם. אויב שפּראַך־פאַרעם איז ניט קיין גלייכגילטיקע זאַך פאַר דעם מענטשן, אויב די ליבע צו איר וואַקסט מיט דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכקייט אין אים און אויב דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל קאָן בשום אופן ניט אַרויסברענגען, וועלכע שפּראַך איז די מענטשלעכסטע, איז דעמאָלט ניטאָ קיין ברעקל האָפענונג, אַז דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאַל — די פאַרשווינדונג פון

אַלע פעלקער־קולטורן אין איין מענטשהייטס־קולטור און אין איין מענטש־הייטס־שפּראַך — זאָל ווען עס איז מקוים ווערן.

אין דער אמתן! אונטערדריקטע, צוריקגעבליבענע פעלקער אָדער איינצלנע שיכטן פאַרלאָזן אָפּט זייערע שפּראַכן, טייל אויס פּיאישער גלייכ־גילטיקייט צו מענטשלעכע אינטערעסן, טייל אויס וויסטער גאווה, טייל אויס עטישער בטלנות און נאָך אַ גרעסערער טייל דערפאַר, ווייל עס זיינען דאָ הערשנדע שפּראַכן, צו וועלכע עס לוינט זיך בעסער צו צושטיין, ווייל פאַר זיי גיט מען איצטער מער שמאַלץ. אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס מוזן מיר דאָך דערלעבן אַזאַ צייט, ווען די איינטיילונג אין הערשנדע און באַהערשטע וועט אין גאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן. עס מוז דאָך קומען אַ מאָמענט, ווען קיין גרופּע מענטשן וועט ניט האָבן קיין שום איבערוואָג איבער קיין אַנדערער גרופּע און יעדע פון זיי וועט האָבן די פולע מ...גלעכקייט צו לעבן נאָך איר האַרצנס באַגער. און דעמאָלט, ווען די ג׳דעריקערע באַדערפעגישן פון דעם מענטשן וועלן באַפרידיקט ווערן אין דעם לעבן פון אַלעמען, וועט דער מענטש, באַ־פרייט פון דער דאגת חיונה, זוכן זיין גליק אין דער באַפרידיקונג פון די העכערע באַדערפעגישן, דער ליבע צו אמת, שיינקייט און מענטש־לעכע חשיבות. וואָס מער גיטער פון העכערער קולטור אַ פאָלקס־גרופּע וועט דעמאָלט אויסאַרבעטן אָדער אַריבערנעמען פון דער פרעמד, אַלץ רייכער וועט ווערן איר שפּראַך און אַלץ שטאַרקער — איר ליבע צו איר.

פרעגט זיך די שאלה: וואָס וועט דעמאָלט קאָנען צווינגען די דייטשן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער דייטש און פאַרבייטן עס, לאָמיר זאָגן אויף פראַנצויזיש? וואָס וועט דעם יידן צווינגען, זיך אָפּצוזאָגן פון יידיש און אָננעמען לאָמיר זאָגן רוסיש אָדער ענגליש? קיין זאַך קאָן דעמאָלט קיינעם ניט צווינגען דערצו. אין די באַדינגונגען פון פולקאָמענער גלייכ־הייט מוזן זיך די שפּראַכן פונאַנדערבליען נאָך שטאַרקער, איידער איצטער — די קולטורן פונאַנדערוואַקסן זיך יעדע אויף איר שטייגער, לויט איר אינעווייניקסטער טבע און די נאַציאָנאַלע סימנים פון אַ פאָלק מוזן דע־מאָלט ווערן נאָך בולטער און שטאַרקער.

דער קאָסמאָפּאָליט האָט פאַרזען, אַז עס זיינען דאָ אַ סך קולטור־צווייגן, וואָס דריקן זיך אויס ביי יעדן פאָלק אין אַ פאַרשיידענער נאַציאָ־נאַלער פאָרעם, אָבער וואָס זיינען פונדעסטוועגן אַלע גלייך מענטשלעך, אַלע פון גלייכן ווערט און קאָנען אַלע האָבן אין זיך דעם זעלביקן גראַד פון אמת, יושר, חן און מענטשלעכע חשיבות. אויף אַזאַ אופן האָט גאָר קיין ברעקל זין ניט צוצוטרעטן צו אַ וואָסער עס איז פאָלק מיט דער

פאָדערונג: „פאָלק, הער אויף צו זיין פאָלק און ווער מענטש", ווייל עס איז אין דער גאַנצער מענטשהייט ניטאָ קיין איין איינציקע פאָרעם, אין וועלכער עס זאָל זיך אויסדריקן יענער קולטור־צווייג און וואָס זאָל האָבן מער רעכט אויף זיין ליבע, איידער זיין אייגענע נאַציאָנאַלע פאָרעם.

די שפּראַך איז נאָר איין צווייג אַזאַ. עס זיינען דאָ נאָך אַ סך אַנדערע. נעמט צ"ב, די שיינע ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט דער שפּראַך. לאָמיר אָננעמען, איר ליבט יענעם מענטשלעכן געלעכטער דורך טרערן, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אין ענגלאַנד דיקענסן, אין רוס־לאַנד גאָגאָלן און ביי אונדז שלום־עליכמען. איך ווייס ניט, ווי איר קוקט אויף שלום־עליכמען. עס קאָן זיין, איר זייט נאָך ניט געוואוינט אַוועק־צושטעלן אַ יידישן שרייבער אין איין ליניע מיט אַזעלכע גדולים פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. אָבער איך וואָלט אייך דורך אַ ליטע־ראַרישן אַנאַליז געקאָנט באַווייזן אַזוי קלאָר, ווי דער טאָג, אַז דער מחבר פון אַזעלכע ווערק ווי „חוה", „ראַבטשיק", „אויף פסח אהיים" און נאָך אַ סך, אַ סך אַנדערע, דאַרף בשום אופן ניט אַראָפּלאָזן די אויגן פאַר־שעמטערהייט, ווען מען שטעלט אים אַוועק לעבן גאָגאָלן און דיקענסן. און ווער רעדט שוין וועגן אַ מאַרק טווין! מיט אים קאָן שלום־עליכם אויף אַלע פאַלן תמיד האַלטן די וואָג. על כל פנים ווער מיר, דעם יידן, געוויס זיין נעענטער צום האַרצן און טייערער מיין שלום־עליכם, איידער דער רוסישער גאָגאָל אָדער דער ענגלישער דיקענס — ווער רעדט שוין וועגן דעם אַמעריקאַנער מאַרק טווין.

נו? קאָנט איר צוגיין צו מיר און זאָגן: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש; פאַרוואַרף דיין שלום־עליכם און קוויק זיך מיט מאַרק טווייגען!" מיט וואָס איז מאַרק טווין חשובער, איידער שלום־עליכם? זיי זיינען ביידע אין בעסטן פאַל — דעם בעסטן פאַר טווינען — גלייך חשוב. אין זיי, אין ביידן האָט זיך אויסגעדריקט איין און דער זעלביקער אַלגעמיין־מענטשלעכער שטריך פון לאַכן דורך טרערן, אָבער ביי ביידן, ווי אויך ביי גאָגאָלן און דיקענסן, האָט זיך דער דאָזיקער אַלגעמיין־מענטש־לעכער שטראַל איבערגעבראָכן אין אַ באַזונדער נאַציאָנאַלער אַטמאָספערע, אויף אַ באַזונדער נאַציאָנאַלן שטייגער און אַנשטאָט איין הומאָריסטישער אַרט האָט איצטער די מענטשהייט גאַנצע פיר.

צו דעם אייגענעם רעזולטאַט קומט איר, ווען איר טראַכט זיך אַריין אין דעם ענין פון פּאָעזיע בכלל. איין און די זעלביקע פּאָעטישע ריכטונג ברענגט אַרויס פאַרשיידענע אייגנאַרטיקע טאַלאַנטן ביי די פאַרשיידענע פעלקער, וואָס דריקן זי אויס אויף אַ פאַרשיידענעם, אָבער גלייך־ווערטיקן

שטייגער. איר קאָנט ניט פאַרלאַנגען, ווער עס איז זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין נאַציאָנאַלער פּאָעזיע און צושטיין צו דער „אַל־מענטשלעכער", ווייל קיין אַל־מענטשלעכע פּאָעזיע, וואָס זאָל ליגן דרויסן פון די נאַציאָנאַלע פּאָעזיעס, איז ניטאָ. די אַל־מענטשלעכקייט ליגט ניט דרויסן, נאָר אינע־ווייניק אין די נאַציאָנאַלע באַשאַפונגען, און העכסטנס, וואָס איר קאָנט זאָגן, איז: פאַרלאָז דיין נאַציאָנאַלע פּאָעזיע, אין וועלכער עס ווערט אויס־געדריקט אַחוץ דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן טייל, נאָך דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון דיין יידישער נשמה, און שפּרינג אַריין אין אַ פרעמדער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אויך דער ספּע־ציפישער כאַראַקטער פון דעם פרעמדנס נשמה. אָבער ערשטנס איז דאָס שוין ניט קיין קאָסמאָפּאָליטיזם, נאָר אַ גאָר פּשוטער, נאַקעטער שאָווי־ניזם פון דער פרעמדער נאַציאָנאַליטעט און אַחוץ דעם דאַרף מען מיר נאָך באַווייזן, אַז דעם פרעמדנס נשמה פּאַסט בעסער פאַר מיר, איידער מיין אייגענע.

אַזוי איז עס מיט דער פּאָעזיע, און אַזוי איז עס מיט יעדן אַנדער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס שטייגט אַריבער די גרענעצן פון דער ריינער וויסנשאַפט און דעם פּשוטן, טאָג־טעגלעכן יושר — די קונסט בכלל, די פילאָסאָפיע, די רעליגיע. ווי אַלגעמיין־מענטשלעך עס זאָל ניט זיין זייער אינהאַלט, מוז יעדע ריכטונג פון זיי באַקומען אַ גאַנץ אַנדער פּנים און פאַרב, ווי נאָר זי טרעט אַריין אין אַ באַשטימטער נאַציאָ־נאַלער אַטמאָספערע און וועקט דאָרטן אויף די שאַפנדיקע כוחות פונעם פאָלק. אַפילו דער קאַטאָליציזם, וואָס לייקנט אין עצם די איינטיילונג אין פעלקער, וואָס קומט צו דער גאַנצער מענטשהייט מיט איין איינציקן רעליגיעזן גרונט־געדאַנק, אַפילו ער האָט באַקומען ביי יעדן פאָלק אַ באַזונדער אויסזען, און דער קאַטאָליציזם פון דעם דייטש איז ניט אין גאַנצן דער, וואָס דער קאַטאָליציזם פון דעם פראַנצויז, אָדער דעם פויל אָדער דעם איטאַליענער. נאָך מער, אַפילו אַזאַ ריין אַלגעמיין־מענטשלעכע ריכטונג, ווי דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס, האָט באַקומען גאַנץ פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע געשטאַלטן ביי די רוסן, דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, איטאַליענער, פוילן און האָלענדער. גייט, טענהט זיך אויס, ביי וועלכן פאָלק איז דער מאַרקסיזם דער מאַרקסיסטישסטער, צוליב וועלכן אַלע פעלקער זאָלן זיך מוזן אָפּזאָגן, און גייט, פּאָדערט נאָך, זיי זאָלן זיך אָפּשרייבן ביים רב, אַז מהיום והלאה טאָרן זיי קיין אייגענעם מאַרקסיזם ניט אַרויסברענגען!

און גאַנץ געוויס איז יעדן מענטשן באַזונדערס טייער די נאַציאָנאַלע פאָרעם פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן תוך, וואָס זיין פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט. דאָס הייסט ניט, אַז ער דאַרף זיך ניט אינטערעסירן מיט דעם וואָס אַנדערע פעלקער באַשאַפן. אַדרבה! ער מוז און זאָל באַקאַנט ווערן מיט די קולטור־פּראָדוקטן פון דער פרעמד, ער זאָל זיי ליבן און שעצן, ווייל זיי באַרייכערן זיין אייגענע נשמה און וועקן אין איר אירע כּוחות. אָבער ער זאָל זיי ליבן און שעצן, אויף דעם זעלביקן אופן, ווי דער קינסטלער אויף דער וויאָלין ליבט דעם קינסטלער אויף דער פּיאַנאָ. ער פאַרשטייט, אַז זיין נשמה קאָן אויסדריקן איר טיפן און רייכן אינהאַלט נאָר אויף דער וויאָלין, ווי יענער נאָר אויף דער פּיאַנאָ, און אים וועט זיין קונסט בלייבן טיפער איינגעבאַקן אין האַרצן, איידער די קונסט פון דעם פּיאַניסט.

איך גיב צו, אַז אַ מלאך, אָדער אַ ספּינאָזע, וואָלט זיך געקאָנט אויפהייבן אין געפיל צו אַזאַ הויך, וואו אַלע קולטור־פּראָדוקטן פון דער מענטשהייט זאָלן רעדן גלייך שטאַרק און גלייך ליבלעך צו זיין געמיט; וואו ער זאָל אַבסאָלוט ניט שפּירן קיין איין ברעקל איבערוואָג אין געפיל צווישן איין נאַציאָנאַלער פאָרעם און דער אַנדערער. אָבער אויב מען וואָלט אויך אַזאַ אַבסאָלוט ספּינאָזיסטישן קולטור־פריינד געזאָגט, אַז איר ווילט, צ״ב, די יידישע פידל זאָל פאַרשטומען אין דער מענטשלעכער סימפאָניע און אַנשטאָט איר זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן נאָך אַ דייטשער קלאַרנעט, וועט ער אייך גאַנץ העפלעך אָפּדאַנקען פאַר דער טובה: אים וואָלט געפעלט אַ „כּלי״ אין דער סימפאָניע און ער וואָלט פּראָטעסטירט אַנטקעגן איר פאַרשווינדן. — און גלאַט: ווער קאָן דאָס זיין אַ מלאך, אָדער אַ ספּינאָזע? אַחוץ דעם קאָנט איר זיין זיכער, אַז אויב אַזאַ ספּינאָזע זאָל אָנהייבן ניט נאָר געניסן די אַלגעמיין־מענטשלעכע סימפאָניע, נאָר זאָל אַליין שפּילן אין איר, וועט ער פון זיך גופא גאַנץ נאַטירלעך אויסקלייבן אַזאַ „כּלי״, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און זיינע נאַציאָנאַלע כּוחות.

ליידער, קאָן מען ניט לייקענען, אַז עס איז דאָ איצטער אין לעבן אויך אַזאַ טיפּ מענטש, וועמען די גאַנצע נפקא מיניה צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע שאַטירונגען אין די העכערע צווייגן פון דער קולטור רירט ווי די וואַנט, ווייל די גאַנצע העכערע קולטור, מיט איר פּאָעזיע, קונסט, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע, ליגט אים אין דער לינקער פּאה. דאָס איז דער „פיך בצורת מענטש״ — וואָס ווייס נאָר איין זאַך: גוט געגעסן, גוט געשלאָפן און נאָך אַ פעטע עליה אין שול געכאַפּט — וואָס דאַרף ער מער? פון זיינעטוועגן מעגן אַלע קולטורן זיך

צונויפגיסן אין איין אייגציקע; עס וועט אים דערנאָך זיין לייכטער, אין גאַנצן אַרויסצוגיסן זי אין רינשטאָק. אָבער — אונדזער טעמע רופט זיך דאָך ניט „ייד און פיך״, נאָר: „ייד און מענטש״... און אַ מענטש איז דער, פאַר וועמען די העכערע צווייגן פון דער קולטור זיינען דער גאַנצער תמצית פון דעם זיין. און וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ אַ גרעסערן אָרט אין זיין געמיט פאַרנעמען די העכערע צווייגן פון דער קולטור, אַלע אין איינעם, אָדער נאָר אייניקע פון זיי. און וואָס מער ער איז פאַראינטערעסירט אין זיי, וואָס מער נשמה און האַרץ ער לייגט אין זיי אריין, אַלץ צוגעבונדענער ווערט ער צו יענער נאַציאָנאַלער פאָרעם, אין וועלכע זיין פאָלק האָט זיי באַשאַפן, אין וועלכע עס שטעקט אויך אַ טייל פון זיין האַרץ און פון זיין נשמה.

וואָס מער מענטש דער ייד ווערט, אַלץ מער ייד ווערט ער.

די ליבע צו דער אייגענער קולטור איז אַ מענטשלעכע ליבע. זי באַגיסט מיט אירע וואַרעמע, לייכטנדע שטראַלן ניט נאָר דעם איצטיקן מעמד פון דער פאָלקס־קולטור, נאָר אויך איר גאַנצע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, דעם גאַנצן אוצר פון גייסטיקע גיטער, וואָס דאָס פאָלק האָט אים אָנגעזאַמלט פון זינט עס איז געוואָרן אַ פאָלק אויף דער וועלט ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

געוויס, קאָן קיין מענטש ניט זיין גלייך אַנטציקט פון אַלע ערשיינונגען, וואָס זיין פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין עבר. אין דעם געפעכט פון דעם „היינט״ טראָגן מיר אַריבער אונדזער ליבע און אונדזער האַס אויך אויף די ערשיינונגען פון דעם „נעכטן״. און וואָס נענטער דער „נעכטן״ איז צו אונדזער צייט, אַלץ ווייניקער קאָנען מיר אים באַטראַכטן אין דעם מילדן, קלאָרן און ריינעם ליכט פון דעם היסטאָריקער, וואָס פאַרשטייט אַלץ, און וואָס קאָן דעריבער אַלץ און אַלעמען מוחל זיין. אָבער וואָס מער איינער לערנט זיך אויס צו בליקן היסטאָריש אויף דער פאַרגאַנגענהייט, אַלץ מער „ספינאָזע״ ווערט ער בנוגע צו איר, אַלץ מער פלאַמט אין אים אויף יענע געטלעכע ליבע, וואָס גיסט אויס אירע שטראַלן אין גלייכער מאָס אויף דעם צדיק און דעם רשע.

נאָר, אַפילו ווען מען זאָל זיך ניט אויפהייבן אויף דער הויך פון אַ ספינאָזע, אַפילו אַז מען זעצט זיך אַוועק על כסא הרבנות און מען נעמט זיך משפטן די פאַרגאַנגענע צייטן, איז, ווי שטרענג עס זאָל ניט זיין דער משפט איבער דעם אייגענעם עבר, וועט ער אַלץ איבערלאָזן געגנוג העלדן, טאָטן און פּאַסירונגען, וואָס מוזן אַרויסרופן באַגייסטערונג אין אונדז. די באַקאַנטשאַפט מיט דער אייגענער געשיכטע און די באַגייסטערונג, וואָס זי

פלאַמט פונאַנדער אין אונדז, פאַרשטאַרקט יענע באַהעפטונגס־פעדים, וואָס בינדן אונדז צו צו דעם אייגענעם פאָלק, ווי די באַקאַנטשאַפט מיט דער פרעמדער געשיכטע הייבט אויף אין אונדזערע אויגן די חשיבות פון יענעם פרעמדן פאָלק און אונדזער טיפן רעספּעקט צו אים. אַן איטאַליענער, וואָס זאָל שטודירן די געשיכטע פון זיין גאַריבאַלדי און די געשיכטע פון אונדזערע מאַקאַבעער, וואָלט געוויס געהאַט דרך־ארץ פאַר די העלדן־טאַטן פון די יידישע נאַציאָנאַלע באַפרייער, אָבער זיין אייגן בלוט וועט ער פילן ניט אין די מאַקאַבעער, נאָר אין גאַריבאַלדי. דאָס אייגענע איז אויך מיט אונדז. ווען מיר ציען אַ פאַרגלייך צווישן גאַריבאַלדי און יהודה המכבי, וואַקסט אין אונדז געוויס דער רעספּעקט צו דעם איטאַליע־נישן פאָלק און זיינע פרייהייטס־העלדן, אָבער אַ גאַנץ משונהדיקע אומרו דערוועקט אין אונדזער נשמה דאָס בילד פון דעם אייגענעם פרייהייט־העלד, די גיטער פון דעם אייגענעם אוצר, און פון דעם מאַגנעט קאָן זיך קיינער ניט באַפרייען.

וויכטיק איז נאָך דאָ צו געדענקען, אַז דער אוצר פון אַ פאָלק קאָן געהערן אין גאַנצן נאָר צו די קינדער פון דעם פאָלק. פרעמדע קאָנען אַריבערנעמען צו זיך נאָר אַ טייל פון אים. און ניט אַלע מאָל איז דער אַריבערגענומענער טייל גראָד דער בעסטער. פון דער ענגלישער ליטע־ראַטור, צ״ב, וויס די גאַנצע געבילדעטע מענטשהייט אַ סך נעמען פון גדולים — אַ שעקספּיר, אַ בייראָן, אַ שעללי, אַ דיקענס און נאָך מער. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז זיי זיינען די איינציקע טרעגער פון דעם ענגלישן גייסט און אַז זיי בילדן דעם העכסטן שטאַפּל פון דעם זשעני. אין דער היים, ביי דעם ענגלענדער, זיינען געבליבן נאָך אַ סך זשעניס, וואָס האָבן ניט געהאַט די זכיה אַריבערגענומען צו ווערן אין דער פרעמד, וואָס שטייען אָבער ניט נידעריקער, איידער די, וואָס זיינען באַרימט געוואָרן אין דער וועלט. אַ סך מבינים אין דער ענגלישער ליטעראַטור שטעלן, צ״ב, אַ ראָבערט בראַונינג העכער איידער אַ בייראָן. דער דייטש האָט אין זיין ליטעראַטור, אַחוץ די לעסינגס, געטעס און שילערס נאָך אַ סך נעמען, וואָס דער פרעמדער איז ניט מחויב צו קענען, אָבער וואָס זיינען אים, דעם דייטשן, ניט ווייניקער טייער, איידער זיינע וועלט־באַרימטע גדולים. די רוסן: שצעדרין, אָסטראָווסקי און אוספּיענ־סקי וועלן אפשר קיין מאָל ניט זיין אַזוי פּאָפּולער אין דער וועלט, ווי אַ מאַקסים גאָרקי, ווען אפילו זייער טאַלאַנט איז בלי ספק העכער איידער זיינער. דאָס רוסישע געבילדעטע פאָלק ליבט זיי אָבער ניט ווייי־ניקער און אפשר נאָך מער, איידער זיין גאָרקי. אויך ביי אונדז, יידן,

האָבן מענדעלע מוכר ספרים און פּרץ אַ סך וויניקער שאַנסן אַריבער־גענומען צו ווערן אין דער וועלט־ליטעראַטור, איידער שלום אַש, בעת דער גראַד פון זייער טאַלאַנט איז ניט לפי ערך העכער, איידער דער פון שלום אַש.

דורך דער אייגנאַרטיקייט פון דעם יידישן לעבן און שאַפן איז גראַד דער יידישער אוצר פול מיט אַזעלכע גדולים, וועמעס גאַנצער ווערט עס קאָן אָפּגעשאַצט ווערן נאָר פון אַ יידן. אָבער אויך ביי אַלע אַנדערע פעלקער זיינען דאָ געניג גיטער, וואָס נאָר אַ קינד פון דעם פאָלק קאָן באמת שעצן און געניסן. אויף אַזאַ אופן איז דער קולטור־אוצר פון אַ פאָלק די גייסטיקע היים פון זיין נשמה, איר רייכטום, אין וועלכן דאָס פאָלק מוז זיין מער פאַראינטערעסירט, איידער אין די עשירות פון דער פרעמד. אַפילו אין די מיטעלערע און גאָר קליינע טאַלאַנטן, פון וועלכע קיין פרעמדער איז ניט מחויב צו וויסן, איז דאָס אייגענע פאָלק פאַר־אינטערעסירט, ניט נאָר, ווייל זיי זיינען זיינע, נאָר אויך מחמת אַן אַנדער טעם, וואָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, וואָס דריקט זיך אויס אין אירע העלדן און גדולים פון אַלע פעלקער. מיר זעען אַ פּאַרטיקן שעקספּיר, אַ פּאַרטיקן געטע, ווי זיי שטייען אין דעם פּאַנטעאָן פון דער מענטשהייט. אָבער זיי זיינען דאָך ניט פון העלער הויט אַרויסגעשפּרונגען אין זייער גאַנצער גרויס. צענדליקער קליינע און מיטעלערע טאַלאַנטן האָבן פריער באַדאַרפט אין אייגעם באַשאַפן אַ באַשטימטע נאַציאָנאַלע גייסטיקע אַט־מאָספערע, איידער אין איר האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַ געטע אָדער אַ שעקספּיר. אָט די „קלענערע געטער״, וואָס דער פרעמדער זעט ניט, שטייען אָבער פאַר די אויגן פון דעם אייגענעם פאָלק. דאָס פאָלק קען זיי, געניסט זיי און שעצט זיי, און וואָס געבילדעטער אַן ענגלענדער אָדער אַ דייטש איז, ד״ה וואָס מער מענטש ער איז, אַלץ מער ענג־לענדער אָדער דייטש איז ער.

אויך דער ייד האָט אייגנטלעך ניט געדאַרפט זיין קיין אויסנאַם פון דעם דאָזיקן כלל. און ווען מיר זעען, אַז ער פירט זיך דאָ אויף פּאַרט ניט ווי אַנדערע; ווען מיר זעען, אַז ער איז באַקאַנט מיט אַלע אַלוועלטלעכע גדולים און ווייס אַפילו ניט די העלדן פון זיין אייגענער קולטור, זאָלן מיר זיך ניט איילן אַרויסצוטראָגן אים דעם אַטעסטאַט פון „מער מענטש״. אפשר... אפשר... ווער ווייס? אפשר איז ער דער־פאַר וויניקער מענטש, איידער אַלע אַנדערע געבילדעטע מענטשן, ווייל אים פעלט יענע זאַפט, וואָס ווערט אַריינגעזויגן פון דער אייגענער

קולטורעלער אַטמאָספערע און גיט יעדן גייסט צו אַ באַזונדערן קאָליריט.

אָבער — וועגן דעם ענין פון דעם יידישן קולטור־אוצר און דער שטעלונג פון אונדזערע ראַדיקאַלן צו אים וועלן מיר נאָך מוזן רעדן אין דער נעקסטער פאַרלעזונג.

## צווייטע פאַרלעזונג

אין דער ערשטער פאַרלעזונג האָבן מיר אויסגעפונען דריי אַרטן יידן: דער רעליגיעזער, דער נאַציאָנאַלער און דער ראַסן־ייד, און פאַר זיי האָבן מיר געדאַרפט אַרויסברענגען די שייכות פון „ייד און מענטש".

מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן נאָר מיט אַ טייל פון דעם נאַציאָנאַלן יידן און זיינען געבליבן שטיין ביי דעם ענין פון דעם יידישן קולטור־אוצר און ביי דער אַרט, ווי אַזוי אַ ראַדיקאַלער ייד שטעלט זיך צו אים.

אויך דאָ מוז איך מודה זיין, אַז אין דער צייט פון מיין יונגען קאָס־מאָפּאָליטיזם האָב איך מיך אויך ניט בעסער באַגאַנגען מיט דעם גאַנצן גייסטיקן עבר פון אונדזער פאָלק, איידער דאָס טוען די איצטיקע ראַ־דיקאַלע קאָסמאָפּאָליטן. די פּיצלעך און ברעקלעך פון דער אַלטער קול־טור, וואָס האָבן זיך נאָך געבאָמבלט אין מיין מוח, זיינען געווען פאַר מיר, ווי פאַר דאָס רוב פון מיין דור און מיין ריכטונג, ניט מער ווי אַ מאַטעריאַל פאַר שאַרפזיניקע אַפּיקורסישע און אַטעאיסטישע וויצן. אויך אין דער אַפּיקורסישער העברעאישער ליטעראַטור, מיט וועלכער איך בין אויך געווען אַ ביסל — גאַנץ אויבערפלעכלעך — באַקאַנט — אונדזער ליבלינג־העלד איז געווען דער ווירקלעך פרייער גייסט, משה לייב ליליענ־בלום — האָבן מיר אויך ניט געקאָנט זען אַ שטיק אייגענע, ריין מענטש־לעכע און פרייע קולטור, וואָס זאָל האָבן פאַר אונדז אַ ווערט וועלכן עס איז נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון ווערט. זי איז געווען אין אונדזערע אויגן אויך ניט מער, ווי אַ טייל פון יענער קראַפט, וואָס איז באַרופן געוואָרן אויס־צעוואָרצלען אין גאַנצן די עקסיסטענץ פון יידן און יידישקייט. די זעל־ביקע קראַפט האָבן מיר געשפּירט און וואָרעם באַגריסט אין דער יונגער סאַטירע, וואָס האָט זיך נאָך פון די זעכציקער יאָרן אָן גענומען וועבן אין דער יידישער שפּראַך: אין לינעצקיס „פּוילישן ייִנגל", אין מענדעלעס „קליין מענטשעלע" און „מסעות בנימין השלישי".

אָפילו שפּעטער, אין די יאָרן 1883 און 1884, ווען איך האָב אין גאַנצן אָוועקגעוואָרפן דעם קאָסמאָפּאָליטיזם און בין געוואָרן אַ באַוואוסט־זיניקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער ייד, אַ יידישער — ניט נאָר שפּרעכנדער — סאָציאַליסט; ווען פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן דער וועג, אין וועלכן די

יידישע אינטעליגענץ דאַרף גיין — דער וועג פון דער אייביקער פאַר־אייניקונג מיט דעם פאָלק אויף דעם יסוד פון דער יידישער שפּראַך — אַפילו אין דער צייט, זאָג איך, האָט דער אַלטער קולטור־אוצר ניט געשפּילט קיין ברעקל ראָלע אין מיינע געדאַנקען: איך האָב געוואוסט, אַז מיר דאַרפן האָבן אַן אייגענע קולטור, אָבער זי איז געלעגן פאַר מיר גאַנץ אין דער צוקונפט, מיט קיין איין איינציקן טייל ניט אין דער פאַר־גאַנגענהייט.

מען האָט אָפט פאַרגעוואָרפן דעם „בונד״, אַז ער הייבט אָן די יידישע געשיכטע פון... זיך אַליין. איך ווייס ניט, אויף וויפל דאָס איז אמת פאַר דעם „בונד״ אין אַלע זיינע טיילן, אָבער פאַר מיר, דעם „בונדיסט״ פון דעם יאָר 1884, ווי איך האָב אַ געוויסע רעכט מיך צו רופן, טרעפט צו דער פאָרוואורף אות באות. „זאָלן די מתים באַגראָבן זייערע מתים!״ —דאָס איז געווען די גרונט־שטימונג בנוגע צו דעם גאַנצן אַלטן יידנטום. מיר, די יונגע און די פרייע, מיר וועלן אויפבויען אַן אייגענע יידישע קולטור, אַ ריין מענטשלעכע, אַן אייראָפּעאישע. איך האָב געטרוימט וועגן אַ גאַנצע מחנה פון איבערזעצער, וואָס זאָלן אָוועקלייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער יידישער קולטור אין דער פאָרעם פון איבערזעצונגען אין יידיש פון אַלע וויכטיקע מאָדערנע אייראָפּעאישע ווערק. און דערנאָך ערשט זאָלן קומען די נייע בויערס און שאַפערס, וואָס וועלן פריי אַרויס־ברענגען דעם לעבעדיקן יידישן גייסט אָן אַ ברעקל שייכות צו זיין שוין לאַנג געשטאָרבענער און אויף אייביק באַגראָבענער פריהייט.

וואָלט מען ביי מיר דעמאָלט געפרעגט: נישיים געפינסט דו אין דעם גאַנצן גייסטיקן אוצן פון דעם יידישן פאָלק קיין איין ווערק ניט, וואָס זאָל ווערט זיין, מען זאָל עס אַריבערטראָגן אין דעם נייעם לעבן? — וואָלט איך אפשר אַ טראַכט געטאָן און וואָלט געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר צוויי שריפטן: דעם תנ״ך און לילינבלומס „הטאת נעורים״; אַלץ אָבער, וואָס צווישן זיי, וואָלט איך אָן אַ ברעקל עגמת־נפש געלאָזט ליגן אָן אַ זייט.

מיר האָבן זיך באַגאַנגען מיט דער אַלטער יידישער קולטור, ווי מיר האָבן זיך באַגאַנגען מיט דעם גאַנצן יידישן פאָלק, ווי מען באַגייט זיך, לויט דעם יידישן פאָלקלאָר, מיט אַ מת אין כף־הקלע: דאָס הייסט — אַ פּלאַם מיט דער האַנט אין פּנים אַריין „כלאחר יד״ און אַן אויסגעשריי: „גיי צוריק אין דיין רו אַריין!״

האָט דאָס די יידישע קולטור פאַרדינט? דאָס וועלן מיר זען. איך, וויינקסטנס, האָב זי איגנאָרירט, ניט דערפאַר, וואָס מיין קריטישער גייסט האָט איינגעזען די נישט־ווערטיקייט פון אַלץ, וואָס אונדזער פאָלק האָט

געשאַפן צווישן דעם תנ"ך און דעם „חטאת נעורים", נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין ברעקל השגה פון יענעם ריין מענטשלעכן ווערט, וואָס דער אַלטער יידישער קולטור־אוצר פאַרמאָגט, און עס איז דעמאָלט קיין איין מענטש ניט געווען, וואָס זאָל האָבן געקאָנט דערקלערן איר באַדייטונג פאַר אַ פרײדענקנדן יידן. די זיס־זויערע חנדלעך, וועלכע די ליבעראַלע השכלה־וועלט פלעגט אָפט מאַכן, סיי אין יידיש, סיי אין רוסיש, דעם אַלטן יידנטום, זיינען מיר געווען ווייניק באַקאַנט, און אויב איך וואָלט געהאַט די זכיה צו קענען זיי נעענטער, וואָלטן זיי מיר שוין דעמאָלט געווען צו ווידער, ווי זיי זיינען מיר פאַרנמאסט אויך היינטיקן טאָג.

אָבער קיינער האָט ביי מיר דעמאָלט גאָרניט ניט געפרעגט, און דעריבער האָב איך אַפילו אויך וועגן דעם תנ"ך און דעם „חטאת נעורים" ניט געטראַכט ווי וועגן עלעמענטן, וואָס גייען אריין אין דער יידישער קולטור. דער גאַנצער עבר — אַ בלאַנק, און ער האָט קיין ברעקל שייכות ניט צו דער קעגנוואַרט און צו דער צוקונפט!

ערשט שפּעטער אין דעם אָנהייב זומער 1885 האָבן מיינע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידעען מיך אַרויסגעפירט אויף דער נויטווענדיקייט צו שטודירן די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, און ערשט פון דעמאָלט אָן האָב איך געגומען איינזען מיין טעות. איך האָב אָפּגעפרישט אין זכרון מיין חדר־לומדות, האָב מיך אַריינגעוואָרפן מיט דעם גאַנצן וויסנס־דאָרשט פון דער יוגנט אין דעם גרויסן ים פון אונדזער גייסטיקן עבר, און — אין דעם ליכט פון מיין סאָציאַליסטיש־יידישער וועלט־אַנשויאונג — איז ביס־לעכווייז אַרויסגעוואַקסן פון דעם טונקל, אַ וועלט, וואָס האָט מיך באַצוי־בערט דורך איר אינעווייניקסטער רייכקייט, קראַפט און אומגעהייערע ראַלע, וועלכע זי האָט געשפּילט אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק.

עס קאָן איצטער ניט זיין מיין ציל, צו באַשרייבן איך, ווי אַזוי די נייע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר. איך וועל אייך נאָר זאָגן, אַז דער ערשטער שטראַל, וואָס האָט מיר אַ שיין געטאָן אין די אויגן, איז געווען אַ בלעטל פון דעם „יוסיפון" — דעם פאַרפעלשטן — וואו עס ווערט באַשריבן די יידיש־קאָמוניסטישע סעקטע פון די איסיים. עס איז מיר אויפן שטעל געבוירן געוואָרן אַ האַלב אומבאַוואוסטע, אָבער פון דעסטוועגן זיכערע געוויסהייט, אַז איך וועל געפינען נאָך אַ סך שפּירן פון ריינער מענטשלעכקייט אין דעם שטויב פון אונדזערע פאַרגאַנגענע דורות.

איך וויל דאָ שוין אויפֿן שטעל מאַכן איין וויכטיקע באַמערקונג. ווי הויך מיר זאָלן ניט שעצן דעם ווערט פֿון אונדזער גייסטיקן עבר — ניט פֿון אים הענגט אָפּ אונדזער באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַליזם, אונדזער צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פֿאָלק, אונדזער גלויבן אין זיין ליכטיקע צוקונפֿט. זאָל דורך אַ וועלכער עס איז קאַטאַסטראָפֿע דער יידישער אוצר אין גאַנצן פֿאַרשווינדן ווערן פֿון אַ מענטשלעכן געדעכעניש, וועט דאָס ניט מאַכן קיין תּל פֿון אונדזער פֿאָלק, וועט דאָס אונדז ניט שטערן צו זוכן נייע וועגן פֿאַר אונדזער ווייטערדיקן קיום און נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג. אונדזער קעגנוואַרט איז גענוג זעלבסטשטענדיק, גענוג פֿול מיט לעבנס־קראַפֿט, גענוג פֿול מיט דעם ניט איינצוהאַלטנדן אימפּעט צו זיין, צו עקסיסטירן, ווי אַ באַזונדער פֿאָלק, אַז מיר וועלן קאָנען על פּי נויט אויסקומען אָן יענע שטראָמען ענערגיע — אמת, מעכטיקע, באַרוישנדע — וואָס פֿליסן אַריין אין אונדזערע אָדערן, בעת מיר ווערן באַקאַנט מיט אונדזער געשיכטע. ניט די פֿאַרגאַנגענהייט גיט אונדז די עקשנות צום זיין, דעם מוט און די פֿרייד אין דעם קאַמף — אָבער די פֿאַרגאַנגענהייט דערקלערט אונדז, ווי אַזוי מיר זיינען געוואָרן דאָס, וואָס מיר זיינען, און פֿון וואַנען עס שטאַמט אין אונדז אונדזער אימפּעט צום לעבן. זי פֿאַרשטאַרקט אָבער אויך אונדזער שטאָלץ און אונדזער דרך־ארץ צו זיך אַליין.

און עס איז באמת דאָ אין איר, מיט וואָס צו זיין שטאָלץ.

איך ווייס, אַז אַ גרויסע צאָל פֿון ראַדיקאַל־דענקנדע מענטשן איז זייער שווער אַריינצודרינגען אין דעם תּוך פֿון אונדזער קולטור־אוצר, ווייל ער איז אין אַלע זיינע טיילן דורכגעזאַפּט מיט צוויי עלעמענטן, וואָס זיינען צו ווידער דער נשמה פֿון אַ קאָסמאָפּאָליטישן אַטעאיסט: דעם רעליגיעזן גלויבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט, אין אַ איבערנאַטירלעכער וועלט פֿון ניסים און נפֿלאות, און דעם נאַציאָנאַלן גלויבן אין דער אויסדערווילקייט און אייביקייט פֿון דעם יידישן פֿאָלק.

איך וויל מיך דאָ היינט ניט אַריינלאָזן אין אַ לאַנגן וויכּוח מיט דעם ראַדיקאַלן קאָסמאָפּאָליט און באַווייזן אים, אַז בנוגע צו דער פֿאַרגאַנגענהייט דאַרפֿן מיר קוקן גאַנץ אַנדערש אויף די דאָזיקע עלעמענטן, אַפֿילו ווען מיר זאָלן זיי אָפּלייקענען לגמרי. איך וויל נאָר באַמערקן, אַז מיר קאָנען ניט באַשולדיקן משה רבינו, פֿאַר וואָס ער האָט ניט געלייענט דאַרווינס ווערק, אָדער יהושע בן נון, פֿאַרוואָס ער איז געווען ניט באַהאַוונט אין קאָפּערניקס אַסטראָנאָמיע. כּדי צו פֿאַרשטיין און צו שעצן די גרויס אין דעם ווערט פֿון אַ וועלכן עס איז גייסט־פּראָדוקט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, דאַרף מען קאָנען אין גאַנצן צונויפֿגיסן זיך מיט דער נשמה

פון יענעם פעריאָד און אָטעמען דורכויס מיט דער לופט פון זיין גייס־טיקער אַטמאָספערע. באַטראַכטן מיר אַ ווערק עס איז פּראָדוקט פון יענער צייט, דאַרפן מיר אונדז קלאָר מאַכן, וועלכע גייסטיקע קרעפטן האָבן אים אַרויסגעבראַכט: שטאַרקע, רייכע טיפע אָדער שוואַכע, אָרעמע, אויבערפלעכלעכע; מיט וועלכע געפילן איז ער דורכגעגליט: אידעלע און מענטשלעכע, אָדער געמיינע, פּיאישע; צוליב אַ פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע אָדער צוליב אַ פאַרשלימערונג; וואוהין פירט ער: צו אַ פּראָ־גרעס אין די וויכטיקסטע פונקטן פון לעבן, אָדער צו אַ רעאַקציע. און די פאַרבעסערונגען, פאַרשלימערונגען, דעם פּראָגרעס און די רעאַקציע דאַרפן מיר מעסטן ניט מיט דער אייל פון אונדזער איצט, נאָר מיט דער מאָס פון די דעמאָלטיקע אומשטענדן.

שטודירט מען אַזוי די געשיכטע פון אונדזער קולטורעלן אוצר, דע־מאָלט איז לייכט איינצוזען, אַז צ״ב, דער סאָציאַל־עטישער מאָנאָטעאיזם פון אונדזערע נביאים איז אַזאַ געוואַלטיקער פּראָגרעס אין דער אַנטוויק־לונג פון דעם מענטשלעכן גייסט, לגבי זיין פריערדיקן צושטאַנד, אַז אַפילו אַ ווערק, ווי „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס, וואָס איז געוויס אין אַ סך פונקטן „אמתער" (פאַר אונדז!) איידער אַ סך לערעס פון די נביאים, נעמט זיך אויס לגבי זייער ווערק, ווי אַ זאַמד־בערגעלע, צונויפגעטראָגן פון קינדער ביי דעם פוס פון דעם מעכטיקן באַרג. און ניט נאָר די נביאים וואַקסן אויס צו אַזאַ גרויס. דורך די קראַפט און די טיף פון זייער גייסט, דורך די רייכקייט און איידלקייט פון געפיל, דורך די ריינ־קייט און ערלעכקייט פון דעם ווילן, צייכענען זיך אויס אַ סך און אַ סך פּראָדוקטן פון דעם יידישן שאַפן אין דעם משך פון די פאַר טויזנט יאָר פון זיין עקסיסטענץ אויף דער וועלט.

יעדער מענטש קאָן זיך אויסלערנען אַריינצודרינגען אין זייער גרויס. איך רעד שוין ניט פון די, וועמעס נשמה עס קאָן דורשטיק שלינגען די ליידנשאַפטלעכע ליבע צו דעם יידישן פאָלק און צו דעם יידישן גאָט, מיט וועלכער די גאַנצע אַלטע קולטור איז דורכגעדרונגען. אַפילו די, וואָס זיינען פריי פון אַ וועלכער עס איז רעליגיעזער באַדערפעניש און אין גאַנצן פרעמד צו אַ וואָסער עס איז נאַציאָנאַלן געפיל, אויך זיי קאָנען דורך דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן אינהאַלט דורכדרינגען צו די אַלגעמייך־מענטשלעכע כוחות, וואָס שטעקן היגטער אים, צו די כוחות פון געדאַנק, געפיל און ווילן, וואָס האָבן באַשאַפן דעם ספּעציפישן אינהאַלט — דורכ־דרינגען און באַוואונדערן די פּראַכט פון דעם מענטשן אין איר יידישער פאָרעם.

אין דעם פונקט פון אונדזער קולטורעלן אוצר קאָן מען גיין נאָך א שריט ווייטער. לאָמיר אַראָפּוואַרפן פון חשבון אַלץ, מיט וואָס מיר קאָנען ניט איינשטימען היינט; לאָמיר אָפּשעצן זיין ווערט נאָר לפי דעם, וואָס ער קאָן געבן אונדזער נשמה. נאָר אויף וויפל ער קאָן שטילן אונדזער דורשט נאָך אמת, יושר און שיינקייט. און אויך אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, אונטער אַזאַ שווערער פייער־פּראָבע, בלייבט אונדזער אוצר — אין זיינע וויכטיקסטע טיילן — באַשטיין פאַר אונדז, ווי דער אוצר פון יעדן פאָלק בלייבט אייביק באַשטיין פאַר זיינע קינדער. שוין דער פאַקט אליין, וואָס יעדעס ווערק פון דער פאַרגאַנגענהייט איז אַ דאָקומענט פון דער מענטש־לעכער געשיכטע — אַ דאָקומענט, וואָס העלפט אונדז אויפבויען דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מענטשלעכער קולטור און אַריינדרינגען אין אירע געזעצן, מאַכט אים פאַר אַ ווערטפולן מאַטעריאַל פאַר דער מענטשלעכער וויסנשאַפט, פאַר אַ מיטל צו באַפרידיקן דעם דורשט נאָך אמת. פון אַט דעם ריין היסטאָריש וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, טאָרן מיר קיין איין שורה פון אונדזער גייסטיקן רייכטום ניט לאָזן גיין פאַר־פאַלן, ווען אפילו די דאָזיקע שורה זאָל ניט האָבן אין זיך מער ווערט זאָר דער געשיכטע פון דער קולטור, איידער אַ פאַרשפּיצטער פלאָקן, וים ווילדע באַאַקערן זייער ערד.

אָבער — קאָן דען באמת ווער האָבן די העזה צו זאָגן, אַז אונדזער גאַנצער קולטור־אוצר האָט ניט מער, ווי אַ ריין היסטאָרישן ווערט? דער וואָס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור, וועט מוזן ענטפערן, אַז געוויס ניט.

אַ חוץ יענע ווערק, וואָס האָבן אפשר באמת ניט מער ווי אַ ריין היסטאָרישן ווערט, זיינען דאָ נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס רופן אַרויס באַוואונדערונג, ווי פּראָדוקטן פון מענטשלעכן שאַפן און וואָס האָבן נאָך געגנוג לעבעדיקע פריש־בליענדע אמתן אין זיך. אויף אַזאַן אופן איז יעדער אַלטער ספר, וואָס איר נעמט אין די הענט, אַ ווערטפולער שאַץ, וואָס מוז געשטודירט ווערן אָדער צוליב דער פּראַכט פון די מענטש־לעכע כוחות, וואָס האָבן אים אַרויסגעבראַכט, אָדער צוליב יענע טיילן זיינע, וואָס זייער אמת, יושר און שיינקייט קאָן נאָך לעבן אין אונדזער היינטיקער וועלט, אָדער לפּחות צוליב דעם, כדי אַרויסצושטודירן פון אים די ווערטפולע דאַטן פאַר דער יידישער געשיכטע און דער מענטש־לעכער קולטור.

לאָמיר דורכגיין אין געדאַנקען די וויכטיקסטע עטאַפּן פון דער יידי־

שער גייסטיקער אַנטוויקלונג און דער ענין וועט ווערן נאָך קלאָרער פאַר אונדז.

פון אַלע דריי שטאַנדפּונקטן, וועלכע איך האָב נאָר וואָס אויפגעשטעלט, מוז שוין די ערשטע זאַמלונג פון אונדזערע ליטעראַרישע שריפטן, דער תנ״ך, באַפרידיקן די שטרענגסטע פאָדערונגען. דאָס וועט צוגעבן יעדערער, וואָס האָט נאָר אַ ביסל גרינטלעכער געשטודירט אים. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער קולטור־מאָנומענט, וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט אויפגעבויט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. די רייכקייט און פּראַכט פון די מענטשלעכע באַשאַפונגס־כּוחות, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין אים, ווירקן אַזוי געוואַלטיק שטאַרק אויף אונדזער געמיט, אַז עס געפינען זיך נאָך עד היום אַ סך ערנסטע מענטשן, וועמען עס ליגט זיך גאָרניט אויפן שכל, אַז ער זאָל באמת זיין ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פון אַ ריין מענטשלעכן זשעני. אַ שטראָם פון איבערמענטשלעכן, ריין געטלעכן שאַפן האָט זיך געמוזט אַריינרייסן אין דער מענטשלעכער וועלט, כּדי אַרויסצוברענגען זיינע שיינקייטן און טיפקייטן. אַזוי גלייבן זיי. און ווען אַפילו מיר קאָנען בשום אופן ניט צושטיין צו זייער גלויבן, פאַרשטייען מיר אים אָבער דאָך פּסיכאָלאָגיש, ווייל יעדער מענטש מוז צוגעבן, אַז אויב אַ געטלעכע קראַפט וואָלט זיך געהאַט אַריינגעמישט אין דעם מענטשלעכן קולטורעלן לעבן און וואָלט דאָרטן איבערגעלאָזן דירעקטע שפּורן פון איר שאַפן, וואָלטן צו אירע שפּורן בלי ספק געהערט אויך די בעסטע טיילן פון תנ״ך.

עסטעטישע שיינקייטן, וואָס פריי־גייסטיקע מבינים שטעלן אַוועק העכער, איידער די גאונות פון אַ שעקספּיר, בייראָן, געטע און אַ טאָלסטאָי; אַ זיטלעכער פּאַטאָס, וואָס ברענגט אַרויס די אידעע פון ברידערלעך־פאַראייניקטע פעלקער צו איין איינציקער מענטשהייט, די אידעע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון אַ גלענצנדער „משיח־צייט״, פון אַ גן־עדן פאַר דעם מענטשן אויף דער וועלט אין דעם „אחרית הימים״, מיט אַ נייעם הימל און אַ נייער ערד; אַ גייסטיקער פלי־אַרויף פון דעם מענטשלעכן געדאַנק צו דער העכסטער שטופע פון מאָניזם, וואָס בינדט צונויף מענטש, נאַטור און גאָט אין איין איינציקן וועלט־בילד און באַשאַפט דעם ערשטן פאַרזוך פון אַ געשיכטס־פילאָסאָפיע — דאָס אַלץ געפינען מיר אין דעם תנ״ך; אין דעם, אין אַלץ, קאָנען מיר באַוואונדערן די פּראַכט פון דער מענטשלעכער נשמה אין איר יידישער געשטאַלט.

און די לעבנס־פילאָסאָפיע פון אַן איוב, משלי און קהלת, וואָס טיילן פון זיי לייענט איר אַקוראַט, ווי צו איך וואָלט גערעדט אַ מאָדערנער

דענקער אויף דעם גרונט פון לעבנס־ערפאַרונגען, וואָס ער האָט אין אונדזער צייט נאָר וואָס געזאַמלט! און די טיפע, פאַרבנרייכע ליריק פון אַ סך קאַפּיטלעך תּהילים, וואָס פאָרמולירן אייך אייערע אייגענע זיפצן, די מאַטערנישן און פּלאָגן, האָפענונגען און חלומות פון אייער אייגענער נשמה.

דאָס אַלץ אין איינעם שטעלט אַוועק דעם שענסטן בריליאַנט פון אונדזער קולטור־אוצר אויף אַזאַ ריזיקער הויך, וואָס נאָר זייער און זייער ווייניקע פּראָדוקטן פון דעם מענטשלעכן שאַפן קאָנען דערגרייכן צו איר.

און אויב מען זאָל אָננעמען, אַז יידישקייט איז דאָס, וואָס ווערט געפּרעדיקט פון אונדזערע נביאים, און אַ ייד־זיין הייסט לעבן לויט דעם אידעאַל פון די נביאים, וואָלט מען געקאָנט קומען צו גאָר אַן אַנדער פאָרמול אין הלכות „ייד ⁝ מענטש״.

עס וואָלט דעמאָלט אויס באמת געווען ריכטיק צו זאָגן, אַז וואָס מער ייד איינער איז — אַלץ איינס פון וועמען געבוירן — אַלץ מער מענטש איז ער, אַלץ טיפער איז אין אים איינגעקערפּערט דער אייביקער אידעאַל פון מענטשלעכקייט.

אויך דער צווייטער וויכטיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור־אוצר ברענגט אַרויס אַ זאַמלווערק, וואָס רופט אַרויס אונדזער באַוואונדערונג פאַר די קאָלאָסאַלע כּוחות פון דעם מענטשלעכן גייסט, וועלכע זיינען אָנגעווענדט געוואָרן אויף זיין אויפבוי. איך מיין דעם תּלמוד און זיינע צוויי שטראָמען: די הלכה — דער ריין יורידישער טייל, און די אגדה — דער עטישער, פילאָסאָפישער און עסטעטישער.

עס טוט מיר באמת לייד, וואָס איך קאָן מיך ניט אָפּשטעלן אַפילו בקיצור אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם תּלמוד, אויף זיין באַדייטונג פאַר אונדז און אויף זיין אינעווייניקסטן ווערט פאַר דער מענטשהייט. ער האָט גאַנץ געוויס גענוג שטרוי און שטויב, אָבער אויך אָט די שטרוי און שטויב האָבן אַ וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט.

איך געדענק, וואָס פאַר אַ משונהדיקן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך האָב אין לעבאָקס „אַנהייב פון ציוויליזאַציאָן״ געפונען אָפּגעדרוקט אין העברעאיש אַ גאַנצע משנה, וועלכע ווערט געבראַכט, ווי אַ באַווייז פאַר דעם מחבּרס טעאָריע. איך געדענק, אַז אין דעם איינדרוק וואָס איך האָב דערשפּירט, איז געווען אַריינגעמישט אַ היפּשער חלק פון פאַרשעמטקייט. איך האָב מיך געשעמט. פאַר וואָס און פאַר וועמען? — פאַר אונדזער גאַנצן דור, וואָס האָט לעבן זיך אַזאַ רייכן קוואַל פון

קולטור־היסטאָרישע דאַטן און גיט גאָרניט אַ טראַכט, ווי צו שעפּן פון אים? אָדער אפשר גאָר פאַר דעם גרויסן געלערנטן לעבאָק, וועלכער שעמט זיך ניט צו שעפּן זיינע מאַטעריאַלן פון אַזאַ דיסקרעדיטירטן קוואַל, ווי דער תּלמוד, וואָס איז דאָך „הנה ידוע״, אַז ער איז פול מיט שקרים און וויסטע פּלוידערייען?...

מיר דאַכט, אַז די ביידע להיפּכדיקע שעם־געפילן האָבן זיך פּריער צונויפגעפּלאָנטערט אין איינעם. און סוף־כּל־סוף האָט געמוזט גובר זיין דער ערשטער שעם־געפיל, די ביזי־בזיונות פאַר זיך אַליין. סטייטש! יאָרן און יאָרן לאַנג געהאַלטן דאָס גרויסע בוך אין די הענט — און גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט, וויפל מען קאָן פון אים לערנען פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט! אַ גוי דאַרף קומען און אויפווייזן, וועלכע אוצרות עס וואַלגערן זיך ביי אונדז אומבאַנוצט!

די קולטור־געשיכטלעכע אויספאָרשונג פון דעם תּלמוד שטייט נאָך עד היום אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער וויסנשאַפט און קיין געלערנטער קאָן דאָס ניט טאָן אַזוי גוט, ווי דווקא דער ייִדישער, וואָס זאָל זיין פאַר־טרויט מיט די פּרינציפּן און די מעטאָדן פון דער מאָדערנער פאָרשונג. די אַרבעט הייבט זיך ערשט איצטער אָן, אָבער זי האָט שוין אַרויס־געבראַכט גאַנץ וויכטיקע קרעפטן. ווען די אַרבעט וועט ווייטער אַזוי אָנגיין און צוציען צו זיך אַ גרויסע צאָל פון זעלבסטשטענדיקע דענקער און פאָרשער — ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען אין גאַנצן אָפּשאַצן ניט נאָר די מענטשלעכע גייסט־קרעפטן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם תּלמוד, ניט נאָר דעם ווערט זיינעם פאַר דער קולטור־געשיכטע בכלל און פאַר דער ייִדישער קולטור־געשיכטע בפרט — נאָר אויך יענע עלע־מענטן זיינע, וואָס האָבן נאָך אַ ווערט פאַר אונדזער לעבן, דורך דעם אמת, דעם יושר און די שיינקייט, וואָס איז אין זיי.

לאָזט מיך אייך דערמאָנען, אַז פון אַ קליינינקן שפּאַציר אויף דעם געביט פון דער תּלמודישער אַרבעטער־געזעצגעבונג, וואָס ד״ר דוד פאַרב־שטיין האָט מיט אַ יאָר צען־צוועלף צוריק געמאַכט, האָט ער אַהיים גע־בראַכט אַ גאַנצן הויפן פון פּערל, וואָס איינִיקע פון זיי פעלן נאָך עד היום אין דער פּראָגרעסיווסטער אַרבעטער־געזעצגעבונג פון דער וועלט; און צווישן זיי — דאָס אַבסאָלוטע רעכט פון דעם אַרבעטער צו וואַרפן די מלאכה, ווען ער וויל, וואָס פאַר אַ קאָנטראַקטן ער זאָל ניט האָבן געמאַכט מיט דעם באַלעבאָס, בעת דער באַלעבאָס איז פון געזעץ געצוואונ־גען פּינקטלעך אָפּצוהיטן דעם קאָנטראַקט. די דערקלערונג פון דעם דאָ־זיקן געזעץ אין תּלמוד איז נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיש אַזוי טיף, אַז ד״ר

פאַרבשטיין גייט ניט ווייט אַוועק פון אמת, ווען ער ווייזט אויף, אַז אין איר שלומערט שוין דער גרונט־געדאַנק פון מאַרקסעס בליק אויף דעם מהות פון דער אַרבעט. און וויפל פערל קאָן מען נאָך האָפן צו געפינען, ווען מען וועט זיך ערנסט נעמען פאַר דער באַאַרבעטונג פון אָט דער רייכער געָפין־גרוב!

און דאָס איז אַלץ אין דער זאַמד־טרוקענער הלכה. וועגן דער עטישער, פּאָעטישער און אַפילו דער מעטאַפיזישער רייכקייט פון דער אייביק גרינער, קוואַלן־רייכער אַגדה איז איבעריק צו רעדן: אירע אוצרות הייבן אָן איצטער געשעצט צו ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ מער.

אַ גרויסער „ביזוי־בזיון״ וואָלט באמת געווען פאַר אונדז, ווען אָט די אַלע אוצרות פון דעם תלמוד וואָלטן געבליבן אומאויסגעפאַרשט, ביז דער „גוי״ וועט זיך מרחם זיין און אַרויסשלעפּן זיי אויף דער ליכטיקער שיין. וואָלט איר אַזאַ באַ ן זיך אונדזערן מיט די וויכטיקסטע קוואַלן פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן געקאָנט אָנרופן מענטשלעך? איז ניט ריכטיקער צו זאָגן, אַז וואָס מער מענטש מיר ווערן, וואָס מער מיר נעמען אין זיך אַריין די אייראָפּעאישע בילדונג, אין אַלץ אַ רייכערער און שענערער באַלייכטונג באַווייזט זיך פאַר אונדז דער תלמוד, אַלץ בעסער קאָנען מיר אָפּשאַצן זיין ווערט און אַלץ טייערער ווערט ער פאַר אונדז?

נאָך דער עפּאָכע פון דעם תלמוד גייט די ליטעראַטור פון די גאונים. זי איז נאָך ווייניקער אויסגעפאָרשט, איידער די ליטעראַטור פון דעם תלמוד, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס נאָר פון איר קאָנען מיר — דורך ריכטיקע מעטאָדן — אַרויסדעסטילירן דעם תמצית און די איינצלהייטן פון דעם יידישן לעבן אין יענער צייט. דער אויבערפלעכלעכער אַפּיקורס וועט אויך דאָ אָפּגעשטויסן ווערן ניט נאָר פון דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן גלויבן, נאָר אויך פון דעם באַוואוסטן קאַמף, וועלכן אַ רב האַי גאון פירט אָן אַנטקעגן דעם פרייען, פאָרשנדיקן געדאַנק. אָבער דער אויבערפלעכלעכער אַפּיקורס זינדיקט דאָ אַנטקעגן די געזעצן פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, וועלכע איך האָב פריער באַרירט. ער וועט זיך דאַרפן אויסלערנען צו אַנטדעקן דעם מענטשן, און אַלץ, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן, אַפילו דאָרטן, וואו דעם מענטשנס שכל ווערט דורך די אומשטענדן געצוואונגען צו פאַטשן זיך אַליין אין פנים און אונטער־צובייגן זיך אונטער דער אייבער־הערשאַפט פון דעם חלום, פון דער האַרץ־בענקשאַפט. און ווען אַפילו קיין זאַך זאָל ניט אַרויסרופן קיין וואָרע־מען מיטגעפיל אין דער ברוסט פון דעם אַפּיקורס, — איינס וועט אַפילו אים מוזן אַנטציקן — די וואונדערבאַר שאַרפע לאָגיק פון די

גאונים, וואָס וועט אים אפשר דערמאָנען אָן דער וואונדערבאַר שאַרפער לאָגיק פון קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל". עס קאָן זיין, אַז דאָס וועט אין אים דערוועקן אַ געפיל פון רחמנות צו זיי, פאַר וואָס זיי האָבן נעבעך געמוזט אויסבּרענגען זייער שעצבּאַרע קראַפט אויף גיטין און כּתובות, אויף כּשר און טריפה און ניט אויף די פּראָבּלעמען פון מער־ווערט און קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע. אָבער שוין אַט דער רחמנות־געפיל וועט זיין אַ מענטשלעכער געפיל, און וואָס מער מענטש דער אַפּיקורס וועט זיין, אַלץ לייכטער וועט אים זיין אַריינצוטראַכטן זיך אין די אומשטענדן פון דער צייט און איינצוזען, אַז דעמאָלט האָבן די „שאלות" פון גיטין און כּתובות געמוזט צוציען צו זיך די גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט מיט ניט קיין קלענערער מאַגנעטישער קראַפט, איידער דאָס טוען איצטער די פּאַרוויקלטסטע פּראָבּלעמען פון דער מאָדערנער טעאָריע.

דער לעצטער פון די גאונים, סעדיה, איז אויך געווען דער ערשטער פון די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפן. די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע איז אַ גייסטיקער אַנטוויקלונגס־שטראָם, וואָס טראָגט זיך אין אַ גלייכער ליניע פון סעדיה דורך אבן־גבירול, יהודה הלוי, דעם רמב"ם, חסדאי קרשקש — איך רוף נאָר אָן די וויכטיקסטע נעמען, ביז דער קבלה — און פון דאָרטן צעשפּאָלט ער זיך אויף צווייען: איינער צו דעם פּאַנ־טעאיזם פון דעם בעל־שם, דעם באַגרינדער פון דער חסידות.

די אָפּשאַצונג פון דעם טייל פון אונדזער קולטור־אוצר האָט אויך שטאַרק געליטן פון דעם קאָסמאָפּאָליטישן ראַציאָנאַליזם, מיט זיין ניט קאָנען אַרויסרייסן זיך פון דער אייגענער סביבה און פון די באַדינגונגען, וואָס באַשטימען אונדזער איצטיקן דענקען, מיט זיין אומפעאיקייט אַריינ־צולעבן זיך אין דער גייסטיקער וועלט פון אַ פריערדיקער צייט. אין די לעצטע יאָרן זיינען אויפגעשטאַנען נייע פאַרקלענערער פון דער יידישער רעליגיע־פילאָסאָפיע, שוין ניט קיין קאָסמאָפּאָליטן, נאָר דווקא היפּער־נאַציאָנאַלע ציוניסטן. פאַר זיי, פאַר די איבער־ציוניסטן, איז די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע אין דער ערשטער ליניע אַ פּראָדוקט פון דעם גלות און — ווי קאָן דען פון גלות אַרויסקומען עפּעס רעכטס? ניט נאָר זיינען די רעזולטאַטן, צו וועלכע אונדזערע פילאָסאָפן זיינען געקומען פאַרהוי־קערט און ניט־ווערטיק, נאָר אויך די גייסטיקע קראַפט, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט, ווערט אָוועקגעשטעלט אויף אַ נידעריקער מדרגה; עס ווערט לגמרי אָפּגעלייקנט זייער אָריגינאַליטעט. דער גלות קאָן ניט באַשאַפן קיין אָריגינעלע ווערק, דעריבער זאָלן מיר דאָך וואָס גיכער אַרויס פון

אים; דעריבער זאָלן מיר דאָך זיך אָפּזעגענען מיט יעדן געדאַנק ווידער אָפּצופרישן די יידישע באַשאַפונגס־כּוחות ניט אין דער יידישער היים.

איך וויל גאַרניט לייקענען, אַז די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע איז געשטאַנען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון דעם גלות, פון וועלכן נאָר איין ספינאָזע האָט זיך געקאָנט אַרויסרייסן, דער רעליגיעזסטער און דער „יידישסטער" פון זיי אַלעמען. איך גיב אויך דורכויס צו, אַז דער גלות האָט אין זייער אַלעמענס געדאַנק אַריינגעלאָזן זיינע פאַר־גיפטעטע נעגל אַזוי, אַז ריזיקע גייסטער האָבן זיך געקרומט און גע־דרייט זיך אין אַ טראַגישן ראַנגלען זיך פאַר אַ וועלט־אַנשויאונג, וואָס זאָל ניט אונטערגראָבן די יסודות פון דעם יידישן זיין אויף דער וועלט.

איך האָב וועגן דער ראָלע פון דער יידישער רעליגיע־פילאָסאָפיע און דער קבלה אין דעם גייסטיקן קאַמף פון דעם יידישן פאָלק פאַר זיין עקסיסטענץ גערעדט אין אַן אַנדער אָרט — אין מיינע „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריעיסטוואַ", פון דעם יאָר 1887, און איך האָף אין גיכן נאָך אַ מאָל רעדן וועגן זיי באַריכות מיט דעם יידישן עולם. דאָ וויל איך נאָר איבערגעבן איינס פון די רעזולטאַטן, צו וועלכע איך בין געקומען אין דעם פונקט פון איר אָריגינאַליטעט.

די נעגל פון דעם גלות האָבן געוויס כּמעט ווי איבערגעריסן, על כּל פּנים שטאַרק צעוואונדעט, די פרייהייט פון דעם יידישן פאָרשנדן גייסט, אָבער ניט זיין אָריגינאַליטעט. שוין די צענטראַל־אויפגאַבע, וואָס די דענקער שטעלן זיך אַוועק אין זייער פאָרשן, דעם נאַציאָנאַלן ציל, דעם קיום הלאום, האָבן זיי ניט אַריבערגענומען און ניט געקאָנט אַריבערנעמען פון דער פרעמד, ווייל קיין פילאָסאָפישער געדאַנק, אַחוץ דעם יידישן, האָט ניט געהאַט און האָט ניט געקאָנט האָבן אַזאַ פּראָבלעם. און דער וואָס פאָרשטייט, וואָס עס באַדייט אַ צענטראַל־פונקט אין אַ וועלכן עס איז סיסטעם פון געדאַנקען, ווי אַזוי ער דאַרף ווירקן אויף אַלע זיינע טיילן, ווי אַזוי מען איז געצוואונגען אויסצוגעפינען נייע שייכותן צווישן געדאַנק און געדאַנק, כּדי אָפּצוּווענדן אַלע געפאַרן פון דעם „קיום הלאום", און כּדי אַלע ליניעס פון דעם סיסטעם זאָלן זיך צונויפלויפן אין איין שפּיץ, אין דעם משיח־גלויבן, וואָס איז געווען אַזוי נייטיק פאַר דעם יידישן פאָלק — ווער עס קאָן נאָר דאָס גוט נאָכנעמען, יענעם וועט ממילא ווערן קלאָר, אַז אַ געוואַלטיקע מאָסע פון אָריגינעלן דענקען, פון אור־אייגענער יידישער גייסט־קראַפט האָט געמוזט אַנגעווענדט ווערן, כּדי אַרויסצוברענגען די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע.

דער ציוניסט פאַלט דאָ אַריין אין דעם זעלבן פעלער, וואָס דאָס רוב קאָסמאָפּאָליטישע ראַציאָנאַליסטן. זיי זײַנען ניט בכּוח פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופן די פאָרמאַטיווע קראַפט פונעם דענקען, דעם געשטאַלטונגס־כּוח פון דעם דענקער, און דעם מאַטעריעלן אינהאַלט, די איינצלנע געדאַנקען, אויף וועלכע דער געשטאַלטונגס־כּוח באַווייזט זיין גבורה. און אויך פאַר זיי, הפּנים, איז וויכטיקער דער אינהאַלט, וואָס מוז זיך היסטאָריש בייטן פון דור צו דור, איידער די לפי־ערך אייביקע קראַפט, וואָס ברענגט אים אַרויס, אָדער וואָס באַאַרבעט אים, ווען ער ווערט אַריבערגענומען פון דער פרעמד.

וואָס באַווייזט מען דערמיט, יוען מען ווערט ניט איינגעמאַטערט איבערצוחזרן, אַז ביי יהודה הלוי געפינען מיר אַ סך עלעמענטן פון אַל־גאַזאַלי, אַז גבירול איז געווען אַ ניי־פּלאַטאָניקער, אַ גריכישע ריכטונג, וואָס איז אגב, אַרויסגערופן געוואָרן פון אַ גרויסן יידישן דענקער, פילאָן, אויף וועמען איך האָב היינט אין גאַנצן פאַרגעסן — וואָס באַווייזט עס, ווען מען געפינט אויס, אַז די יידישע דענקער האָבן אַריינגענומען אין זיך עלעמענטן פון יענער גייסטיקער אַטמאָספערע, פון וועלכער זיי האָבן געזויגן זייער פילאָסאָפישע יניקה? האָט מען ווען עס איז, וואו עס איז, געהאַט אַ דענקער, ווי גרויס און אָריגינעל ער זאָל ניט זיין, וואָס זאָל ניט האָבן געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון זיין גייסטיקער סביבה? געפינען מיר ניט ביי דעקאַרטן זיין ערגסטן פיינט, די סכאָלאַסטיק, און — דעם הייליקן אויגוסטין? האָט ניט ספּינאָזע אין זיך דעקאַרטן, און דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, און די יידישע דענקער? איז ניט אַפילו קאַנט ביז אַ גרויסן גראַד אַ פּראָדוקט פון לייבניץ, יום און זשאַן זשאַק רוסאָ?

מיט די אַלע איינצל־פאַרגלייכונגען — וואָס זיינען, אגב, זייער וויכטיק, כּדי צו דערקלערן דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דעם דענקער און די גייסטיקע סביבה, וואָס האָט געווירקט אויף אים — באַווייזט מען נאָך גאָרניט פאַר זיין אָריגינאַליטעט און פאַר זיין שאַפונגס־קראַפט. מען מוז קודם אָפּוועגן די פּראָפּאָרציע, אין וועלכע די פרעמדע געדאַנקען שטייען צו זיינע אייגענע, און אויך דאָס איז נאָך ווייניק. מען דאַרף זיך פרעגן: וואָס האָט דער יידישער דענקער געמאַכט פון די דאָזיקע געדאַנקען, ווי און צוליב וואָס נוצט ער זיי אויס? מען דאַרף פאַרגלייכן די סיסטעמען אין זייער גאַנצקייט און אויסגעפינען, צי דער יידישער סיסטעם איז אין תּוך אַריין ניט מער, ווי אַ קאָפּיע פון דעם ניט־יידישן, אָדער ער האָט אין זיך זיין אייגענע נשמה, זיין אייגענע פאַרבאָרגענע טענדענץ, וועלכע דער פרעמדער האָט גאָרניט געקאַנט האָבן אין זיך.

אַזאַ אײנעווייניקסטע אייגענע נשמה האָבן די יידישע דענקער געהאַט, יעדער לויט דער מאָס פון זיין אָריגינאַליטעט. און ווי האָט דאָס געקאָנט אַנדערש זיין! די געשטאַלטונגס־כּוחות פון אַ פאָלק גייען איבער בירושה פון דור צו דור. אויב די יידן האָבן געהאַט אור־אייגענע געשטאַלטונגס־כּוחות אין דער היים, האָבן זיי געמוזט מיטפירן זיי אויך אין גלות. געוויס! כּדי זיי זאָלן זיך קאָנען גאַנץ פריי אַנטוויקלען, דאַרף מען האָבן גינסטיקע באַדינגונגען צום גייסטיקן שאַפן, און אַ לפי ערך רואיקן עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַלן מעמד. אָבער וואו נאָר אַזאַ לפי ערך רואיקער, גינסטיקער מעמד האָט זיך באַוויזן, האָבן זיך די דאָזיקע כּוחות אַרויסגערופן לפועל: אין שפּאַניע די גבירול, הלוי און קרשקש, אין האָלאַנד אַקאָסטאַ און שפּינאָזע, אין דייטשלאַנד — היינע און בערנע און מאַרקס, און לאַסאַל, און הערמאַן קאָהען, און לאַזאַרוס און גייגער און... און... און...

מכּוח די יידישע געשטאַלטונגס־כּוחות וועלן מיר נאָך האָבן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, ווען מיר וועלן רעדן וועגן דעם ראַסן־ייד. דערווייל רעדן מיר וועגן דעם ווערט פון די פּראָדוקטן, וואָס די יידישע כּוחות האָבן אַרויסגעבראַכט. מיר פליען ווי אין אַן עראָפּלאַן איבער דאָס גרויסע געביט פון דער אַלטער יידישער קולטור, פון וועלכער מיר קאָנען זען נאָר גאָר די וויכטיקסטע פלעצער. און וועגן יעדן פון זיי מאַכן מיר אין איילעניש קורצע באַמערקונגען, בעת מיר פליען פאַרביי.

מיר פליען איצטער אַריבער צו דער יידישער פּאָעזיע, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין דער זעלביקער צייט ווי די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפיע. שוין דער פאַקט אַליין, אַז די צוויי גרעסטע יידישע דענקער פון יענער צייט — גבירול און הלוי — זיינען אויך די צוויי גרעסטע פּאָעטן פון דעם שפּאַניש־אַראַבישן פּעריאָד, לאָזט אונדז דענקען, אַז די יידישע פּאָעזיע איז ניט נאָר אַן אויסדרוק פון דעם יידישן זין פאַר שיינקייט, נאָר אויך אַ קלאָרער שפּיגל, אין וועלכן דער גאַנצער „ייד־מענטש" שפּיגלט זיך אָפּ. אין דער אמתן איז ער דאָרטן אויסגעדריקט אין זיין גאַנצער פּראַכט. ער נייטיקט זיך ניט אין פּירושים. דאָ, אין דער פּאָעזיע, דאַרפן מיר דעם מענטשלעכן קערן ניט אַרויסשיילן פון מעטאַפיזישע, רעליגיעזע, יורידישע שאָלעכצן, וואָס האָבן אים אַרומגעוויקלט אין דעם תּלמוד, ביי די גאונים און ביי די רעליגיע־פילאָסאָפן. די יידישע פּאָעזיע איז ליריק — אַ לשון, וואָס גייט דירעקט פונעם האַרצן אין האַרץ אַריין. דאָס איז פּערזענלעכע ליריק אַפילו דעמאָלט, ווען זי רעדט אין דעם נאָמען פון דעם פאָלק. קודם כּל, ריין מענטש־

לעכע, רעליגיעזע ליריק, וואָס דריקט אויס דעם זיפץ פון דער נשמה, ווייל איר איז ענג געוואָרן אין די גרענעצן פון דעם דעמאָלטיקן גזעל־שאַפטלעכן זיין און זי בענקט נאָך אַ העכערער וועלט, איידער אונדזער זינדיקע ערד.

איך ווייס ניט, עס קאָן זיין, אַז דאָס וועלטלעכע זיין פון דעם מענטשן אויף דער ערד, ווען עס וועט מקוים ווערן דער טרוים פון די נביאים וועגן דער נייער ערד און די נייע הימלען, וועט אַ מאָל ווערן אַזוי רייך, אַז די „נייע ערד" וועט שטילן אַלע בענקשאַפטן פון דעם מענטשנס נשמה און די נייע הימלען וועלן נאָר צוליב דעם זיין אויף דער וועלט, כדי זייער אומענדלעכער בלוי זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין דעם קלאָרן, פריידיקן מענטשלעכן אויג. עס קאָן זיין, אַז די מענטשן וועלן זיך דע־מאָלט אויסלערנען צו פילן און געניסן אומענדלעכקייט אין די ענדלעכע גרענעצן פון זייער זיין אויף דער ערד און זיך לגמרי אָנזעטיקן מיט איר דאָ. דעמאָלט וועט די בענקשאַפט נאָך אַן איבערוועלטלעכער אומ־ענדלעכקייט אין גאַנצן פאַרשווינדן.

אָבער — ווען וועט דאָס זיין? אויב נאָך איצטער, אין אונדזער געבענטשטער און הויך־געלויבטער צייט, ווען אונדזער מאַכט איבער דער נאַטור גייט טאָג־טעגלעך פאָרויס מיט אַזאַ שטאָלצן און זיכערן גאַנג; ווען אונדזערע גייסטיקע האָריזאָנטן האָבן זיך פונאַנדערגערוקט אַזוי ווייט; ווען די העכסטע אידעאַלן, פון וועלכע נאָר די זעלטן־אײדלסטע מענטשן האָבן אַ מאָל געהאַט דעם מוט צו טרוימען, דרינגען מיט אַן אימפּעט אַריין אין די מאַסן; אויב נאָך אין אונדזער צייט, זאָג איך, וואָס איז אַזוי רייך אין אַזוי פיל פריידיקע, פּראָגרעסיווע, „ווען'ס", גייט פונ־דעסטוועגן אויס די נשמה נאָך אַ ניט צו שטילנדן דורשט צו אומ־ענדלעכקייט, וועלכע מיר קאָנען ניט געפינען דאָ, היינט — ווי שטאַרק האָט געמוזט זיין דער דאָזיקער דורשט אין דעם מיטלאַלטער, וואו דאָס לעבן און דער געדאַנק זיינען געווען פאַרענגט און אַרומגעצירקלט פון אַלע זייטן! די רעליגיעזע בענקשאַפט נאָך איבער־נאַטירלעכע אומענדלעכע הימלען האָט זיך ביי דעם יידן אויסגעלעבט אין זיין רעליגיעזער ליריק.

נאָך אַ סך שטאַרקער, איידער די רעליגיעזע ליריק, קלינגט אין דער יידישער פּאָעזיע די נאַציאָנאַלע: די שווידערלעכע קלאָג איבער דעם מצב אין גלות, די גליענדע ליידנשאַפט צו אַ פרייען זעלבסטשטענדיקן לעבן, די צערטלעכע קינדער־ליבע צו דער אַלטער היים אין ציון, דער טיפער גלויבן אין דער נאָענטער באַפרייאונג. און אין די אַלע קלאַנגען מישן זיך נאָך אַריין טענער פון ריין אינדיווידועלער ליריק, דער קומער

פון איינזאַמקייט און דער לעבנס־צער, דאָס יובלדיקע אויפשאַלן פון לעבנס־פרייד און ליבעס־גליק.

פון אויבן, פון דעם עראָפּלאַן, קאָן מען ניט זען די פאַרעם־שיינקייט און פאַרבן־פּראַכט פון יעדער איינצלנער בלום. אָבער מיר פליען פאַרביי אַן אומענדלעכן רייכן, אַן אומענדלעך גרויסן פּאָעזיע־גאָרטן און מיר זעען, אַז די בלוט־רויטע, מתים־ווייסע און שוואַרץ־בלויע בלומען באַדעקן דעם גרעסטן טייל שטח, און מיר ווייסן, אַז די טוי־טראָפּנס, וואָס אין זיי, זיינען אמתע מענטשלעכע טרערן.

נאָך די פּאָעטן און פילאָסאָפן קומען די קאַבאַליסטן, די „מקובלים״. אַ משונהדיקע וועלט עפנט זיך פונאַנדער פאַר אונדז. אַ פאַרכּשופטער וואַלד. ביינאַכט זעט מען גאָרניט. ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סטעפּ פון שמוציקע, ברוינע, פאַרוויאַלעטע גראָז. אָבער ווען דער אָוונט־טוי פאַלט אַראָפּ אויף דעם סטעפּ, ווען די לבנה באַגיסט די וועלט מיט אירע בלויע שטראַלן, דעמאָלט גלייכט זיך אויס דאָס גראָז, ווערט גרין און פייכט, און הייבט זיך אָן שנעל־שנעל פונאַנדערצוּוואַקסן צו ריזיקע ביימער, וואָס שטרעקן פונאַנדער אַלץ ווייטער און ווייטער זייערע משונה־דיקע צווייגן אין דעם פלוצלונג געל און גרין געוואָרענעם שיין, וואָס פאַרבלענדט דאָס אויג... אַ פאַנטאַסטישע וועלט, פול מיט מיסטישע שיינקייט!

און איז דען שווער אויך דאָ צו דערבליקן דעם מענטשן? דעם מענטשן און דעם יידן?

דער מענטש פון דער קבלה בענקט נאָך דעם „אין־סוף״, נאָך דעם אומענדלעכן ליכט־קוואַל, פון וועלכן עס שלאָגט, ווי פון אַ פאָנטאַן, דאָס וועלטלעכע געשעען. אָבער ער בענקט נאָך אים ניט ווי נאָך אַ דרויסנ־דיקן ציל, צו וועלכן ער דאַרף דערפליען. ער וויל שפּירן אין זיך, אַז ער איז אַ פונק פון יענעם ליכט־קוואַל, וואָס לעבט אייביק אין דער וועלט, און אַז מיט אים, דעם „ניצוץ״, קאָן קיין מאָל ניט געשען קיין בייז, וואָס אים זאָל ניט טרעפן אין זיין אייביקן לעבן — ליידן, פאַר־וואָגלונג אָדער אפילו דער טויט.

און דער ייד אין דעם מענטשן בענקט אין דער קבלה נאָך אַזאַ וועלט, וואו עס זאָלן ניט זיין קיין אוממעגלעכקייטן; וואו די אייזערנע קייטן פון גלות זאָלן פלוצלונג קאָנען צעגיין, ווי וואַקס; וואו דער יידישער משיח זאָל זיין ניט נאָר אַ שיינע, פּאָעטישע צויבער־לעגענדע, נאָר אַ רעאַלע ווירקלעכע קראַפט, וועלכן מען קאָן קינסטלעך דערוועקן און דערנענ־טערן איר באַפרייענדיקע טאַט.

מיר האלטן שוין ביי דעם סוף פון דער אלטער ידישער קולטור־וועלט. דער נעקסטער עטאפ איז די חסידות — א וועלט, אין וועלכער דער מאדערנער פארשער־געדאנק האט ערשט ניט לאנג געגומען אריינ־דרינגען. און וואס מער מען דרינגט אריין, אלץ נייע וועלטן פון מענטש־לעכער שיינקייט אנטפלעקן זיך דארטן. פון זייער עטישן אין פאעטישן ווערט קאן מען האבן א השגה שוין פון פרצס חסידישע מעשהלעך. זייער רעליגיעזע, פילאסאפישע און נאציאנאלע באדייטונג ווארט נאך אויף א פארשטענדיקן פארשער.

אבער אונדזער קולטור־וועלט ענדיקט זיך נאך ניט מיט דער אל־טער, רעליגיעזער וועלט. דאס ניינצנטע און צוואנציקסטע יארהונדערט, די צייטן פון דער ידישער היסטארישער פארשונג, פון דער העברעאישער השכלה ליטעראטור, פון דעם ציוניזם און דעם ידישן סאציאליזם האבן אויפגעבויט נייע גייסטיקע בנינים, וואס האבן אן אומגעהויערן ווערט פאר דער מענטשלעכער אנטוויקלונג פון דעם ידישן פאלק.

איך ווייס גאנץ גוט, אז דער גאנצער פעריאד פון דעם גייסטיקן שאפן פון דעם ניינצנטן יארהונדערט ביז צו דעם ציוניזם האט ניט גע־קאנט ארויסברענגען אזעלכע גאונים, ווי די אלטע קולטור, ווייל דאס איז אויך געווען די צייט פון דער אסימילאציע, וואס האט אפגעצאפט פון אונדז אונדזערע בעסטע זאפטן, און אריינגעגאסן זיי אין די אדערן פון די ארומיקע פעלקער. די וואונדן אין די אדערן, וועלכע די אסימילאציע האט געעפנט, זיינען נאך ניט אלע פארהיילט, די עפענונגען ניט אלע גע־שלאסן. נאך איצטער רינט פון זיי ארויס דער קאסטבארסטער לעבנס־זאפט פון אונדזער פאלק, דאס גייסטיקע שאפן פון זיינע קינדער. אבער א דאנק דעם ציוניזם און דער נאציאנאל־פראגרעסיווער באוועגונג בכלל, הייבט אן דער ידישער גייסט ווידער קומען צוריק צו זיך, און שוין שטראלן נייע שטערן אויף אונדזער הימל, פון וועלכער יעדער לייכט מיט אן אייגענעם, רייכן גלאנץ. משה העס, טעאדאר הערצל און נארדוי, אחד העם און ד״ר בירנבוים, זשאבאטינסקי און ראטנער, און ביאליק און טשערניכאווסקי, און עס דרענגען זיך נעמען אויפן צונג כמעט אן א צאל, נעמען פון מענטשן מיט אן אייגענער פיזיאגאמיע און א באדייטנדן טא־לאנט, וואס שפינען ווייטער דעם פאדעם פון דער אפגעפרישטער ידישער קולטור.

און עס ווערט געבוירן די נייע ידישע ליטעראטור, מיט א גרויסער צאל נעמען און טאלאנטן, וואס האבן ארויסגעבראכט באדייטנדע רייך־מענטשלעכע ווערטן — א נייער קוואל פון לעבנס־קראפט פאר אונדזער

פאָלק, אַ נײַ פעלד פאַר זײַן קולטורעלן שאַפן. די נעמען פון אירע אײנצלנע טוערס װעל איך אין גאַנצן אַרױסלאָזן, װײַל זײ דאַרפן איך אַלעמען זײַן באַקאַנט.

איר זעט: דער מענטש אין דעם יידן האָט זיך ניט װאָס צו שעמען מיט דער גאַנצער קולטור־אַרבעט פון זײַן פאָלק. און אױב ער שעמט זיך מיט איר, אָדער ער האָט גאָר קײן אַנונג ניט פון איר עקסיסטענץ און איר מהות, איז דאָס נאָך ניט קײן סימן פון זײַן גרעסערער מענטש־לעכקײט. אַז איר װעט טרעפן אַ דײַטש אָדער אַן ענגלענדער, װאָס װעט זיך פאַר אײַך באַרימען, אַז ער װײס לחלוטין גאָרניט װעגן דער גײַסטיקער פאַרגאַנגענהײט פון זײַן פאָלק און אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, װעט איר אים געװיס ניט האַלטן פאַר אַ העכער שטײענדן מענטשן. איר װעט פשוט זאָגן: ס׳איז אַן עם־הארץ. ער װעט װערן געבילדעטער, װעט ער װערן מער מענטש, װעט ער װערן מער ענגלענדער אָדער דײַטש אין דעם פונקט פון ליבע צו דעם אײגענעם קולטורעלן אוצר. זײַט זיכער: איר קאָנט מיט דעם זעלביקן רעכט אָנװענדן אײַער אורטײל אױך אױף דעם יידישן מענטשן. װאָס מער מענטש ער װעט װערן, װאָס מער ער װעט זיך נעמען אינטערעסירן מיט דעם, װאָס איז אים נוגע מער אײדער אַלעמען, מיט דער אַנטװיקלונג פון זײַן אײגענע קולטור, און װאָס טיפער ער װעט אַרײַנדרינגען אין איר, אַלץ מער װעט זי אים װערן טײַער און ליב.

על כּל פּנים, אײן זאַך איז קלאָר, אַז װײַניקסטנס, בײַ די אומות העולם איז די ליבע צו דעם אײגענעם קולטור־אוצר קײן מאָל ניט קײן סתירה צו דער מענטשלעכקײט. אַדרבה, װאָס מער מענטש אײנער איז, אַלץ שטאַרקער איז אין אים די איבערגעגעבנקײט צו די אײגענע קולטור־רעלע רײַכקײטן. עס איז דעריבער בײַ מיר גאָר קײן ברעקל ספק ניט, אַז װען מיר װעלן אױפּעפּענען פאַר אונדזער פאָלק אַלע אוצרות, װאָס ליגן איצטער פאַרשלאָסן אין אונדזער גײַסטיקן עבר; װען מיר װעלן צופירן צום פאָלק די אַלע הלוים, גבירולס, אַלחריזיס און לוצאַטאָס, װאָס זײַנען אים איצטער נאָך אַזױ פרעמד, װעט אױך דער ייד אױפהערן צו זײַן אַ יוצא־מן־הכּלל און אױך אין דעם פּרט פון דעם קולטור־אוצר װעט װערן ריכטיק דער שפּרוך, אַז װאָס געבילדעטער ער װעט זײַן, װאָס מער מענטש ער װעט זײַן, אַלץ מער ייד װעט ער זײַן.

לאָזט מיך דאָ באַרירן נאָך אַ פונקט װעגן דעם נאַציאָנאַלן יידן, כּדי צו פאַרענטפערן יענע גרױסע עװלה אונדזערע, װאָס מיר, יידן, װילן „מאַכן שבת פאַר זיך״ און „אָפּזונדערן זיך פון דער מענטשהײט״. אַ מענטש,

קאַטאָרי וועלכער איז אַן אמתער מענטש — זאָגט דער קאָסמאָפּאָליט — טאָר ניט טראַכטן וועגן דעם אייגענעם פאָלק. ער דאַרף נאָר טראַכטן וועגן דער גאַנצער מענטשהייט.

אַזוי גאָר? אמתע מענטשן טראַכטן ניט וועגן זייער פאָלק? גאַריבאַלדי האָט געשטריטן ניט פאַר די איטאַליענישע פרייהייט, נאָר פאַר די פריי־הייט פון די פידזשיאַנער? מיכאַילאָווסקי, פּליעכאַנאָוו און לאַווראָוו האָבן געפּרעדיקט סאָציאַליזם ניט פאַר דעם רוסישן פאָלק, נאָר פאַר די באָטאָקודן?

שטעלט זיך אין דער אמתן פאַר, אַז אונדזערע „אמתע" מענטשן וואָלטן געבאַלעבאַטעוועט אין דער געשיכטע פון גאַריבאַלדיס צייטן אָן. ווי וואָלטן זיי דאָס אַרויפגעפאַלן אויף יענעם העלד, ווי וואָלטן זיי דאָס דערנומען זיינע יאָרן פאַר זיין ווערלן „אָפּזונדערן זיך פון דער מענטשהייט", פאַר זיין ווערלן „מאַכן שבת פאַר זיך"! גאַריבאַלדי — וואָלטן זיי גע־פּילדערט — אַ קלאָג צו דיינע טעג! וואָס הייסט עס מאַכן אַ רעוואָלוציע נאָר פאַר איטאַליענער? און וואו זיינען די איבעריקע מענטשן, וואָס שמאַכטן אונטער דער עסטרייכישער ווילד־הערשאַפט? קאָנט איר ניט וואַרטן, ביז זיי אַלע וועלן זיך אַ הייב טאָן מיט אַ מאָל און אַראָפּ־טרייסלען פון זיך דעם דעספּאָטישן יאָך? און פאַר וואָס עפּעס וואַרטן נאָר אויף די פּוילן און די רומענען? און וואו זיינען די רוסן אין רוסלאַנד און די כינעזער אין כינע און — און — און — די ווערדאַס אויף דעם אינדזל ציילאָן — זיינען זיי גאָר קיין מענטשן ניט?

און מיט דער זעלביקער לאָגיק קאָנען די „אמתע מענטשן" אויך פון היינטיקער צייט אַרויסטרעטן אַנטקעגן אַלע רעוואָלוציאָנערע פירער פון דער אייראָפּעאישער קולטור.

זיי קאָנען אויך איצטער נאָך טענהן: אָט זעט, די ווערדאַס לויפן נאָך אום אַן הויזן, און די בושמענער אין אַפריקע, ווייסן נאָך ניט, וואָס אַן אַלף־בית איז, און זיי, די צעלאָזענע „נאַציאָנאַליסטן", די גאַריבאַלדיס, די מאַרקס און לאַסאַלס, די מיכאַילאָווסקיס און פּליעכאַנאָווס קעמפן גאָר פאַר אַ שטיקל פרייהייט פאַר אַ פּיצעלע מענטשהייט, שטרייטן גאָר פאַר אַ סאָציאַליזם אין אַ קליינינקן קאָנטינענטעלע, וואָס רופט זיך אייראָפּע. וואַרט, שקצים, ביז די ווערדאַס וועלן אָנטאָן הויזן, ביז די בושמענער וועלן זיך אויסלערנען לייענען קאַרל מאַרקס' „מאַניפעסט"; וואַרט ביז אַלע מענטשן וועלן אייך אָניאָגן, ביז פון אַלע מענטשן וועט ווערן איין מענטש, און פון אַלעביימער איין בוים, און פון אַלע העק איין האַק, און פון אַלע טייכן איין טייך! אָט דעמאָלט וועט קומען

דער גרויסער מענטש מיט דער גרויסער האַק צו דעם גרויסן בוים און וועט איבו אראָפּשליידערן אין דעם גרויסן טייך! אַט דעמאָלט וועלן מיר ערשט האָבן דעם ריכטיקן „פּליאַך״!״

דער פעלער, אין וועלכן דאָ פאַלט אַריין דער ראַדיקאַלער יידישער קאָסמאָפּאָליט, באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זייער אַ פאַלשן באַגריף וועגן דעם מהות מענטשהייט. די מענטשהייט איז, ווי איך האָב שוין ניט איין מאָל באַמערקט, ניט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ליגן ערגעץ וואו דרויסן פון די פעלקער, און אין וועלכער מען קאָן אַריינשפּרינגען, ווען מען פאַרלאָזט דאָס אייגענע פאָלק. מענטשהייט איז, קודם כל מענטש־לעכקייט, אַ זאַך, וואָס ליגט אינעווייניק אין יעדן פאָלק און וואָס יעדער פאָלק דאַרף אָפּהיטן מיט אַלע זיינע כּוחות. אָבער מענטשלעכקייט איז פּראָגרעס, אַ שטרעבן צו פאַרווירקלעכן אין דער אייגענער קולטור אַלץ מער אמת, יושר, חן און מענטשלעכע חשיבות, און אַט די פליכטן פון דעם פּראָגרעס פאַרווערן יעדן פאָלק, אָפּצושטעלן זיך, זאָל זיין אויף אַ ווײַלע אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און וואַרטן, ביז די אַנדערע פעלקער וועלן עס אַניאָגן. ובפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַפרייאונג פון אַ פרעמדן יאָך, ווי דאָס איז ביי די איטאַליענער אין די צייטן פון גאַריבאַלדי, ווי דאָס איז איצטער ביי די פּוילן, רוטענער, פינלענ־דער און די יידן פון די היינטיקע טעג.

מענטשלעכקייט איז פרייהייט, אַ שטרעבן דורכצופירן דעם איי־גענעם ווילן און פאַרשטאַנד אין אַלע יענע צווייגן פון דער קולטור, וואו קיין אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל קאָן ניט דיקטירן קיין איינהייט־לעכן מאַרשרוט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. כּדי דאָס דורכצופירן, מוז מען זיין דער באַלעבאָס אויף דעם אייגענעם געשיכטלעכן גורל און דערצו איז נייטיק אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע אין דעם קולטורעלן לעבן פונעם פאָלק און אָפט מאָל אויך אַ פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, אויב אויף אַן אַנדער אופן קאָן מען ניט מעגלעך מאַכן אָדער זיכער שטעלן די פרייע אַנטוויקלונג פון דעם פאָלקס קולטורעלע כּוחות.

דאָס איז ניט קיין אָפּזונדערונג פון דער מענטשהייט. דאָס איז די פאַרווירקלעכונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס האָט ניט קיין אַנדערע דורכפירער, סיידן די איינצלנע פעלקער. געוויס זאָלן די פעלקער זיין סאָלידאַריש איינע מיט די אַנדערע. געוויס מוזן אויפהערן די מלחמות און די רייסעניש צווישן זיי. געוויס מוזן זיי זען צו העלפן איינער דעם אַנדערן אין זייער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, אַז זיי אַלע זאָלן ווערן ווי ברידער אין איין איינציקער משפּחה. אָבער די הילף,

וואָס אַ פאָלק קאָן ברענגען אַ פאָלק, די סאָלידאַריטעט, וואָס קאָן זיי צונויפבינדן אין איינעם, די פעלקער־פאַרברידערונג צו איין מענטשלע־כער משפחה, קאָן נאָר דעמאָלט זיין אַ מענטשלעכע הילף און אַ מענטש־לעכע סאָלידאַריטעט, ווען זי איז געבויט אויף דעם גרונטזאַץ פון אַלע־מענס פרייהייט און אַלעמענס גלייכבאַרעכטיקונג. ווען די רוסן צווינגען די פוילן, די פינלענדער און אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, צו זיין סאָלידאַריש מיט זיי אין דער פּאָליטיק, אין דער שפּראַך, אין דער רעליגיע און אין דער קולטור, איז דאָס ניט קיין סאָ־לידאַריטעט, נאָר פשוטע פאַרשקלאַפונג. ווען די אַמעריקאַנער, דורך יע־נעם אומגעהויערן איבערוואָג, וואָס זיי האָבן באַשאַפן פאַר זייער שפּראַך און קולטור, צווינגען אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיי זאָלן זיך „אַמעריקאַניזירן" מיט זיי, איז דאָס ניט קיין מענטש־לעכע סאָלידאַריטעט, ניט קיין פריי־ווילליקע פעלקער־פאַרברידערונג, נאָר אַ פאַרמאַסקירטע שקלאַפעריי, אַקוראַט אַזוי ווי אין רוסלאַנד — אַ שקלאַ־פעריי, וואָס הערט ניט אויף צו זיין דאָס וואָס זי איז, ווען אפילו זי טרייבט צו אַמעריקאַניזאַציע אויף אַן איידעלערן אופן, איידער אין רוס־לאַנד: ניט מיט דער פּאָליטישער בייטש פון דעם קאָזאַק, נאָר מיט דער הונגער־בייטש און די פעטע „דזשאָבס", וואָס מיט זיי קויפט מען אונ־טער די נשמה פון דעם פרעמדן פאָלק.

דער קולטורעלער איבערוואָג פון איין פאָלק איבער דעם אַנדערן אין אַ וועלכן עס איז לאַנד — אַן איבערוואָג, וואָס ווערט געשטיצט דורך דער גאַנצער מאַשינעריי פון דעם מעכטיקן הערשנדן שטאַט, איז אַ פּאַטש אין פנים יעדן צווישן־פעלקערלעכן יושר, וואָס פאַרלאַנגט, אַלע זאָלן האָבן גלייכע שאַנסן פאַר אַ פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, די זעלביקע מעגלעכקייטן פאַר דעם פונאַנדערבליען פון זייערע שפּראַכן און קולטורן. און וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ העכער רעדט אין אים דער געפיל פון יושר, אַלץ ברענענדיקער פילט ער די עוולה פון דער נאַציאָנאַלער אויבערהערשאַפט; אַלץ טיפער איז ער דורכ־געדרונגען מיט דעם אידעאַל פון גלייכע רעכט און גלייכע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פאַר יעדן פאָלק.

קאָן מען אָבער באמת האָפן, אַז דאָס הערשנדע פאָלק זאָל פון זיך אַליין זיך אָפּזאָגן פון זיין פריווילעגירטער שטעלונג, אַז די הערשער זאָלן אַליין נעמען דורכפירן אין לעבן דעם אידעאַל פון צווישן־פעל־קערלעכן יושר און אמתער פעלקער־פאַרברידערונג? גאַנץ זיכער ניט! אויב די פעלקער וועלן ניט קעמפן פאַר זייערע כשרע מענטשלעכע רעכט,

וועט קיינעם ניט אָרן פאַר זיי, אויב זיי וועלן ניט מאַכן שבת פאַר זיך, וועלן זיי אייביק מוזן זיצן ווי בעטלער ביי אַ פרעמדן טיש. און אויף וואָס פאַר אַ העכערער שטופע פון מענטשלעכקייט זיי וועלן זיך געפינען, וואָס העלער עס וועט ברענען אין זייער האַרץ דער אידעאַל פון פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט און קולטורעלער פּראָגרעס, אַלץ טרייער וועלן זיי זיין צו די אינטערעסן פון זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן.

אויב עס איז פאַר יעדן פאָלק אַ חוב אָפּצוהיטן די אייגענע זעלבסט־שטענדיקייט אָדער שטרעבן צו איר דאַרטן, וואו מען האָט זיך נאָך ניט דערגרייכט, איז דאָס פאַר אונדז, יידן, אַ טאָפּלטער חוב. זאָל איך אייך אויסמאָלן די לאַגע, אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך? זאָל איך אייך שילדערן יענעם קולטור־חורבן, וואָס דאָס יידישע פאָלק לעבט איצטער דורך אַ דאַנק דעם, וואָס די געבילדעטע קלאַסן זיינען אַנט־לאָפן פון אונדז? זאָל איך דערמאָנען אָן דער מאָראַלישער צעפּוילטקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם לעבן פון די יידישע מאַסן פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר — אַ מאָראַלישע צעפּוילטקייט, וואָס איז אַ נויטווענדיקער פּראָדוקט פון זיין אוממעגלעכער עקאָנאָמישער און יורי־דישער לאַגע אין די היים־לענדער און פון זיין קולטור־חורבן אומעטום? דאָס זיינען אַלץ צו באַקאַנטע פאַקטן, מען זאָל זיך דאַרפן באריכות אָפּשטעלן אויף זיי. אָבער זאָגט: ווער זאָל דאָס אָרן, אויב ניט אונדז אַליין? ווער זאָל טראַכטן וועגן געזינטערע און בכבודיקערע מענטשלעכע פּרנסות פאַר דעם יידן, אויב ניט דער ייד? ווער זאָל זאָרגן פאַר די גייסטיקע און מאָראַלישע אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן, אויב ניט די אייגענע אינטעליגענץ, וואָס האָט באַדאַרפט איר גאַנצע ענערגיע אָוועקגעבן אין דעם דינסט פון דעם פאָלק — אַזוי אָרעם איז דאָס פאָלק און אַזוי נויטבאַדערפטיק איז עס אין אינטעליגענטער הילף!

אָדער זאָל איך אפשר אַ ריד טאָן אונדזער נאַציאָנאַלע לאַגע, די שטע־לונג פון אַלע אַנדערע פעלקער צו אונדז, ווי אַ פאָלק, די חשיבות און דעם רעספּעקט, וואָס מיר האָבן פון זיי? אַך, דאָס האַרץ ווערט באַגאָסן מיט בלוט, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם יידישן גורל צווישן די ניט־יידישע פעלקער, ווען מען דערמאָנט זיך אָן דער טיפער שמאָך און שאַנד, אין וועלכער עס איז אַריינגעוואָרפן אונדזער נאָמען. אפילו ווען מיר וואָלטן געווען ניט מער ווערט איידער די בולגאַרן, די סערבן, די טאַטערן, אָדער די הונדערטער אַנדערע מענטשלעכע פעלקער, וואָס ווי מיט זיי, אַזוי אָן זיי, אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָלטן מיר אויך ניט געטאָרט לאָזן זיך טרעטן מיט די פיס, אויך ניט געטאָרט, אָן אַ

צאַרנדיקן פראָטעסט, אַריבערטראָגן די טויזנטער באַליידיקונגען פון אונ־דזער כבוד, וואָס שיטן זיך טאָג־טעגלעך אויף אונדז. ובפרט, אַז מיר האָבן אַ רעכט שטאָלץ אויפצוהייבן אונדזער קאָפּ, אין דעם באַוואוסטזיין פון אייגענער חשיבות, פון דעם אייגענעם ווערט פאַר דער באַשאַפונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור! אונטער אַזעלכע אומשטענדן זיינען די באַליידיקונגען, וואָס מיר, יידן, טראָגן אַריבער — טאָפּלטע באַליידיקונ־גען, און אונדזער שווייגן און דולדן איז אַ טאָפּלטע שמאָך און שאַנד פאַר אונדז.

און דאָ קומט דער עטישער בטלן, דער יידישער „סתם־מענטש", וואָס — שפּיי אים אין פּנים, ווישט ער זיך רואיק אָפּ און טרייסט זיך מיט דעם, אַז איבערמאָרגן וועלן אַלע פעלקער פאַרשווינדן, און וויל זיין בטלנישע, ניט־ווערטיקע פּסיכאָלאָגיע אַרויפצווינגען אויך אויף אונדז. אויך אונדז איינשמועסן, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, אַלץ ווייניקער ייד איז ער, ד״ה, אַלץ ווייניקער דאַרף ער זיך נעמען צום האַרצן דעם שפּיי, וואָס ער קריגט אין פּנים, די צעבערס מיט שמוציקע זלזולים, וואָס ווערן אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ. און אַלץ ווייניקער איז באַרעכטיקט זיין יאוש און צער, וואָס ער קאָן ניט באַשיצן, ווי אַ מענטש, זיין אייגענעם כבוד.

וואָלטן מיר, יידן, באמת געווען מענטשן, ווי מענטשן דאַרפן זיין, וואָלט אין אונדזער ברוסט באמת געברענט דער פונק פון מענטשלעכע חשיבות און שטאָלץ, דעמאָלט וואָלטן מיר אַ מינוט ניט געקאָנט פאַר־בלייבן אין די גלות־לענדער; מיר וואָלטן געפלויגן, וואו פעפער וואַקסט, אין ים זיך געוואָרפן, דאָס לעבן זיך גענומען, נאָר ניט צו אָטעמען אין יענער אַטמאָספערע, וואָס איז אַזוי אָנגעזאָפּט מיט האַס און פאַראַכטונג צו אונדז. אָבער אונדזערע מאַסן זיינען נאָך צו דערשלאָגן. דער מענטש אין זיי זאָל קאָנען אויפהייבן דעם קאָפּ, פאָדערן זיין מענטשלעך רעכט און פאַרטיידיקן זיין מענטשלעכע חשיבות. און ביי דאָס רוב פון אונדזערע געבילדעטע לעבט נאָך צו שטאַרק דער „פּיך בצורת מענטש", וואָס קאָן זיך אויפהייבן ניט מער ווי צו וויסטער גאווה, צו אויפגעבלאָזענער גדלות, וואָס שמעלצט פון נחת, ווען ער קאָן זיך אַריינשטופּן צווישן די ניט־יידן, און די אַרומיקע ווערט מאַכט זיך, אַז זי דערקענט אים ניט און וואַרפט אים צו, ווי אַ הונט אַ ביין, אַ ביסל כבוד און רעספּעקט. און ביי אַ טייל פון אונדז בליט נאָך אין זיין גאַנצער פּראַכט דער „בטלן בצורת סתם־מענטש", וואָס ווערט ניט מיד, צו ווישן דעם שפּיי פון דעם פּנים, און צו טרייסטן זיך און אונדז, אַז איבערמאָרגן בלי־ספק קומט די סאָציאַלע רעוואָלוציע. און נאָר לפי ערך אַ קליינער טייל גייט

אום מיט אַן אייביקער וואונד אין דער ברוסט, דער יידישער וואונד פון אונדזערע טעג, דעם ברענענדן שמאַרץ פון דעם באַליידיקטן כבוד און דער ניט אָפּגעוואָשענער שמאַך, און זיי — אַט די פון דעם קליינינקן טייל — קריצן די ציין אין זייער אָנמאַכט און בייסן זיך די ליפּן ביז צו בלוט.

אָבער אויך דער מצב וועט געדויערן ניט לאַנג. דאָס יידישע פאָלק ווערט מער מענטש, און וואָס מער מענטש מיר ווערן אַלץ מער גלייכט זיך אויס אונדזער איינגעבויגענער רוקן, אַלץ מער יידן ווערן מיר, אַלץ גרעסער און פעסטער און מוטיקער ווערט די אַרמיי, וואָס גייט עראָבערן די יידישע ערד.

וואָס מער מענטש אַ ייד איז, אַלץ מער נאַציאָנאַלער ייד איז ער!

מיר בלייבט נאָך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם רעליגיעזן ייד און דעם ראַסן־ייד.

מיט דעם רעליגיעזן ייד קאָנען מיר פאַרטיק ווערן אין איינס און צוויי, ניט ווייל דער ענין איז אַ פּשוטער און קלאָרער. אדרבה, ער איז זייער פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט, נאָר ווייל די פראַגע פון „ייד און מענטש״ איז דאָ ניט קיין ספּעציפיש יידישע, נאָר איבערהויפּט אַ פראַגע פון מענטש און זיין שטעלונג צו רעליגיע.

גלייבט איר, אַז וואָס מער מענטש איינער איז, וואָס מער ער איז דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלן פון אמת, יושר, שיינקייט און חשיבות, אַלץ ווייניקער נייטיקט ער זיך אין אַ רעליגיעזן גלויבן, איז דעמאָלט גאַנץ געוויס „וואָס מער מענטש, אַלץ ווייניקער ייד״, אָבער אויך: אַלץ ווייניקער קריסט און אַלץ ווייניקער מאַכמעדאַנער, ווייל די יידישע רע־ליגיע שטייט אין קיין פּרט ניט נידעריקער פון אַלע אַנדערע רעליגיעס פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. אין זייערע גראָבע מגושמדיקע פאָר־מען, וואָס הערשן ביי די יידישע און ניט יידישע מאַסן מיט אַ ריין מענטשלעכן גאָט און מיט אַ סיסטעם פון סגולות ווי אונטערצוקויפן אים און אויסצונפּענען ביי אים זיין הילף — זיינען זיי אַלע גלייך ווידער־ווערטיק פאַר דעם מענטשלעכן שכל. אין זייערע אידעלע מעטאַפיזישע און ריין רעליגיעזע געשטאַלטן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט פון זייערע רעליגיע־פילאָסאָפן, זיינען זיי אַלע גלייך הויך און רייך.

גלייבט איר אָבער אין איינעם מיט מיר, אַז די רעליגיע איז אַן אייביקער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם מין מענטש — און גאָרניט דער ערגסטער — קאָן זיך ניט באַפרי־דיקן מיט די אידעאַלן פון אמת, יושר, שיינקייט און חשיבות אין זייער וואכטדיקער, טאָג־טעגלעכער געשטאַלט; אַז אַט דער טייל מוז זוכן די

דאָזיקע אידעאַלן אויפצוהייבן אויף אַ העכערע מדרגה דורך דעם שטרעבן צו אייביקייט, אומענדלעכקייט און הייליקייט, וואָס שטאַמען אַרויס ניט פון זיי, נאָר פון גאָר אַן אַנדער מקור אין דער נשמה — גיט איר צו, זאָג איך, אַז די רעליגיע האָט איר אייגענעם קוואַל אין דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס קאָן קיין מאָל ניט אויסטריקענען אונטער די שטראַלן פון דעם שכל, ווייל דער קוואַל ליגט אַ סך טיפער, איידער דער שכל — איז דעמאָלט ווידער אַ ווילדע נאַרישקייט צו גלייבן, אַז וואָס מער מענטש אײנער איז, אַלץ ווייניקער ייד איז ער. עס איז אין דער יידישער רע־ליגיע, אין אירע העכערע מיסטישע פאָרמען פאַראַן געננג הייליקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט, אָדער ריכטיקער: עס איז אין איר, ווי אין יעדער הויכער רעליגיעזער געשטאַלט, דאָ געננג בענקשאַפט נאָך דעם הייליקן אייביקן „אין־סוף“, אַז אַ רעליגיעזער געמיט, וואָס קאָן זיך אי־בערהויפט צופרידן שטעלן מיט די היסטאָריש־געוואָרענע רעליגיעס, זאָל ניט דאַרפן שטילן זיין דורשט ערגעץ וואו אין דער פרעמד. אָבער — לאָמיר איצטער לאָזן דעם רעליגיעזן יידן אַן אַ זייט: דער רעליגיעזער גלויבן איז אַ צו צאַרטע זאַך, מען זאָל קאָנען דאָ פאַרשרייבן וואָס עס איז פאַר יעדן אײנצלנעם מענטשן. דער „סתם־מענטש“ האָט זיך דאָ פּשוט ניט וואָס אַריינצומישן, ווייל דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל מוז דאָ אין גאַנצן איבערגעבן זיין ממשלה צו דעם אינדיווידועלן שכל און געפיל, — און דאָס האָט שוין אַ ברעקל צו טאָן, ניט מיט „ייד“ און ניט מיט „קריסט“.

די רעליגיע־פראַגע מוז אויך פאַר דעם יידישן פאָלק בלייבן אַקוראַט אַזוי אינדיווידועל, ווי זי איז פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. קלייבט אָבער דער יידישער גייסט אויס דווקא די יידישע רעליגיע־פאָרעם, קאָן ער, פאַרשטייט זיך, זיין אין איר ניט ווייניקער מענטש, איידער אין אַ וועלכער עס איז אַנדער פאָרעם פון דעם רעליגיעזן גייסט.

ניט פיל צייט וועט אונדז אויך פאַרנעמען דער ראַסן־ייד און אויך דאָס ניט דערפאַר, ווייל די טעמע איז זייער אָרעם. אַדרבה, זי איז נאָך רייכער און פאַרוויקלטער, איידער דער ענין פון נאַציע און רעליגיע, אָבער פאַר דער אויפגאַבע פון מיין היינטיקער פאַרלעזונג וועט זיין געננג, ווען איך וועל נאָר אין אַ פּאָר שטריכן כאַראַקטעריזירן פאַר אייך יענעם שטאַנדפונקט אין דער פראַגע, וועלכן איך רעכן פאַר דעם ריכטיקן.

איך איז גאַנץ געוויס באַקאַנט, אַז אונדזערע אַסימילאַטאָרן ווערן ניט מיד צו באַווייזן אין דיקע, כּלומרשט וויסנשאַפטלעכע ביכער, אַז קיין יידישע ראַסע איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אונדזערע סתם־מענטשן

ווידער זיינען נוטה צו גלייבן, אַז „ראַסע״, אָדער אַזעלכע נאַציאָנאַלע סימנים, וואָס גייען איבער ביי אַ פאָלק בירושה פון דור צו דור, איז בכלל אַן אויסגעטראַכטע זאַך. על כּל פּנים גלייבן זיי, אַז וואָס מער איינער הייבט זיך אויף אין זיין אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אַלץ שוואַ־כער ווערן אין אים די נאַציאָנאַלע סימנים, און אַז ביי דעם גאָר גרויסן מענטשן מוזן זיי אין גאַנצן פאַרשווינדן. דער עיקר איז דאָס אמת פאַר יענע נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן אין דעם גייסטיקן שאַפן, אויף וועלכן מיר לייגן אַזוי פיל וואָג: אויף די באַזונדערע אַרט ווי אַרויסצוברענגען דעם אַלגעמיין מענטשלעכן אמת, אויף דעם „סטיל״ פון דעם שאַפן, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. וואָס העכער די מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער שטייען אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אַלץ מער — אַזוי גלייבט דער קאָסמאָפּאָליט — ווערט ביי זיי אויסגעגליכן דער סטיל פון דעם גייסטיקן שאַפן, אָדער, לכל הפחות, פאַרשווינדט אין זיי אַלץ מער די איינגעבוירענע נאַציאָנאַלע אַרט.

לאָמיר זען, צי אויך דאָס איז אמת.

אָט האָבן מיר אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע וויסנשאַפט, די אַלגעמיין־מענטשלעכסטע פון אַלע, די מאַטעמאַטיק. דוכט זיך, וואָס פאַר אַ ראָלע קאָן שפּילן דער „סטיל״ פון דעם נאַציאָנאַלן דענקען אין דעם באַשאַפן פון אַזעלכע אמתן, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר? און פונדעסטוועגן האָט מען אין דער לעצטער צייט אויסגעפונען, אַז דער נאַציאָנאַלער גייסט האָט אַ גאַנץ גרויסן חלק אין דעם אַרויסברענגען פון דער מאַטעמאַטישער קולטור.

פּראָפעסאָר מעביוס אין דייטשלאַנד האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך „וועגן דער בעפעאיגונג צו מאַטעמאַטיק״, וואו ער האָט אויסגעפונען, אַז די דייטשן און די פראַנצויזן באַשאַפן זייער מאַטעמאַטיק אויף אַ גאַנץ פאַרשיידענעם שטייגער. דער דייטש איז אין אָט דעם צווייג פון וויסן מער אינטואיטיוו; ער האָט דאָס באַדערפעניש צו זען מיט דעם שכלדיקן אויג יענע מאַטעמאַטישע גרויסן און סכומען, וואָס זייערע שייכותן דאַרף ער אַרויסברענגען אין דער וויסנשאַפט. אַ דורך און דורך אינטואיטיווער גייסט וועט זיך ניט באַנוגענען מיט דעם ריינעם טראַכטן צ״ב, אַז אַ גאַנצעס איז גרעסער, איידער אַ טייל פון אים. ער וועט תּוך כּדי דבור זען פאַרן שכלדיקן אויג אַ גאַנצע ליניע און אַ טייל פון איר, אַ גאַנצן צירקל און אַ טייל פון אים. און ניט נאָר פאַרשטייט ער די שייכות צווישן אַ גאַנצן און אַ טייל, נאָר ער זעט זי בחוש. דערפאַר האָט דער דייטש באַוויזן זיין

גאונות דאָרטן, וואו ער קאָן אָנווענדן געאָמעטריע. ער איז אין דער מאַטעמאַטיק אַ „געאָמעטריקער".

דער פראַנצויז ווידער איז אין וויסנשאַפט פון חשבון ניט קיין אינ־טואיטיווער, נאָר אַן אַנאַליטישער גייסט. ער איז אַ גרויסער בריה אין טראַכטן די סכומען און פאַרשטיין זייערע שייכותן. ער דאַרף זיי ניט זען פאַר זיין שכלדיקן אויג. דעריבער איז ער אַ גרויסער גאון דאָרטן, וואו ער קאָן אָנווענדן אַלגעבראַאישע מעטאָדן. ער איז דער „אַלגעבראַאיקער" אין דער מאַטעמאַטיק און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס ער האָט אַפילו די געאָמעטריע גענומען באַהאַנדלען אַלגעבראַאיש: דעקאַרט איז, אויב איר ווייסט, דער פאָטער פון דער אַנאַליטישער געאָמעטריע.

פון וואַנען די דאָזיקע נפקא מינה צווישן די דייטשע און די פראַנ־צויזישע געלערנטע? עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין דייטשער מאַטעמאַטיקער האָט זיך ניט אַ זאָג געטאָן: „אַזוי? — דער פראַנצויז איז אַן אַלגעבראַאי־קער? וועל איך, אים אויף צעפּיקעניש, ווערן אַ געאָמעטריקער!" עס איז אים אין זינען ניט געלעגן דער געדאַנק צו טאָן ווּעמען עס איז להכעיס. ער האָט זיך געשאַפן, ווי עס האָט בעסער געפּאַסט פאַר זיין גייסט און זיינע פעאיקייטן. און אַזוי האָט דאָס אויך געטאָן דער פראַנצויז. ערשט נאָכדעם, נאָך דורות פון מאַטעמאַטישן שאַפן און פאָרשן, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די דייטשע און פראַנצויזישע מוחות אַרבעטן אין דער מאַ־טעמאַטיק אויף אַ פאַרשיידענעם אופן; אַז איין און דעם זעלביקן פּראָבלעם נעמען ביידע פעלקער אויף אויף זייערע אייגענע „כּלים" און די כּלים זיינען ניט גלייך די אייגענע ביי ביידן.

נאָר באמת אַ חידוש נפלא איז דאָ אַרויסגעקומען מיט די יידישע מאַטעמאַטיקער. דאָס רוב מאַטעמאַטיקער־יידן זיינען ערצויגן געוואָרן אין דער דייטשער אַטמאָספערע און האָבן געשאַפן אונטער דער השפעה פון דער דייטשער וויסנשאַפט. על פי סברה האָט מען געמעגט זיין זיכער לכתחילה, אַז אין זייער שאַפן וועט זיך אָפּשפּיגלען דער דייטשער אינטואיטיווער טיפּ. וואָס לאָזט זיך אויס? פּראָפעסאָר מעביוס געפינט, אַז די יידישע מאַטעמאַטיקער גייען אין זייערע שאַפונגען ניט נאָך דעם דייטשן, אינטו־איטיוון, נאָר נאָך דעם פראַנצויזישן, אַנאַליטישן טיפּ. אויך זיי האָבן ליב אין דער מאַטעמאַטיק יענע אַרט פון דעם מאַטעמאַטישן שאַפן, וואו דער שכל דאַרף נאָר טראַכטן דעם ריינעם אַבסטראַקטן סכום און פאַרשטיין זיין אינעווייניקסטע טבע און שייכות צו די אַנדערע סכומען. דער ייד איז דאָ נענטער צו דעם פראַנצויז, ווען אַפילו ער לעבט אונטער דער גייס־טיקער השפעה פון דעם דייטש. און דאָס איז ניט נאָר אין דער מאַטעמאַטיק

אַזוי. ס׳איז גאָרניט שווער צו באַווייזן, אַז אויך אין דער פילאָסאָפיע און אין דער רעליגיע האָט דער יידישער מוח ליב יענע גייסטיקע רעגיאָנען, וואו עס קאָן פאַר אים פאַרשווינדן יעדער „פסל ותמונה״, יעדער אָנ־שויליכער בילד, און זיין שכל קאָן זיך באָדן אין דעם ריינעם עפיר פון דעם אַבסטראַקטן געדאַנק, וואו ער קאָן טראַכטן דעם ענין ריין פון יעדן בילדלעכן שאָטן און פאַרשטיין זיין אינעווייניקסטן תוך. פון דער אַנדער זייט האָט מען שוין אַ סך פריער באַמערקט, אַז אין פיל פּרטים פון דעם יידישן כאַראַקטער גייט ער זיך אַ סך מער צונויף מיט דעם לעבעדיקן, קוועק־זילבערדיקן, אומרואיקן טעמפּעראַמענט פון דעם פראַנצויז, איידער מיט דעם רואיקן, געזעצטן, ווען אויך דורכויס טיפערן טעמפּעראַמענט פון דעם דייטש.

ליידער קאָן איך מיך ניט לאַנג אָפּשטעלן אויף דעם ענין. איך וועל מיר ערלויבן צו מאַכן נאָר אַ פּאָר באַמערקונגען, כּדי אים צו מאַכן נאָך קלאָרער.

אין דער יידישער באַאַרבעטונג פון מיין „סאָציאַליזם און די נאַ־ציאָנאַלע פראַגע״, האָב איך שוין געהאַט די געלעגנהייט, אַרויסצוזאָגן דעם געדאַנק, אַז ווען מען זאָל נעמען אַזעלכע יידישע דענקער, ווי אבן־גבירול, וואָס האָט אין דעם עלפטן יאָרהונדערט געשריבן אַראַביש אין שפּאַניע וועגן טעאָלאָגיע, ברוך ספּינאָזע, וואָס האָט אין דעם 17טן יאָר־הונדערט געשריבן לאַטיין אין האָלאַנד, וועגן עטיק, און קאַרל מאַרקס, וואָס האָט אין דעם 19טן יאָרהונדערט געשריבן דייטש אין ענגלאַנד וועגן נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע — וואָלט מען, ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן מהלך, וואָס ליגט צווישן זיי אין יאָרן, שפּראַכן, לענדער און טעמען, פּאָרט אַרויסגעפונען אַ פונדאַמענטאַלן סימן, וואָס בינדט צונויף אַלע זייערע גייסטער צו איין און דעם זעלביקן טיפּ, דעם יידישן דענקער־טיפּ. דער פונדאַמענטאַלער בשותּפותדיקער סימן פון אַלע זייערע אַרבעטן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי נעמען אַ וועלכן עס איז איינהייטלעכן גרונט־פּרינציפּ, שטעלן עס אַוועק אונטער זייער גייסטיק אויג, וואָס ווירקט ווי אַ ריזיק פאַרגרעסערנדער מיקראָסקאָפּ, און דערזען אין זיין איינהייטלעכקייט אַ טאָפּלטקייט. די טאָפּלטקייט מאַכט זיי פעאיק צו שטעלן נייע פראַגן און זוכן נייע ענטפערס, ווי אויך אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן פּאָרטיק צו ווערן מיט די פּראָבלעמען, וואָס האָבן אינטערעסירט דעם מענטשלעכן גייסט ביז צו זיי. די טאָפּלקייט פירט דערנאָך סוף־כּל־סוף צו אַ מאָניזם, צו אַן איינ־הייטלעכן, שטרענג אויסגעהאַלטענעם געדאַנקען־סיסטעם.

גבירול נעמט די איינהייטלעכע פאַרשטעלונג פון דעם וועלט־גאָט, דעם „אל יחיד ומיוחד״, און אונטער זיין מיקראָסקאָפּישן אויג ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ צווייהייט: גאָט און גאָטס רצון. אויף דעם פונדאַמענט פון דעם געדאַנק בויט ער אויס אין זיין „מקור־חיים״ אַן איינהייטלעכע פאַנטעאיסטישע מעטאַפיזיק, וואָס קומט — אַ סך, אַ סך יאָרן פאַר שאָפּנ־הויערן — צו דעם רעזולטאַט, אַז דער תוך פון אונדזער וועלט איז דער געטלעכער ווילן.

ספּינאָזע נעמט די פּשוטע, איינהייטלעכע פאַרשטעלונגען פון „ליבע״ און „האַס״, לייגט זיי אַוועק אונטער זיין ריזיקן מיקראָסקאָפּן־אויג, און באַלד פאַלן זיי פונאַנדער אין צווייהייטן: ליבע איז אַ געפיל פון פרייד, פאַרבונדן מיט דער פאַרשטעלונג וועגן דער אורזאַך, וואָס רופט זי אַרויס; האַס איז אַ געפיל פון טרויער, פאַרבונדן מיט דער פאַרשטעלונג וועגן דער אורזאַך, וואָס רופט זי אַרויס. אָט דער אַנאַליז פון די איינפאַכע גע־פילן גיט ספּינאָזען די מעגלעכקייטן אויפצובויען אַן איינהייטלעכן סיס־טעם פון עטיק, וואָס שליסט אָפּ מיט דער לערע פון דער „שכלדיקער ליבע צו גאָט״.

קאַרל מאַרקס האָט אין זיין פּאָליטישער עקאָנאָמיע געהאַט צו טאָן מיט דער איינפאַכער, איינהייטלעכער פאַרשטעלונג פון „מענטשלעכער אַרבעט״. שוין פון אַדאַם סמיט אָן ווערט דער פּרינציפּ פון אַרבעט אָנ־געוועגדט, ווי אַ פונדאַמענט פאַר דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן בנין, אָבער נאָר אונטער מאַרקסעס מיקראָסקאָפּיש־פאַרגרעסערנדן אויג פאַלט פונאַנ־דער די איינהייטלעכע אַרבעט אין אַ טאָפּלטקייט: אין „אַרבעט״ און „אַרבעטס־קראַפט״, און ווי דורך אַ כּשוף עפענען זיך פאַר מאַרקסן אויף נייע האָריזאָנטן און נייע פאַרשונגס־וועגן, אויף וועלכע ער געפינט אויס די נפקא מינה פון ווערט און מערווערט און בויט אויף דעם שטאָלצסטן בנין פון זיין איינהייטלעכער, געדאַנקען־רייכער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע.

איך קאָן איצטער צורעכענען צו זיי נאָך אַ באַדייטנדן יידישן דענקער, וואָס איז אַזוי באַרימט געוואָרן אין דער לעצטער צייט. דאָס איז אַנרי בערגסאָן, וואָס שרייבט אין דעם סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט פראַנצויזיש אין פראַנקרייך, וועגן פילאָסאָפיע. בערגסאָן וויל אפשר גאָר ניט וויסן, אַז ער האָט אַ שייכות צו דעם יידישן פאָלק, אָבער ביי קיינעם פון די יידישע דענקער איז אָט דער גייסטיקער שאַפונגס־טיפּ, וועגן וועלכן איך רעד דאָ, ניט אַרויס אַזוי קלאָר, ווי גראָד ביי אים. דער פונ־דאַמענט פון זיין גאַנצן פילאָסאָפישן בנין איז אַ נייער געדאַנק וועגן דער צייט. זינט אַריסטאָטעלן מאַטערט זיך די דענקענדיקע מענטשהייט אויף

דעם פּראָבלעם פון דער צייט. אויף אַלע זייטן האָט מען געדרייט, באַטראַכט, געפּילאָסאָפירט וועגן איר, אָבער קיינעם איז ניט אַרויף אויפן זינען צו צווייפלען אין איר איינהייטלעכן כאַראַקטער. ערשט בערגסאָנס שכלדיק אויג געפינט אויס, אַז די איינהייטלעכע צייט, מיט וועלכע עס האָט צו טאָן די מענטשלעכע ערקענטעניש, איז באמת גאָר אַ צווייהייט: מען דאַרף האָבן שטענדיק אין זינען די נפקא מינה צווישן „צייט״ און „רעעלע דויער״. און כמעט אויף יעדן וויכטיקן שריט פון בערגסאָנס פאָרשן, ביי איטלעכן ווענד־פּונקט פון זיין געדאַנק געפינען מיר דאָס זעלביקע כאַראַקטעריסטישע שטיקל גייסט־אַרבעט: אַ פאָרשטעלונג, וואָס די פריערדיקע פאָרשער האָבן באַהאַנדלט, ווי אַן איינהייטלעכקייט, צעפאַלט זיך ביי בערגסאָנען אין צווייען. און פונדעסטוועגן בלייבט בערגסאָן, ביי זיין טעאָרעטישן קאַקעטירן מיט דעם דואַליזם, אַ מאָניסט און טרייבט מיט זיין גאַנצן סיסטעם צו אַ מאָניסטישער וועלט־אַנשויאונג.

אָט די וואונדערבאַרע פעאיקייט — מאַכן פון אַן איינהייט אַ טאָפּלטקייט און דורך דעם ווידער קומען צו אַ נייער איינהייט — איז איינער פון די קלאָרסטע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פיזיאָגנאָמיע פון דער ידישער טעאָרעטישער שאַפונגס־קראַפט. דער שטריך מוז, ווי מען קאָן זיך לייכט אָנשטויסן, ענג צונויפגעבונדן זיין מיט יענער פעאיקייט צו דעם אַבסטראַקטן אַנאַליז, וועלכן מעביוס האָט אַנטדעקט ביי די ידישע מאַטעמאַטיקער. דער ידישער אַנאַליז איז אַזוי אָנגעשטרענגט און שאַרף, אַז קיין איינהייט קאָן ניט אַרויסגיין גאַנץ פון זיין פּראָצעס. און די קראַפט פון אַבסטראַקציע, פון אַראָפּוואַרפן אַלע פאַרשיידנקייטן און לאָזן נאָר די איינהייט, איז פון איר זייט אַזוי שטאַרק און טריאומף־זיכער, אַז סוף־כל־סוף שפּאַנט זי איין דעם אַנאַליז אין איר רייטוואָגן און צווינגט אים, דעם שונא פון יעדן מאָניזם, ער זאָל דערפירן דעם גייסט צו דעם לעצטן איינהייטלעכן ציל.

אַ וואונדערבאַרער געפלעכט פון היפוכים, פון ווידערשטרייטנדער קראַפט איז דער ידישער שאַפנדער גייסט. און איז נאָר דער טעאָרעטישער גייסט אַזאַ משונהדיקע איינהייט פון קעגנזאַצן? געפינען מיר ניט די זעלביקע צונויפגעפלאָכטנקייט פון היפוכים אויך אין דעם כאַראַקטער פון דעם „עמא פזיזא״ און דעם „עם קשה־עורף״, פון דעם פאָלק, וואָס האָט שוין ניט איין מאָל אין זיין געשיכטע אין דער זעלביקער צייט אַרויסגעשטעלט אַן אַזוף און אַ גערשוני? ליגט ניט אין אָט דעם קאַמף פון אינעווייניקסטע היפוכים די אורזאַך פון דער ידישער אומרו? קאָנען מיר אפשר אויף דעם וועג געפינען דעם שליסל צו די סודות פון דער

יידישער נשמה, וואָס איז ביי איר גאַנצן אָפּטימיזם אין גרונט אַזוי טראַ־גיש — אָדער וואָס איז אפשר ביי איר גאַנצער טראַגיק פול מיט לעבן און מיט דורשט צום לעבן? איז אפשר די טראַגיק פון דעם יידנס נשמה אַ פּירוש אויף דער טראַגיק פון זיין געשיכטלעכן גורל? אָדער איז זיין טראַגישער גורל אַ נויטווענדיקער פּועל־יוצא פון זיין צעריסענער נשמה?

אַ ברויזנדער ים מיט פראַגן עפנט זיך פאַר אונדזערע אויגן. מיר מוזן אָבער איצטער בלייבן ביי זיין ברעג. עס איז נאָך כמעט גאָרניט ניט געטאָן געוואָרן, כדי אַריינצודרינגען אין די טיפענישן פון דעם יידישן דענקען, פילן און וועלן.

אַ סך, אַ סך אַרבעט מוז פריער נאָך געטאָן ווערן, איידער אונדז וועלן קלאָר ווערן די סודות און יסודות פון דעם יידישן שאַפן. ניט נאָר דער היימישער אוצר מוז אויסגעפאָרשט ווערן, נאָר אויך דאָס, וואָס יידן האָבן געבויט אין דער פרעמד, מוז אַנאַליזירט ווערן, לויט דעם זעלביקן פּרינציפּ, וועלכן מעביוס האָט אָנגעווענדט אויף דער מאַטעמאַטיק. ערשט דעמאָלט וועלן מיר אויסגעפינען דעם אמתן מהות פון דעם ראַסן־ייד. דערפאַר קאָנען מיר אָבער שוין איצטער אָוועקשטעלן דרויסן פון יעדן ספק לכל הפחות דעם פּונקט, אַז אויך דער ייד האָט אין זיך אַ געוויסן ראַסן־בוי פון זיין מוח, וואָס שפּרינגט אַרויס אין דעם סטיל, אין דעם טיף פון זיינע גייסטיקע באַשאַפונגען. וויל מען דעריבער שטודירן די ראַסן־אייגנשאַפטן פונעם יידן, ווי אויך די ראַסן־אייגנשאַפטן פון אַ פאָלק בכלל, דאַרף מען זיך אָפּגעבן ניט אַזוי מיט די אויגן און די האָר און דעם דריי פון דער נאָז־ליניע, ווי אַ סך מער מיט די פּראָדוקטן פון דעם פאָלקס־שאַפן אויף אַלע פעלדער פון דער קולטור; און ניט אַזוי מיט זייער אינהאַלט, ניט אַזוי מיט דעם „צוויי מאָל צוויי איז פיר", וואָס זיי ברענגען אַרויס, ווי מיט דעם וועג, אויף וועלכן זיי קומען צו דעם אמת, מיט דעם „סטיל", דעם טיף דענקען, די אַרט, ווי זיי באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל. נאָר דאָ קאָנען מיר אַרויסגעפינען דעם בוי פון יענער „כלי", וואָס גייט איבער מיטן בלוט פון דור צו דור, און וואָס דריקט זיך אויס אין אַלע שאַפונגען פון דעם פאָלק.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז די דאָזיקע כלי, דער דאָזיקער גייס־טיקער שאַפונגס־טיפּ טרעט אַרויס גלייך קלאָר און שאַרף ביי יעדן קינד פון דעם פאָלק. נעמט איר אַ פּשוטן דייטש, אַ פּשוטן פראַנצויז,אַ פּשוטן יידן, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט מאַטעמאַטיק, וועט איר אין זייערע חש־בונות ניט באַמערקן זייער נאַציאָנאַלן „גייסט". דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער כוח פון מאַטעמאַטיק איז ביי זיי שוואַך, ער איז ניט באַשאַפעריש

און ממילא טוט ער נאָך, וואָס און ווי אַנדערע האָבן אים געלערנט. דער פּשוטער מענטש איז אין זיין מאַטעמאַטישן שאַפן אפשר אַ האָר ניט נאַציאָנאַל. דעם נאַציאָנאַלן כוח אין דער מאַטעמאַטיק דאַרפט איר שטו־דירן ניט ביי די מאַסן, נאָר ביי די העלדן, ביי די גאונים פונעם מאַ־טעמאַטישן שאַפן. ווייל דער מענטש איז אין זיי שטאַרקער, איז ממילא אויך שטאַרקער אין זיי יענער טייל מענטש, וואָס דריקט זיך אויס אין זייער נאַציאָנאַלן גייסטיקן טיפּ.

גאַנץ דאָס אייגענע איז אויך מיט יעדן אַנדער צווייג פון דער קול־טור. פאַרגלייכט איר צוויי מיטלמעסיקע פּויערים פון צוויי פעלקער, וועט איר געפינען אין זיי אַ סך פאַרשיידנקייטן אין דער אויסערער קולטור, אָבער ווייניק פאַרשיידנקייטן אין דעם גייסטיקן בוי. און נעמט איר אַנ־שטאָט פּויערים רייניע אידיאָטן האָט איר דעמאָלט אין גאַנצן פאַר זיך דעם קאָסמאָפּאָליטישן אידעאַל פון דעם „סתם־מענטש". אַן אידיאָט, איז אַן אידיאָט — אַלץ איינס פון וועלכע עלטערן ער שטאַמט. אָבער קוים הייבט איר אָן צו פאַרגלייכן שטאַרקע טאַלאַנטן און זשעניעס, אַזוי טרעטן אין זיי קלאָר אַרויס, אַחוץ דער אינדיווידועלער פאַרשיידנקייט, נאָך די פאַרשיידנקייטן פון זייער נאַציאָנאַלן טיפּ, פון זייער אייגנאַרטיקן סטיל אין שאַפן.

צו די זעלביקע רעזולטאַטן קומען מיר, ווען מיר פאַרגלייכן די ניי־דעריקערע פעלקער צווישן זיך און די העכערע ווידער באַזונדער צווישן זיך. אַ בושמען פון אַפריקע און אַ פּאַפּואַס פון אויסטראַליע זיינען אַ סך נענטער איינער צו דעם אַנדערן, לויט דעם בוי פון זייער נשמה, איידער דער דייטש פון בערן און דער פראַנצויז פון זשענעווע, וואָס וואוינען אין איין לאַנד און רעכענען זיך צו איין פּאָליטישן פאָלק.

אויף וואָס אַ העכערער קולטור־שטופּע אַ פאָלק שטייט, און וואָס שטאַרקער עס זיינען די שאַפונגס כוחות פון זיינע קינדער, וואָס מער זייער נשמה האָט אַנגעזאַפּט אין זיך די רייכע קולטור פון דורות, אַלץ קלאָרער אויסגעקריסטאַליזירט איז אין זיי די פאָרעם פון דעם נאַציאָנאַלן שאַפן. ממילא איז וואָס מער מענטש אַ ייד איז, וואָס שטאַרקער אין אים זיינען די מענטשלעכע שאַפונגס־כוחות, אַלץ בולטער מוזן זיך אַרויסווייזן אויך זיינע נאַציאָנאַלע כוחות, אַלץ מער „ייד" מוז ער זיין.

די נאַציאָנאַלע שאַפונגס־כוחות פון דעם יידישן פאָלק זיינען איצטער צעבראָכן און צעפּיצלט, צעריבן אויף פּולווער און צעשפּרייט צווישן די פאַרשיידענע פעלקער. זייער שאַפן קאָן ניט זיין אין גאַנצן פריי. און פונ־דעסטוועגן קאָנען זיי אַפילו איצטער ניט אין גאַנצן פאַרטונקלט ווערן.

אָבער וואָס פאַר אָריגינעלע און רייכע פּראָדוקטן פון דער מענטשלעכער קולטור וואָלטן געקאָנט אַרויסקומען, ווען די דאָזיקע כּוחות וואָלט זיך צו־נויפגעגאָסן אין איין באַסיין, באַפרוכט איינע די אַנדערע און זיך פונאַנדער־געגאָסן אין דער גאַנצער פריי! מיט וואָס פאַר פיל־פאַרביקע פונקען פון גייסט וואָלט אויפגעבליצט דעמאָלט דער יידישער בריליאַנט, וועלכן דורות און דורות האָבן געהאַלטן אין איין שליפן און שליפן!

מיר קאָנען דעריבער אַלע אונדזערע היינטיקע באַטראַכטונגען צו־נויפפרעסן אין איין איינציקער פאָרמול, וואָס זאָגט, אַז וואָס מער מענטש אַ ייד איז, וואָס טייערער אים זיינען די רייכע אייגנאַרטיקע פאָרמען פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס העלער אין אים לייכט דער פונק פון מענטשלעכע חשיבות און דרך־ארץ צו דעם מענטשן אין זיך אַליין, וואָס טיפער אין אים שמאַרצט די וואונד פון דעם יידישן שטאָלץ, אַלץ מער ייד איז ער, אַלץ ברענענדיקער לעבט אין אים דער וואונטש צו דינען דעם אייגענעם פאָלק און העלפן אים מיט אַלע כּוחות, אַז ער זאָל באַשאַפן פאַר זיך די מעגלעכקייט פון אַ רייכן, פרייען, שיינעם, שטאָלצן און חשובן לעבן אין דער אייגענער היים!

זייט מער מענטשן, וועט איר זיין בעסערע יידן, ווייל...

וואָס מער מענטש, אַלץ מער ייד!